STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00804

# GEBRENTE TRIT

Zusman Segalowitch

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Aaron & Bernice (nee Sperling) Seiden*
*in memory of*
*beloved parents, Herman & Jeannette Sperling*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סעגאלאָוויטש

# געברענטע טריט

די הכנסה פונעם בוך איז באשטימט פאר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום.

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון א רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
טאַניא פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע לענדער
יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
שלמה וואַגאַ: חורבן טשענסטאָכאָוו
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָגבוך)
לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פּוילן
רחל ה. קאָרן: לידער

ז. סעגאלאָוויטש

# געבריינטע טריט

אײנדריקן און איבערלעבונגען פון א
פּליטים־וואַנדערונג

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע
פאַרלאַגס־לײטונג: אברהם מיטלבערג
בוענאָס אײרעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY
Z. SEGALOWICZ, 1947

**Z. Segalowicz**

**GEBRENTE TRIT**

(Pasos candentes)

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

# אינהאלט:


I. מיין לעצטער פרייטיק אין ווארשע — 7

II. די נאכט פון אוועקגיין — 18

III. דער צוג פון די זשורנאליסטן — 40

IV. מענטשן אויפן שאָסיי — 58

V. אין ראָוונע — 77

VI. אין קאָוונע — 101

VII. אין קאראהאָד פון די פליטים — 113

VIII. קאפע „מאָניקאָ" — 129

IX. ביים פארפרוירענעם ניעמאן — 147

X. מיט די רוסן — 160

XI. אויטאָביאָגראפיעס — 178

XII. זיי־געזונט, קאָוונע — 202

XIII. אין מאָסקווע און אין אָדעס — 214

XIV. אין תל אביב — 231

## I

# מיין לעצטער פרייטיק אין ווארשע

איך קאָן זיך נישט מוחל זיין, וואָס אין יענעם טאָג, אין טאָג פון מלחמה־אויסברוך, בין איך געווען צופיל פארנומען מיט זיך. איך האָב יענעם טאָג צופיל געטראכט וועגן די שרעקן, וואָס אונדז דערוואַרטן. אין אזא טאָג האָט מען געדאַרפט מער קוקן, מער זען, אָנקוקן אַלץ און זיך געזעגענען מיט אַלץ...

די לעצטע טעג פון ערב־מלחמה איז שוין קיינער פון אונדז נישט איינגעזעסן אין דער היים. די אומרואיקייט האָט אונדז ארומגעטראָגן פון רעדאקציע אין ליטעראטן־פאראיין, פון פאראיין אין קאפע. מיר האָבן געזוכט חברים, באקאנטע, מיר זענען אַלע אזוי ווי צעדולט און נאריש געוואָרן אין אָפּווארטונג פון גרויסן אומגליק און יעדער איינער האָט גע־טראכט, אז דער צווייטער איז קליגער און ווייסט מער... די ראדיאָס פון דער גאנצער וועלט האָבן געגרילצט און דערציילט, אז דייטשישע מיליטע־רישע צוגן גייען צו דער פּוילישער גרענעץ, אַלץ מער צוגן, אַלץ מער מי־ליטער. אין אונדזערע קרייזן האָט ווער געוואָרפן א פראזע, אז דייטש־לאנד סטראשעט בלויז, אז צו קיין מלחמה וועט נישט קומען. האָט מען זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און געגארט זיך פיל שעהן. דעם לעצטן דאָנערשטיק, ביז שפּעט אין דער נאכט זענען מיר געזעסן אין יידישן רעסטאָראן „פּי־קאדילי”. יעדע פּאָר מינוט האָט רעדאקטאָר שוואלבע געבראכט נייעס און יעדע פּאָר מינוט די זעלבע נייעס אָפּגעלייקנט. מיד איז מען געווען, נעבראָכן, אָנגעשראָקן... די קעלנערס האָבן זיך כסדר צוגערוקט צו אונדזער שרייבערישן טיש, אָנגעשטעלט די אויערן און געוואָלט כאַפּן א וואָרט. די לעצטע געסט פון רעסטאָראן האָבן שטארק געקוקט צו אונדז, געמיינט,

אז מיר ווייסן עפּעס. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געוווּסט... מען האָט גע־רעדט און פון רעדן געדענק איך א פראַזע:

— א מלחמה אין די געדיכטע יידישע ישובים וועט זיין דאָס גרעסטע אומגליק פאר אונדז יידן.

שפּעטער איז אריינגעלאָפן בערנארד זינגער. ער איז געקומען פון די פוילישע זשורנאליסטן. ער האָט אָפּגערופן שוואַלבען און עפּעס גע־רעדט מיט אים. זינגער איז באַלד צוריק אוועק. שוואַלבע איז געקומען צוריק צו אונדזער טישל מיט א פראַזע בלויז:

— נישטאָ שוין קיין האָפענונג.

איז שטיל געוואָרן. אין דער שטילקייט האָט ער זיך ארויסגערוקט פון רעסטאָראַן. שפּעטער האָבן מיר זיך אויך אויפגעהויבן. שווער איז געווען אויפן הארצן, אזוי שווער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. אויף דער גאַס זענען מיר געווען א גרעסערע גרופּע: מנחם קיפּנים, ד״ר גאָטליב, די צוויי בארימטע ארטיסטן פון קליין־טעאַטער — דזשיגאַן און שומאַכער, דער סעקרעטאַר פון „מאָמענט״ י. י. פּראַפּוס. עס זענען געווען נאָך עטלעכע פּערזאָן. שטענדיק אין אזא אָוונט האָט מען זיך געוויצלט, היינט האָבן אַלע געשוויגן. בלויז דזשיגאַן האָט אקראָבאַטיש א שפּרונג געטון און ארויסגעשריגן צו דער נאַכט:

— און איך וויל זיך וועטן מיט דער גאַנצער וועלט, אז קיין מלחמה וועט נישט זיין.

— הלוואי — האָט קיפּנים אונטערגעכאַפּט.

אין דעם איז א קאַץ דורכגעפלויגן, די קאַץ איז ארונטערגעפאַלן אונטער אן אויטאָמאָביל. נישט דערהרגעט געוואָרן, נאָר געבליבן ליגן אויפן מיטן פון דער גאַס. די קאַץ האָט שרעקלעך געקרעכצט... איך וואָלט נישט געגלויבט, אז א קאַץ קאָן אזוי הארצרייסנד קרעכצן...

— נישט קיין גוטער סימן — האָט קיפּנים ווידער א ברום געטון...

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס עס געדענקט זיך מיר פון דעם לעצטן אויגוסט־טאָג פון ניין און דרייסיקסטן יאָר. מאָרגן — דער ערשטער סעפּטעמבער.

פארטאָג בין איך איינגעשלאָפן און זיבן אין דער פרי האָבן מיך די שטוב־לייט אויפגעוועקט. איך האָב געעפנט די אויגן און אָנגעשטעלט די אויערן:

— מלחמה, דער דייטש איז באַפאַלן פּוילן. די פאָרשטאָט פּראַגע איז שוין באָמבארדירט געוואָרן, מאַקאַטאָוו שוין אויך באָמבארדירט, פאַראַן קרבנות...

אויפגעשפרונגען בין איך פון געלעגער און צוגעלאָפן צום פענ־סטער, געוואָלט זען, ווי מיין אַלטע וועלט זעט אויס. דעבער און דעבער, איבער די דעבער א בלויער הימל, א רואיקייט פון גאָט אליין געזאלבט. דער פּוילישער הערבסט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, די רואיקייט פון דער נאַטור, די מעלאַנכאָליע, וואָס שוועבט אין דער לופט... וואָס מעלאַנכאָליע? ווי מעלאַנכאָליע? דריי זילבערנע אעראָפלאַנען, אין דער פאָרם פון א „סגל" שוועבן הויך־הויך איבער מיין דאַך. די זעניט־ארטילעריע באַשיסט זיי. די ווייסע רויכעלעך שווימען און צעשווימען זיך ארום די אעראָפּלאַ־נען. איך האָב דאָס געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, געווען אפילו א נייגעריקייט, נאָר קיין שרעק האָב איך נישט געהאַט, כאָטש סירענעס האָבן געשריגן איבער גאַנץ וואַרשע און די שכנים זענען געלאָפן פון די טרעפּ מיט די קינדער אין די קעלערס. איך האָב נישט מורא געהאַט. ערשט שפּעטער אין עטלעכע טעג, ווען איך האָב געזען די ערשטע טויטע, די צעברעקלטע מענטשן, דעמאָלט האָב איך דערפילט, וואָס דאָס איז אזוינס, איך האָב שוין דערפילט, דערפילט...

פרייטיק דער ערשטער סעפּטעמבער פון טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק. פרייטיק... גאָר אן אנדער פרייטיק. שטענדיק ביז איצט איז דער דאָזיקער טאָג געווען פאַר אונדז די ראַזשינקע פון דער וואָך. פאַר אונדז, דאָס מיין איך די יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער פון פּוילן. פרייטיק פלעגן דערשיינען די שענסטע נומערן פון אונדזערע צייטונגען. דאָס זענען געווען גאַנצע אָרקעסטערס און טאָקע פרייטיק פלעגן זיך די חברים ליב האָבן צו באַגעגענען. די „מוזיקאַנטן" פלעגן דאָ ארומרעדן, וועמענס אָרקעסטער האָט בעסער געשפּילט און וועלכע סאָליסטן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט. עס איז געווען ווענן וועמען צו רעדן. די וואַרשעווער צייטונגען האָבן געהאַט פנימער, פיגורן... אזא צייטונג האָט געהאַט וואָג.

זשורנאַליסטן, פּעליטאָניסטן, דערציילער מיט פּאַרנעם, יעדע רעדאַקציע האָט אירע פאַוואָריטן. נישט צו פאַרגעסן זיי, נישט צו פאַרגעסן הלל צייטלין, סטופּניצקין, ד"ר גאָטליב, יאושזאָן, נח פּרילוצקי. אַזאַ צייטונג פון פרייטיק איז נישט געווען בלויז צייטונג. דאָס איז אויך געווען דאָס ייִדישע וואָכן־בלאַט. אַזאַ צייטונג איז געווען אָנגעפּיקט מיט וואָכעדיקע נייעס און באַפּוצט מיט יום־טובדיקן טאַלאַנט. אַזאַ צייטונג מיט די נעמען פון שלום אַש, זשאַבאָטינסקי, בערנאַרד זינגער, משה קליינבוים, אהרן איינהאָרן, ניימאַן, ריקליס, אהרן צייטלין, שעפּנער, ערליך, יצחק גרינבוים און יצחק שיפּער און אַנדערע און אַנדערע. יעדער איינער אויף זיין געביט...

מען פלעגט זיך וואַרפן אויף אַזאַ צייטונג פון פרייטיק. מען האָט עס געלייענט מיט אַפּעטיט, מיט אָנרעגונג... אָבער אין יענעם פרייטיק, בעת די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווער האָט שוין געקוקט אויף די מאמרים? ווער האָט עס אין האַנט גענומען? די בלעטער האָבן זיך געוואַלגערט פאַרלאָזן אויף די טישלעך און... אונטער די טישלעך...

אין די ייִדישע געבעקס־געוועלבער זענען געלעגן די ליכטיקע חלות אויף שבת. פאַרבייגעגאַנגען, אַ קוק געטון און פון דעם קוק איז אַ שניט אין האַרץ פאַרבליבן. אַי, איך האָב גוט געקענט די ייִדישע גאַסן מיט זייער טומלדיקער וואָך, איך האָב אויך געקענט דעם פרייטיק, דעם ערב שבת. די ווייבער מיט די קאָשיקעס, די מערק, די פּרוכט־פאַרקויפער מיט זייערע וועגעלעך, מיט זייערע הילכעדיקע און ייִדיש־פרייליכע אויסגעשרייען:

— לכבוד שבת...

— עפּל, באַרנעס, שבת־אויבס...

— פלוימען, גלעזעלעך וויין... לכבוד שבת.

דערנאָך פלעגן די וועגעלעך אָוועקפאָרן און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, נעוועלב נאָך געוועלב, שלאָס און שליסל פלעגן סקריפּען, שטאַבעס פלעגן אַראָפּפאַלן און ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע... אויס טומל, אויס יריד. שבת. וויפל מאָל האָב איך זיי געבענטשט פאַר דער פרידלעכער רואיקייט אויף אונדזערע גאַסן אין שבתדיקן טאָג...

אונדזערע, אויף אן אמת אונדזערע גאסן, דאס זענען געווען די נאַ־לעוווקעס, מיט דער פראנטשיסקאנער, מיט דער דזשיקער, מיט די נאוואַ־ליפּיעס...

נישט קיין דאנקבארע פּאָפּולאריטעט האָבן געהאט די ווארשעווער „נאַלעוווקעס" אויף דער וועלט. מיט די נאַלעוווקעס פלעגט מען זיך זידלען אויך ביי יידן: „גיי אויף די נאַלעוווקעס", „נאַלעוווקער געשעפטן", „נאַ־לעוווקער שווינדלער". אַט די דאָזיקע פראזן האָט מען זייער אָפט געהערט און עס האָט זיך געקאָנט שאפן א באגריף, אז די נאַלעוווקעס מיטן שווינדל גייען האנט ביי האנט, זיי זענען אייביקע געטרייע שותפים, ווילט זיך מיר דאָ, אין נאָמען פון די נאַלעוווקעס צוריקוואַרפן דעם דאָזיקן בלבול...

איך פלעג אויף די נאַלעוווקעס קומען יעדן טאָג. טומלדיק איז דאָרטן געווען, שוין צו טומלדיק, א שטורך אין א זייט, א טראָט אויף א פוס... נו, איז וואָס? זיי האָבן זייער דינאמישקייט אויסגעדריקט אויף זייער שטיי־גער, די נאַלעוווקער יידן, זיי זענען שטענדיק געווען זייער פארנומען. זיי האָבן שטענדיק ערגעץ געאיילט און עס איז שוין מן הסתם אזוי געווען, אז אָן דעם איילעניש האָט מען קיין פרנסה נישט געקאָנט געפינען...

נישטאָ אזא לייכטע זאך, אזא פלאַכע זאך ווי די שנאה איז; פּוסט און גראָב־יונגעריש איז די פילאָזאָפיע פון שנאה. די חכמה גריבלט. זי ליידט און לעבט איבער, זי טראכט איבער, זי זוכט און פאָרשט, איידער זי טראָגט ארויס איר פּסק. די שנאה איז אויבערפלעכלעך. געגוג א וואָרף צו טון דאס וואָרט: „נאַלעוווקעס", דאס וואָרט „הענדלער", „קאַפּאָטעס", און עס קומט אליין פון זיך די פאראכטונג. און דאס איז נישט ווענן איי־נעם, ווענן א יחיד, נאָר ווענן א גאנצן קווארטאַל, וואָס לעבט און ארבעט אויף זיין שטייגער. די באַשולדיקער קומען אליין, זיי רופט קיינער נישט, זיי זענען אויך די פאָרשער און זיי טראָגן ארויס דעם אורטייל. זיי שרייען און פארשרייען...

די נאַלעוווקעס האָבן געלאָזן אויף זיך שרייען. זיי האָבן געארבעט, געליטן און קיינמאָל זיך נישט פארטיידיקט...

די נאַלעוווקעס האָבן געארבעט זייער שווער און זיי האָבן א סך געשאפן.

די נאַלעוווקעס! דאס איז געווען א גרויסער צענטער אין יידישן

קוואַרטאַל. ווען מען רעדט וועגן די נאַלעווקעס, מוז מען אויך דערמאָנען נאָך עטלעכע שותפותדיקע גאַסן, וועלכע זענען געווען מיט די נאַלעווקעס איין גאַנצעס: די ביעלאַנסקאַ, די גענשאַ גאַס, די פראַנטשישקאַנער און שוויענטאָ־יערסקאַ גאַס זענען געווען זייער שטאַרק צונויפגעקניפּט מיטן צענטער פון יידישן האַנדל, מיט די נאַלעווקעס...

די נאַלעווקעס האָבן קודם כל באַדינט פינף און דרייסיק מיליאָן מענטשן פון דער פּוילישער מלוכה מיט קנעפּלעך. נישט געווען קיין איין קנעפּל אין גאַנצן לאַנד, וואָס איז נישט געקומען פון די נאַלעווקעס. דאָס אַליין איז שוין אַ געוויסער פאַרדינסט פאַר דער געזעלשאַפט, ווייל ווי וואָלטן עס אויסגעזען די פינף און דרייסיק מיליאָן בירגער, ווען זיי האָבן נישט קיין קנעפּלעך. אָבער דאָס איז בלויז אַ דעטאַל. די נאַלעווקעס האָבן געהאַט קאָנצענטרירט אין זייערע לאַגערן גאַנצע בראַנזשעס, אַלע שלייקעס, אַלע שפּילקעס, קראַוואַטן, העמדער, קראַגן, שפּיצן, קרויזן, געטרעס, גאַרדינען, קאַמען, שנירלעך, סטענגעס, נאָדלען... נישט געווען קיין איין זאַך פון דער גאַלאַנטעריי, וועלכע די נאַלעווקעס האָבן נישט פאַרקויפט אין גאַנץ פּוילן, דאָרף און שטאָט, ייד און קריסט און אַנטיסעמיט. אַלע האָבן געמוזט קויפן אויף די נאַלעווקעס. לאָדזש, לעמבערג, קראָקע און לובלין, אַלע גרויסע שטעט זענען געצוווּנגען געווען אָנצוקומען צו די נאַלעווקעס. איז דאָרט געווען אַ באַוועגונג נישט קיין קלענערע, ווי אין דער סיטי אין לאָנדאָן, נישט קיין קלענערע, ווי אויף די בולוואַרן אין פּאַריז...

אָבער מיט איין אונטערשיד: אויף די נאַלעווקעס איז מען נישט געגאַנגען, מען איז דאָרט געלאָפן, געשוווּמען, כמעט געפלויגן. אַ נערוועזע איילעניש האָט די איינקויפערס געיאָגט פון איין געשעפט אין צווייטן. קליין־שטעטלדיקע קרעמערס האָבן אויף די נאַלעווקעס קיין איבעריקע צייט נישט געוואָלט פאַרלירן. דאָס איז געווען קאַלקולאַציע, חשבון: אָפּ־פּטרן די נאַלעווקעס און לויפן צוריק אין דער פּראָווינץ אַריין, ווייל וואַרשע קאָסט געלט, עס קאָסט אין האָטעל, עס קאָסט... דאָס פאַלט אַלץ אַ לאַסט אויף די איינגעקויפטע סחורה. מען מוז דאָך פאַרקויפן ביליג, ווייל די קאָנקורענץ איז גרויס.

ציטנווייז האָט עס אויסגעזען משונהדיק, די דאָזיקע אומגעדולדיקע

באוועגונג. יידן מיט בערד, מיט אויפגעפראלטע קאפאטעס. די עקן פון טלית־קטן טאנצן אונטער. זיי לויפן, די יידן און דערביי טראגט מען א זיבן־אכט פעקלעך, א צוואנציק שאכטלעך מיט סחורה... וואס איז פאר אים דער טראמוויי, דער אויטאמאביל און דער פארבאט אריבערצוגיין די גאס אין געוויסע פונקטן? ער ווייסט נישט פון אזעלכע זאכן. ער ווייסט פון איינס, אז אין טשיזשעווע אדער אין קוטנא האט ער א ווייב מיט קינדער און מען דארף פרנסה. הונדערטער גאסן־טרעגער האבן געארבעט פאר די נאלעווקעס: האנט־וועגעלעך, בעלי־עגלות, לאסט־אויטאמאבילן...

און נישט בלויז די פראווינצער סוחרים פלעגן עס ארומקומען אויף די נאלעווקעס. די מיליאנענשטאט ווארשע האט אויך געליפערט אהין גע־נוג קונים. עס פלעגן קומען קלענערע און העכערע באאמטע, פרויען פון מיניסטארן, פרויען פון דיפלאמאטן: אויף די נאלעווקעס קאסט אלץ ביליגער...

די אלע מענטשן צוזאמען מיט די לאסט־אויטאס, וועגענער פלעגן עס שאפן די טומלדיקע נאלעווקער באוועגונג, אויף וועלכער די פיינשמעקער פלעגן קרימען מיט דער נאז. אבער די נאלעווקעס האבן שוין געהאט אזא טבע, זיי האבן זיך צו קיין זאך נישט צוגעהערט, זיי האבן ווידער קאל־קולירט און ווידער געהאנדלט. עס זענען דארט געווען סאלידע, גרויסע פירמעס און עס זענען אויך געווען קליינע געשעפטלעך, וועלכע האבן גע־מאכט בליץ־געשעפטן, שנעל געקויפט און פארקויפט. איך האב דארט אמאל אליין געזען, ווי איינער א סוחרל האט אויסגענוצט דעם צווייטנס פלייצע, כדי אויף שנעל אונטערשרייבן א וועקסל. קיין בעסערן מיטל האט ער אויף דער גאס נישט געהאט. דאך א טעות האבן אלע, אויב זיי טראכטן, אז די נאלעווקעס זענען געווען בלויז פארן האנדל. בלויז פאר סוחרים און סוחרימלעך. אמת, די פראנטן פון די טויערן זענען דארטן געווען באהאנגען דורך און דורך מיט שילדן, מיט רעקלאמעס, אבער די נאלעווקעס האבן נישט בלויז געהאנדלט, זיי האבן אויך פאבריצירט. אויף יעדן הויף זענען דארט געווען צענדליקער גרויסע אדער קלענערע ווערק־שטאטן, וועלכע האבן באשעפטיקט א גאנץ היפשן פראלעטאריאט. אויף די נאלעווקעס האט מען אויסגעארבעט מיליאנען בערעטן, שטרויענע און פילצענע היט, זאקן, סוועטערס, שאליקעס, שירמס און דאמען־טארבעס.

דער ייד מיט דער באָרד און מיטן טלית־קטן האָט געוווסט אין זיין פּאַך אַלץ פון דער לעצטער פּאַריזער מאָדע. ער איז אין דער הינזיכט אַבסאָלוט נישט אָפּגעשטאַנען...

די נאַלעווקעס האָבן אינטענסיוו געאַרבעט פאַר מיליאָנען מענטשן. דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזער צענטער פאַר מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריי־אַרטיקלען. זיי האָבן געאַרבעט נאָך מער ווי פאַר פינף און דרייסיק מיליאָן מענטשן, ווייל אַ שיין ביסל אויסאַרבעטונגען זייערע זענען געגאַנגען פאַרן עקספּאָרט.

עס וועט אַמאָל קומען דער אָביעקטיווער אויספאָרשער און ער וועט דער וועלט דערציילן, וויפל מי און פלייסיקייט עס האָט געלעבט אין דעם מענטשן־מוראַשניק, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „נאַלעווקעס". איך וויל זיי בלויז דערמאָנען, די יידן פון די נאַלעווקעס, מיט אַ גוט וואָרט. איצט... איך האָב זיי שטענדיק געשעצט פאַר זייער שנעלקייט, פאַר זייער אָריענטירן זיך, פאַר אַרבעט. איך רעד דאָ נישט וועגן דעקלאַסירטע מענטשן, וועגן מעקלערס, נאָר וועגן מענטשן, וועלכע האָבן פּראָדוצירט און באַדינט פינף און דרייסיק מיליאָן איינוווינער...

די נאַלעווקעס זענען געווען טייער צוליב נאָך עפּעס: אויף נומער איינס פון דער דאָזיקער גאַס, אין סימאָנס פּאַסאַזש, איז געווען דער יידישער פאַרלאַג „קולט־בוך". דאָס איז געווען דער גרעסטער צענטער פון יידישע ביכער אויף דער וועלט. באַמבעס האָבן אָנגעצונדן דעם בנין און דער פאַרלאַג איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. מענטשן האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז די יידישע ביכער האָבן געברענט זעקס טעג, זיי האָבן זיך לייכט נישט אונטערגעגעבן. אַלע ביכער פון שלום אַש מיט אַלע זיינע מאַטריצן זענען פאַרברענט געוואָרן, מענדעלע, שלום עליכם, רייזען, נאָמבערג; קאָמפּלעטן פון פּרץ; גאַנצע אויפלאַגעס פון די יינגערע שרייבערס — אַלץ איז אוועק מיטן פייער. אויף די זעלבע נאַלעווקעס, אויף נומער אַכט און דרייסיק, האָט זיך געפונען אַ יידישע רעדאַקציע. עטלעכע און צוואַנציק יאָר אויף דעם זעלבן אָרט — „דער מאָמענט".

אויך די געביידע פון דריי שטאָק איז אוועק מיטן פייער, מיט אַלע מאַשינעס, מיט אַלץ. דאָס איז טראַגיש און סימבאָליש: בעת עס ברענען יידישע געשעפטן מיט קנעפּלעך, ברענט אויך די יידישע קולטור. איך מאַך

צו די אויגן, איך וויל נישט זען דעם חורבן, ווייל עס איז אבסאָלוט נישטאָ קיין כוח דערצו. אז מען זאָל זיך אָפּגעבן א קלאָרן חשבון, וואָס מיט אונדז איז געשען... עס דאכט זיך מיר כסדר, אז איך פּלאָנטער זיך צווישן רואינען און יעדעס מאָל אין א נייעם צעשטערטן ווינקל. אָט דאָ און דאָרט איז געווען לעבן, באוועגונג, מענטשן מיט שווארצע מזרח־אויגן האָבן געזוכט פּרנסה. זיי האָבן געהאט זייערע קינדער, פרויען, קרובים, זיי האָבן געהאט זייער פריידי און זייערע אידיליעס...

אין יענעם פרייטיק פון דעם מלחמה־אויסברוך איז עפּעס אלץ מיט אמאָל אוועק. קיין פּאנישע שרעק איז נישט געווען. אָבער ווי שווער עס איז געווען צו קוקן אין די טרויעריקע הילפלאָזע אויגן, אויף די פארשטייפטע ליפּן. איך בין א גאנצן טאָג געווען אויף די גאסן. אויסער אין יענע מאָמענטן, ווען מען האָט זיך געמוזט באהאלטן פאר די עראָפּלאָנען. איך בין געגאנגען אויף די גאסן און געזוכט דעם נעכטיקן טאָג, דעם נעכטיקן סדר און שטייגער. אלץ איז נאָך געווען ווי פריער, אָבער אנגסטלעכער פאָרגעפיל איז געווען אויף דעם אלץ. איך בין פון די גאסן נישט אראָפּ, אפשר דערפאר, ווייל איך האָב קיין געדולד נישט געהאט איינצוזיצן אויף אן אָרט, אָדער דאָס איז געווען א מין געזעגנונגס־שפּאציר... איך האָב, ווי יעדער איינער, געהאט דעמאָלט צופיל פּערזענלעכע שרעקן און פּאָראויסזאָגונגען. איך האָב געוווסט, אז מיינע ביכער וועלן פארברענט ווערן, אז פון מיין איינגעלעבטקייט וועט גאָרנישט ווערן, אָבער דאָס איז ביסלעכווייז אוועק אָן דער זייט. געטראכט האָט זיך מיט א ביטערן ווייטיק וועגן די גאסן, אויף וועלכע איך האָב געבלאָנדזשעט, וועגן די לעבנס די יידישע, וואָס מאכן פול די דאָזיקע קווארטאלן. איך האָב געטראכט וועגן דאָס שרעקלעכסטע, נאָר, גאָט אין הימל, וועגן קיין גאז־קאמערן האָב איך נישט געטראכט... מענטש קאָן טראכטן ביז זיין גרענעץ, אָבער נישט ביזן גרענעץ פון שד און איבער זיין גרענעץ. איך האָב געזען אין יענעם פרייטיק, ווי יידן זענען געגאנגען דאווענען. זיי האָבן זיך מאָדנע ארומגעקוקט. ניין! דאָס איז שוין נישט געווען **אונדזער** פרייטיק. די נאלעווקעס זענען געווען פארשלאָסן, ווי יעדן פרייטיק פארנאכט, אָבער עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז די שלעסער זענען שוין קיין שלעסער נישט און קיין שוץ איז

שוין נישטאָ... אזוי ווי קיין מנוחה איז שוין נישט געווען, בלויז שווארצע דערוואַרטונג.

פרייטיק, דעם ערשטן סעפּטעמבער פון טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק... מיר האָבן שוין אָפּגעציילט אזוי פיל פרייטיקס פון בלוט, טרערן און פייער, טאָג און יאָר קעגן מענטש, קעגן קליינע אומשולדיקע קינדער. טאָג און יאָר פון הימלשרייאיקן הפקר קעגן שוצלאָזע און אומ־באוואָפנטע. ווי איז אונדז. מען קאָן נישט ארויפגיין אויף דעם בארג פון די קרבנות, ווייל ער איז אזוי הויך, מען קאָן נישט ארייננקוקן אין תהום פון בלוט און טרערן... ווייל ער איז אזוי טיף... איך ווייס נישט — בענ־טשן, אָדער שילטן דעם טויט? ווען איך הער ארויסרעדן דאָס וואָרט „מענטשלעכקייט”, פיל איך זיך עפּעס ווי פארשעמט און באליידיקט. אָבער פון איין זאַך וויל איך נישט אוועקגיין. פון דעם בלוטיקן צער, וואָס דריקט מיך טויזנט מאָל צו דער ערד. דער דאָזיקער צער האָט זיך אָנגעהויבן אין יענעם יאָר, דעם ערשטן סעפּטעמבער, אין יענעם פרייטיק, ווען איך האָב געזען די ערשטע יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן דעם אמתן חשבון. איך האָב זיי געזען דערנאָך, די יידן, אין די שטעטלעך, זיי האָבן אויפ־געריסן זייערע לאַנגע העלדזער צום לאַסט־וואָגן, אויף וועלכן איך בין געשטאַנען מיט נאָך פּליטים. זייערע בליקן, זייערע ברייט־געעפנטע אויגן... איך האָב זיי געזען אויף פארשידענע וועגן. אנדערע בליקן האָבן זיך אין מיר איינגעזיגלט אויף אייביק... אָ, נישט צום פארגעסן, ווען איך וואָלט עס פארגעסן, וואָלט איך אראָפּגעזונקען אין דער געמיינסטער בעל־גופישקייט. ניין! אזעלכע בליקן פארגעסט מען נישט און אזא צער פאר־טאַנצט מען נישט. איך זע און ביז מיין לעצטער רגע וועל איך זען די לעבנס, וועלכע האָבן אזוי פיל אויסגעליטן. איך זע די געטאָ־ווענט, וווּ די יידן האָבן זיך צום געווער געכאַפּט, כדי זיך אויסצוקעמפן דעם טויט...

אין יענעם פרייטיק, אין ערשטן סעפּטעמבער פון ניין און דרייסיק איז א שווערער שאָטן אראָפּגעפאַלן אויף אונדזערע גאַסן און קווארטאַלן... דאָס איז געווען דער שאָטן פון טויט — דער טויט אליין איז געקומען שפּעטער... מענטשן האָבן פאַרגעפילט און די בליקן פון יאוש האָב איך געזען. עס פארדריסט אָבער אין גליענדן ווי, פארוואָס איך האָב טיפער

נישט ארייַנגעקוקט, טיפער און טיפער — אפשר וואָלט איך איינגאַנצן נישט אוועק און דאָס וואָלט געווען דאָס שענסטע, דאָס הייליקסטע...

מען וועט שרייבן געשיכטע וועגן די בלוטיקע יאָרן, וועגן העלדישקייט, וועגן קלוגע און נארישע סטראַטעגיע, וועגן אכזריות און איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג. עס וועט זיין אמת און שקר אין די באַשרייבאַכצן. מען וועט מאַכן פון די אַלע קאַמפן פאַרשידענע אויספירונגען. מען וועט זיך באַרימען, ווער עס האָט בעסער געהרגעט און פאַרניכטעט...

וועלט וועט שרייבן געשיכטע. און מיר? וואָס וועלן מיר שרייבן? ווען און ווו וועלן מיר אונדזער אומגליק באַשרייבן? דעמאָלט, ווען אין דעם נייעם פּנקס זענען שוין אַלע בלעטער מיט בלוט פאַרגאָסן...

II

# די נאכט פון אוועקגיין

דינסטיק איז געווען דער פינפטער טאָג פון דער מלחמה, דינסטיק...
אין דער פרי בין איך געווען אויף די גאסן פון ווארשע. אויף א סך גאסן געגאנגען, אָן א צאָל און אפשר מיט א צאָל. געפילט האָב איך זיך ווי א פאריאָגטע חיה, וועלכע זוכט א דורכגאנג, א רעטונג. מיט דעם שפרייזן מיינעם האָב איך זיך געוואָלט בארויקן. איין שלאָפלאָזע נאכט נאָך דער צווייטער. בלייענע טעג. די אויגן האָבן געברענט, אין האלדז האָט געשטיקט. מיטאמאָל האָט זיך די וועלט איבערגעדרייט. נעכטן האָב איך געהאט מיינע ענינים, מיין פאָדעם מיטן לעבן. היינט האָט זיך דער פאָדעם איבערגעריסן און אנשטאט דעם האָט זיך ארויפגעלייגט א קייט אויף דער נשמה, אויף די הענט און פיס. איך גיי און איך זינק. איך זינק און איך גיי ווייטער, אלץ אויטאָמאטיש. אָבער אלץ טוט אזוי וויי, נאָגט דאָס בלוט, דעם מארך... פלוצלינג אן אלארם. דאָס מאָל האָט עס מיך געכאפט אויף די נאלעווקעס. דאָס געשריי פון דער סירענע גיט א ריס די נשמה מיט די פיס אינאיינעם. איך לויף אריין אין א גרויסן הויף, דאָרט איז א גערודער, עס קלאפן פענצטער און טירן, מאמעס טראָגן קינדער אויף די הענט אין א קעלער. אלע שטופן זיך. איך אויך. אויף די טרעפ, וואָס פירט צום קעלער, בלייבט שטיין איין ייד.

— פארוואָס גייט איר נישט אראָפ אונטן? — פרעג איך ביי אים.

— אלץ איינס — ענטפערט ער.

— פארוואָס אלץ איינס?

— סיי ווי וועט מען אונדז אלעמען אויסשעכטן.

די פראזע זיינע שעכט אוועק דערוויַיל מיין הארץ. א שרעקלעך

וואָרט „אויסשעכטן". איך וויל עס גאָרנישט הערן. אן אנגסטלעכע פּראַזע. צו וואָס טראָגן זיך מענטשן ארום מיט אַזעלכע ווערטער. איך בין בײַז אויף דעם יידן און איך שטיי נעבן אים א שווייגנדיקער ביז דער אלארם ענדיקט זיך. שפּעטער בין איך ווידער אויף דער גאַס, נאָר דער ייד פון די טרעפּ דאָרטן גייט מיר נאָך. איך זע אים, איך הער זיינע ווערטער, זיינע שווארצע, טיפע אויגן קוקן אראָפּ פון אלץ ביז היינט...

אויף דער ביעלאנסקא גאַס איז געווען א בלומען־געשעפט. איך זע, ווי די בלומען לויכטן ארויס פון די פענסטער און איבער די בלומען א קאָפּ פון א יידישער פרוי, די אינהאבערין. זי איז זייער פּארטרויערט. איך גיי אריין און קויף עטלעכע רויזן. אָט אזא שפּיל מיט זיך אליין. דאָך עס שפּילט זיך נישט און די בלומען גיב איך אוועק די קינדער, וואָס שפּילן זיך אין טויער פון הויז, וווּ איך וווין.

מיין הויף איז געווען אויף עלעקטאראלנא עלף. שכנים, כמעט אלע קריסטלעכע. שכנים — יחסנים. איך בין אין דער בירגער־וואך. איך טראָג א לענטע אויף אן ארבל. מיר זענען איצט אלע גליַיך. איבער די קעפּ אונ־דזערע, געגנוג הויך, אין דעם ציכטיק בלויען הימל אריין, טראָגן זיך זעקס עראָפּלאנען. זיי שוועבן עלאסטיש, זיי גלאנצן מיט זייערע זילבערנע קערפּערס. עס גלייבט זיך גאָרנישט, אז דאָס זענען גזלנים. דאָך די זעניט־ארטילעריע באַשיסט זיי. ארום די עראָפּלאנען באווייזן זיך ווייסע רויי־כעלעך, וועלכע זעען אויס ווי זייפן־בלאָזן. די קינדער אויפן הויף לויפן ארום און שטיפן. אפילו די עלטערע זענען אויך לייכטזיניק און בלייבן רואיק אויפן הויף...

איך נעם שרייען און איך באַפעל. איך יאָג זיי אין קעלער. איצט איז מיין דיזשור. איך האָב רעכט אויף זיי צו שרייען. פאָלגט מען נישט, נעם איך א העכער קול צוגעמישט מיט א „צום טייוול!" דעמאָלט פאָלגט מען מיך. אלע באהאלטן זיך. איך אליין בלייב אין טויער. איך וואך פאר דער „מענטשהייט"; איך בין א „נאטשאלניק", אָך און ווי — איך האלט זיך קוים אויף די פיס. כ'בין מיד מיט דער לעצטער מידקייט. א מאָדנע נאָגנדיקע מידקייט. פון דעם ערשטן מלחמה־אלארם אָן ביזן היינטיקן טאָג ציט זיך ביי מיר די זעלבע בלייענע מידקייט. מען קאָן זיך פרעגן פון וואנען דאָס קומט און מען קאָן מאכן א חשבון: איך בין מיד פון מיין

לעבן, וואָס טראָגט אויף זיך און אין זיך די לאַסט פון אַזוי פיל שטורמישע עפּאָכעס. איך בין געווען צומאָל אליין אנטיילנעמער, צומאָל בלויז צושויער. די רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר. יענע צייט האָט מיך פיל געקאָסט: תפיסה, קלעפּ און שפּעטער ביטערער קאמף פאר עקזיסטענץ, הונגער, נויט און זיין א יידישער שרייבער איז אויך נישט קיין לייכטע זאך. די מלחמה פון פערצענטן יאָר, איך בין דעמאָלט אלט געווען אכט און צוואנציק יאָר, זאָל געבענטשט זיין די יוגנט! איך האָב דעמאָלט גענומען די מלחמה מיט די גאנצע וועלט אויף מיינע יונגע פּלייצעס און אוועק איבערן גרויסן רוסלאנד, געליטן און געפרייט זיך מיט אלץ, וואָס לעבן האָט צוגעטראָגן, געראנגלט זיך מיט דער נויט און נישט געלאָזט זיך באַזיגן. דערנאָך די זעלנעריי. שווערע דיסציפּלין, רומענישער פראָנט, אקאָפּעס און א הימל איבערן קאָפּ. דערנאָך קערענסקיס רעוואָלוציע, דערנאָך מאָסקווע מיט לענינס רעוואָלוציע. א וועלט איז אונטערגעגאנגען, און א בייע איז נאָך נישט אויפגעגאנגען און אזוי האָט מען געמוזט שוועבן צווישן די צוויי וועלטן און אָפּהיטן די אייגענע זעלבסטשטענדיקייט, וועלכע איז ביי מיר טייערער ווי אלץ...

יאָ, ביי יענער מלחמה בין איך געווען אכט און צוואנציק יאָר און ווען היטלערס מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך שוין געווען פונקט טאָפּלט: זעקס און פופציק. איצט האָב איך געפילט, אז איך פארמאָג נישט מער ווי די מידקייט. אלץ איז געווען איבעריקע לאַסט, אלץ שווער. עס האָט געצויגן צום זיצן, צום ליגן. אוי, איינשלאָפן, איינשלאָפן.

ווען די מידקייט וואָלט געגאנגען צוזאמען מיט יאוש צום לעבן, וואָלט פיל לייכטער געווען. עס זענען פאראן מיטלען ווי פּטור צו ווערן פון לעבן און פון זיינע צרות.

אָבער דאָס לעבן איז טייער. צום לעבן איז ביי מיר געבליבן א נייגעריקייט ביז ווייטיק. ליבע צו דער נאַטור, צו דער וועקסלונג פון זומער און ווינטער, נייגעריקייט צו מענטשן־קאמף, פאראכטונג צום שקר... אָבער וואָס טוט מען מיט דער מידקייט? און אפשר נאר איך זיך אָפּ? אפשר בין איך גאָר נישט אזוי שוואך?

פון ליטעראטן־פאראיין האָט מען צו מיר צוגעשיקט א צעטל, אז דריי אזיינער גייט דער גאנצער פאראיין ארויס אויף א פרייוויליקער אר־

בעט. מען דארף גראָבן שוץ־גריבער און יעדער איינער מוז קומען מיט אַן אייגענעם רידל. איך בין געלאָפן און געקויפט א רידל און פונקט דריי אזייגער בין איך שוין געווען אין פאראיין. דערנאָך זענען מיר געגאנגען צו דער ארבעט. אַן אָריגינעל בילד: יידישע פען־מענטשן מיט רידלס אנ־שטאט פענעס. דער אלטער סטופניצקי מיט א רידל, פּראפוס, אלחנן צייט־לין, דיכטער און רעפּאָרטערס — א גאנצע מחנה...

געגראָבן די שוץ־גריבער האָבן מיר נישט ווייט פון דעם יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. דאָרט זענען געווען א סך ליידיקע פּלעצער און סעדער. פאר מיר און פאר אנדערע איז אויסגעפאלן א שווער שטיקל ערד. דער רידל איז נישט געגאנגען. אויף דעם אָרט איז פריער געווען א גלאָז־פאבריק און א סך שטיקלעך גלאָז, ברוכווארג זענען געווען איינגעגראָבן אין דער ערד, איז געווען שווער צו ארבעטן. כ'האָב געארבעט און געפילט, אז מיט מיינע כוחות וועל איך שוין קנאפּ וואָס העלפן צו פירן די מלחמה. צום סוף האָב איך זיך פארווונדעט א האנט, מען האָט מיר באנדאזשירט די וווּנד און איך האָב ווידער געפּרוּווט גראָבן, אָבער דאָס איז נישט מער געווען ווי א פּרוּוו... איך האָב זיך ארומגעקוקט. טויזנטער און טויזנטער האָבן געגראָבן מיט פליים. צום גרעסטן טייל יידן אין לאנגע קאפּאָטעס, מיט גרויע בערד און מיט שווארצע בערד, שוויינדיקע מיט געפּרעסטע ליפּן, די קאפּאָטעס פונאנדערגעשפּילעט, די ציצית האָבן זיך ארויסגעזען, דער טרויער האָט זיך באהאלטן. די מענטשן האָבן געוואָלט עפּעס טון, מיט עפּעס העלפן... פון אונדזערע שרייבער האָט אמבעסטן געארבעט אלטער קאציזנע. ער איז געווען א וועגעטעריאנער, האָבן מיר זיך אויף אים געוויצלט:

— פון די מערן און בוראקעס האָסטו אזוי פיל כוח?...

ער האָט אונדז נישט אָפּגעענטפערט, נאָר ווייטער געגראָבן.

יידן, א מחנה יידן האָבן געגראָבן די ערד. געווען צווישן זיי שיינע קעפּ, געווען אויסגעמאטערטע קבצנים, געווען גמרא־יידן, חכמים, פּאַ־טריארכן, מיט קנייטשן פון טויזנט יאָריקן עקשנות און אויסדויער. א שטאָלענער, פּארנונפטיקער שווייגן האָט באהערשט די מחנה, כאָטש פּחד האָט ארום געהערשט.

פון א ווייטן מויער מיט אָפענע פענסטער האָט געגרילצט דער ראַ־

דיאָ. שפּעטער איז צו אונדזער גרופּע צוגעקומען איינער און האָט דערציילט:

— דער ראַדיאָ דאָרט פון יענעם פענסטער, ער האָט געדרשנט פון לייפּציג, א דייטשער, ער האָט גערעדט, אז די יידן גראָבן איצט אין ווארשע שוץ־גרובן, טאָ זאָלן זיי וויסן, אז זיי גראָבן קברים פאר זיך. מיר האָבן זיך ארומגעקוקט, עמעצ האָט א זיפץ דערלאנגט, א צווייטער האָט געפּרוּווט מאכן א וויץ און די רידלס האָבן ווידער גע־ארבעט. אינזשיניערן האָבן די גאנצע צייט אָנגעוויזן, ווי אזוי מ׳זאָל אר־בעטן. מיר אליין האָבן אין דעם זייער ווייניק פארשטאנען.

פארנאכט בין איך ווידער געווען אויף מיין הויף און ווידער געהאט דיזשור. איצט איז געווען רואיקער, קיין אַלאַרם איז שוין נישט געווען עטלעכע שעה. דער עולם איז געשטאנען אויף דעם הויף, אין טויער, אויף די טרעפּ און באלקאָנען. די קריסטן האָבן זיך זייער געחברט מיט די גע־ציילטע יידישע שכנים. זיי האָבן געטראכט, אז די יידן ווייסן מער פון זיי. האָט איינער פון זיי געפרעגט ביי מיר:

— וואָס זאָגט מען עפּעס אין אייערע קרייזן?

האָב איך אים מיט א שמייכל אָפּגעענטפערט:

— איר מיינט נאָך אלץ, אז מיר האָבן עפּעס ספּעציעלע קרייזן, מוז איך אייך זאָגן, אז מער ווי צרות האָבן מיר נישט.

אין דער אמתן האָט קיינער נישט געוווּסט, ווו מיר האלטן אין דער וועלט. אין דער פרי האָט מען אין דער שטאָט גערעדט, אז די דייטשן זענען שוין אין טשענסטאָכאָוו און אויב דאָס איז אמת, איז דאָך שוין ווארשע דירעקט אין סכנה. אָבער אויף זיכער האָט קיינער נישט געוווּסט. אָנגע־שראָקן איז מען געווען, נאָר מען האָט נאָך געגלייבט אין עפּעס א נס, דערוויילן האָט יעדער איינער געעסמט דעם צווייטן מיט זיינע אומעטיקע אויגן. מען איז ארומגעקראָכן אויפן הויף, אויף די טרעפּ, מען האָט זיך צוגעהערט מיט איינגעהאלטענעם פּחד...

אין שפּעטן אָוונט בין איך געלעגן א האלב טויטער אויף א קאנאפּע ביי מיין אלטער באלעבאָסטע. אין דער פרי האָב איך איר געגעבן געלט, זי זאָל איינקויפן וואָס עס לאָזט זיך, ווייל מען האָט שוין גערעדט, אז אלץ וועט אויספעלן. איצט האָט זי אויסגעשטעלט אויפן טיש קאָנסערוון, שאכט־לעך מיט צוקערקעס, רייז, קאשע, זי האָט עפּעס גערעדט צו מיר, דער־

ציילט וויפל יעדע זאך קאָסט...

װעמען איז דאָס אָנגעגאַנגען?

איך האָב געװאָלט שלאָפן, אראָפּזינקען ערגעץ־װוּ און איינשלאָפן ביז אויסגיין. די פּיזישע שוואַכקייט האָט מיך איינגאַנצן באַזיגט און אין מוח א שטעכעדיקס, א נאָדל, וואָס האָט מיט וויטיק אָנגערירט און דער־מאָנט די לאַגע...

אין דעם א קלונג אין טעלעפאָן. שוין עלף ביינאַכט. ווער קלינגט עס אַזוי שפּעט? און אין אַזאַ צייט? איך, די באַלעבאָסטע, איר טאָכטער און זון און עפּעס א שכנה, וועלכע האָט זיך ביי אונדז פאַרזעסן — אַלע זענען צוגעשפּרונגען צום טעלעפאָן... איך הער מיין נאָמען. עפּעס רעדט מען צו מיר:

— נעם די קלענסטע וואַליזע און קום גלייך אין ליטעראַטן־פאַראיין! דערציילט נישט קיינעם.

— ווער רעדט?

— אינדעלמאַן.

דער שמועס ווערט גלייך איבערגעריסן. א רגע, איך בין צעטומלט. איך פאַרשטיי גאָרנישט. נאָך איין רגע. איך פאַרשטיי שוין אַלץ: װאַרשע עוואַקואירט זיך. מען גייט אַרויס פון וואַרשע. אינדעלמאַן איז דער פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, ער וועט קיין איבעריק וואָרט נישט וואַרפן...

וואַרשע עוואַקואירט זיך...

און דאָ שטייען נעבן מיר די מענטשן. זיי ווילן וויסן וועגן וואָס איך האָב דאָ גערעדט. מיט די צעשראָקענע אויגן פרעגן זיי, מיט ציטער־דיקע ליפּן:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, מען רופט מיך אויף א באַראַטונג אין ליטעראַטן־פאַראיין.

איך וויל פאַר די מענטשן די שרעקלעכע נייעס נישט אַנטדעקן. זאָלן זיי איבערשלאָפן די נאַכט אָן דער שוואַרצער ידיעה. איך האָב א רגע באַטראַכט מיין לאַגע. וואָס האָט ער געזאָגט אינדעלמאַן? נעמען די קלענ־סטע וואַליזע. איך דאַרף נישט קיין וואַליזעס. דאַכט זיך, אַז עס גייט אין

לעבן און וואָס איז דעמאָלט א וואַליזע מיט א בגד? קנאַפּ איז מיר מיין גוף, מיין נשמה, מיין מידקייט. איך האָב זיך אראָפּגעגליטשט שטיל פון די טרעפּ, אויפן פינסטערן הויף ארויס, אויף דער שווארצער פינסטערער גאַס. מען האָט נישט געזען קיין פונק ליכט, אפילו קיין פאַפּיראָס האָט מען נישט געטאָרט רויכערן אויף א ווארשעווער גאַס ביינאַכט. אָבער דעם וועג צום ליטעראַטן פאַראיין האָב איך געפונען. צו גוט האָב איך געקענט די גאַסן פון יידישן ראַיאָן אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן.

אין ליטעראַטן פאַראיין איז געווען פול. אַלע לאָמפּן האָבן געברענט. איך האָב קיין סך נישט באַדאַרפט פרעגן. איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען. דערוווּסט האָב איך זיך, אז די רעגירונג פאָרט ארויס קיין לובלין. זי נעמט מיט פינף און זעכציק זשורנאַליסטן, פּופציק קריסטלעכע און פופצן יידישע. איך בין נישט געווען אויף דער ליסטע, נאָר מען האָט געטראַכט, אז עמע־צער פון אונדזערע פופצן וועט זיך אָפּזאָגן, דעמאָלט וועט פאַר מיר זיין פּלאַץ. אָט צוליב דעם האָט מיך אינדעלמאַן ארויסגערופן.

אין ליטעראַטן פאַראיין אין יענער נאַכט. דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט, ווען אין פאַראיין האָבן זיך צונויפגעקליבן אזוי פיל חברים. שפּעטער איז די געביידע צעשמעטערט געוואָרן און זי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן צוזאַמען מיט אונדזער פאַראיין, מיט א טייערער ביבליאָטעק, מיט א וויכטיקן ארכיוו.

איך וועל נישט פאַרגעסן די לעצטע טראַגישע שעה אין פאַראיין. די מיטגלידער, וואָס האָבן גערארפט ארויספאָרן, זענען געקומען מיט זייערע פרויען. אנדערע זענען אויך געקומען מיט זייערע קינדער. דאָ האָט מען זיך באַראַטן: פאָרן אָדער נישט פאָרן? נישט געווען קיין פּאַניק. נישט געווען קיין צעטומלטע נערוון. רואיק, זאַכלעך, מיט גרויסער מענטשן־ווירדע האָט זיך דאָ לעבן אָפּגעריסן פון לעבן. ערנסט ביז פאַרנונפט, ביז העכערער איבערגעגעבנקייט זענען געווען די פרויען. זיי האָבן פאַרשטאַ־נען די לאַגע. אָבער דאָך האָט מען זיך געדונגען. נישט לייכט איז געווען איטשעלען זיך אָפּצוזעגענען מיט זיין טייערער משפחה. אפשר צען מאָל האָט ער געביטן זיין מיינונג. אָט פאָרט ער יאָ, און באַלד זאָגט ער זיך אָפּ פון דעם. דאָס זעלבע אונדזער ניימאַן, דאָס זעלבע פלינקער, נח פּרילוצקי, סטופּניצקי, אָבער דאָ טאָר מען קיין סך נישט קלערן. צוועלף אזייגער

מוזן שוין אלע זיין אויף דעם זאמל־פונקט. איילן מוז מען זיך. מען האט כסדר געהערט די לאקאנישע פראזן:

— איך גיי...

— איך בלייב, זאל זיין וואס עס וויל. די מינוטן זענען געווען ווי בליי גליענדיקער; דער ערשטער האט זיך אפגעזאגט צו פארן אהרן איינהארן, דערנאך כילינאוויטש. אין דער לעצטער רגע, ווען מען איז שוין צו דער טיר געגאנגען, האט זיך אויך אפגעזאגט אינדעלמאן און דורך דעם איז פריי געווארן א פלאץ פאר מיר. אין דער לעצטער מינוט איז צו מיר צוגעגאנגען מנחם פלאקסער.

— איך גיי אויך — האט ער געזאגט.

— ווי אזוי? —האב איך געפרעגט— די דערלויבעניש פון דער רעגירונג איז דאך בלויז אויף פופצן יידן...

— וועל איך זיין דער זעכצנטער.

ער איז געדעכט געווען. ער איז מיט אונדז דורכגעגאנגען אלע וועגן. נאך איינער איז צו אונדז צוגעקומען און זיך געבעטן מיט א שטילן קול:

— נעמט מיך מיט...

דאס איז געווען לעווענשטיין, דער לעצטער סעקרעטאר פון ליטעראטן־פאראיין. אבער מען האט אים נישט געקאנט העלפן. דער דאזיקער איז איינער פון די ערשטע דערמארדעטע געווארן...

מיר זענען ארויס פון ליטעראטן־פאראיין, מיט איינגעהאלטענעם אטעם געשפרייזט פון די טרעפ. יענע טרעפ זענען שוין נישטא, יענץ הויז איז שוין נישטא, אוועק אונדזער וועלט.

מען האט אונדז אנגעזאגט, אז מיר זאלן נישט גיין אין קיין גרויסע גרופן, מיר זאלן נישט רעדן הויך, ווייל ווארשע ווייסט נאך גארנישט. ווארשע טאר נישט וויסן, אז עס הייבט זיך שוין אן די עוואקואציע פון דער שטאט. פאר יעדן פון אונדז איז דאס געווען ווי א דונער די בשורה. אויפן פינפטן טאג פון דער מלחמה איז שוין די עוואקואציע פון דער הויפטשטאט. הייסט עס, אז דאס מעסער האט שוין דערלאנגט אין סאמע הארץ פון פוילן. הייסט עס, אז דער דייטשער בליץ־קריג איז נישט קיין בארימעריי און נישט קיין לעגענדע...

מיר איז אויסגעקומען צו גיין מיטן יונגן זשורנאליסט און איבער־

זעצער מנחם פּלאַקסער. ער האָט געטראָגן א גאַנץ שווערע וואַליזע און אין דער פינסטער האָבן אונדז עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן מיליטערישע פּאַטרולן. ער האָט געמוזט זיין וואַליזע עפענען און ווייזן זיין באַגאַזש. צוליב זיין שווערער וואַליזע האָבן מיר ביידע געמוזט גיין לאַנגזאַם און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן: ווי האָבן עס מענטשן אין זינען בגדים און אנדערע נאַרישקייטן, בעת עס גייט אין ראַטעווען גוף און נשמה?

א פּחד־פינסטערניש איז געלעגן אויף אַלץ. א גרויזאַמע רואיקייט פון א מיליאָנענדיקע שטאָט. גאַסן — שוואַרצע קאָרידאָרן. וווּהין פירן זיי אונדז? אָבער ביסלעכווייז... די אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צום חושך, עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסגעשטאַלטן די קאַנטורן פון די גרויסע הייזער אויף דער קרולעווסקע גאַס. אָט איז דער הויכער פּאַרקאַן פון זאַקסישן גאָרטן. א הויכער, שוואַרצער פּלויט פון אייזערנע שטאַכעטן. דער זאַקסישער פּאַרק... ער האָט זיין געשיכטע אויך פאַר יידן. אין דער הונדערטיעריקער רוסישער אָקופּאַציע איבער פּוילן האָבן די לאַנג געקליידעטע נישט געהאַט קיין רעכט אריינצוגיין אין אזא פּאַרק. שפּעטער, ביי דער אויפוואַכונג פון פּוילן נאָך דעם ערשטן קריג, איז דער פאַרבאָט אראָפּגענומען געוואָרן, און אין די לעצטע יאָרן פאַר דער איצטיקער מלחמה איז דער זאַקסישער פּאַרק געוואָרן א מין באַראָמעטער. אויב יידן האָבן רואיק שפּאַצירט אין פּאַרק, איז עס א סימן געווען, אז די שלאַנגיקע אַגיטאַציע האָט זיך באַרואיקט און אָפּגעלאָזט, און ווען יידן האָבן אויסגעמיטן דעם „זאַקסישן", האָט מען שוין געוווּסט מיט וואָס עס שמעקט. א סימבאָלישער גאָרטן איז עס געוואָרן פאַר אונדז...

אָבער איצט איז נאַכט און פינסטערניש, איצט איז דער פינפטער מעת לעת פון דער מלחמה. מיר געזעגענען זיך מיט וואַרשע און די שטאָט הייבט אפילו נישט אָן וויסן, אז מיר געזעגענען זיך מיט איר. וואַרשע איז געשלאָפן. קיין איין טיר, קיין איין פענסטער האָט זיך נישט געעפנט. קיין איין מענטש פון די שלאָפנדיקע הייזער האָט נישט געוווּסט, אז דער שוואַרצער זיגל איז שוין געשטעלט געוואָרן. קיין ברייטלעכע חלומות האָט זיך זיי באַשטימט נישט געחלומט אין זייערע שלאָפצימערס, אָבער די ווירקלעכקייט איז נאָך געווען ווייט פון זייער דמיון. מיר זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דעם מאַרש פון ארויסגאַנג.

אונדזער זאמל־פונקט איז געווען אויף דער קראקאווער פארשטאט. אין טויער פון דער ציטונג „קוריער ווארשאווסקי״. די דאזיקע צייטונג איז געווען א פריציש אנטיסעמיטישע, און דאס וואס דער זאמל־פונקט פאר יידישע און קריסטלעכע זשורנאליסטן און שרייבער איז אויסגעווײלט געווארן אויף אזא פלאץ, איז געווען א סימן, אז מיר זענען שוין אויס־געגלייכט געווארן...

דער טויער איז געווען געשלאסן. מיר האבן אנגעקלאפט און אנגע־רופן אונדזערע נעמען. מען האט אונדז אריינגעלאזט. שוין געווען דארט צונויפגעזאמלט א היפש ביסל מענטשן. דער טויער קוים באלויכטן. מענטשן מיט וואליזעס, מיט רוק־זעק אויף די פלייצעס. שווייגעדיקע שאטנס. זעלטן ווער עס האט ארויסגערעדט א ווארט. צו וואס רעדן? אין דער מינוט איז געווען גענוג צו טראכטן. מען האט זיך דאך געזעגנט מיט היים, משפחה, מיט פארמעגן, מיט פארדינסטן, מיט באקוועמלעכקייט און עפעס מער: מען האט זיך געזעגנט מיט א גאנצער עפאכע. דא זענען געווען בארימטע פוילישע זשורנאליסטן, בארימטע יידישע זשורנאליסטן. אנדערע האבן מיטגעבראכט זייערע פרויען, זיי האבן געהאפט, אז עס וועט געלינגען זיי מיטצונעמען. אט שטייט די פרוי פון וואלקאוויטש, א פאראומערטע, מיט א גרויסן רוק־זאק אויף דער פלייצע, א שלאנקע, א שיינע, און בלייך, בלייך פון מידקייט, פון שרעק און פון דעם בלאסן ליכט אין טויער... זי ווארט אויף א באשלוס, מיטפארן, אדער גיין צוריק אהיים אין דער פינ־סטערער נאכט, אהיים, אליין...

באשליסן האט מען עס באדארפט אין מיניסטארן־ראט. דער מי־ניסטארן־ראט איז הונדערט טריט פון „קוריער ווארשאווסקי״. איז וואל־קאוויטש געלאפן אהין און צוריק און אנדערע זענען געלאפן. אונדזער טויער האט זיך כסדר געעפנט און פארמאכט. פלאקסער איז נאך אויך נישט געווען זיכער מיט זיין דערלויבעניש מיטצופארן מיט דעם רעגי־רונגס־צוג, איז ער אויך געלאפן אין מיניסטארן־ראט. מיך מיטגעשלעפט. נאך א שטיק וועג פון געדיכטער פינסטערניש בין איך אריין אין א באַ־לויכטענער געביידע. די טירן און די פענסטער פארקלאפט און פארהאנ־גען, אבער די אלע קארידארן און צימערן זענען געווען באלויכטן מיטן גרויסן פארנעם. העל־ליכטיק, פייערלעך ליכטיק. דאס האט מיר אויסגעזען

ווי א באַליוויכטענער שפּיטאָל, ווו מען דאַרף באַלד דורכפירן א דרינגענדע אָפּעראַציע, א געפּערלעכע אָפּעראַציע אין מיטן נאַכט...

אַנדערע זענען געלאָפן פון איין צימער אין צווייטן. צו העכערע און גאָר הויכע באַאַמטע, צו האַלבע און גאַנצע מיניסטאָרן. אָבער קיינער האָט נישט באַקומען קיין ספּעציעלע דערלויבעניש מיטצופאָרן. דער ענט־פער איז געווען איינער:

— נישטאָ קיין פּלאַץ, נישטאָ און נישטאָ.

דער באַוועגלעכער פּלאַקסער איז דאָך מיטגעפאָרן. אויך א צענדליק קריסטינס, פרויען פון זשורנאַליסטן, האָבן זיך איינגעשפּאַרט און מיט־געפאָרן. וואָלקאָוויטשעס פרוי האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק צוריק אַהיים. איך געדענק, ווי טרויעריק זי האָט זיך אַרויסגערוקט פון טויער...

שפּעטער איז געוואָרן א טומל אין טויער: איינער אַן אַלטער פּוי־לישער זשורנאַליסט האָט געחלשט. מען האָט געבראַכט וואַסער און אים אָפּגעמינטערט. איך האָב געזען א טויט־בלייך פּנים פון אַן אַלטן מאַן, ווי אַזוי וועט אַזאַ איינער אויסהאַלטן אַזאַ ביטערן וועג?

אַרום איינס ביינאַכט האָט מען זיך גערירט צום מזרח־וואָקזאַל פון וואַרשע. געווען זענען מיר איצט אַרום אַכציק פּערזאָן. די גרעסטע צאָל פון זיי — עלטערע מענטשן. זעלטן ווער יינגער פּאָר פּופּציק. עלטערע, שוין שווער זיך צו באַוועגן, אָבער יעדער איינער האָט געשלעפּט א וואַ־ליזע, א פּאַק אָדער א רוק־זאַק. צוליב דעם האָט מען געשפּרייזט לאַנגזאַם. מיליטערישע פּאַטרולן האָבן אָפּט פּאַרהאַלטן, אָבער גלייך אָפּגעלאָזט. מיר זענען יחסנים... זשורנאַליסטן, שרייבער. ביים קערבעדזש־בריק — א גרעסערער מיליטער־פּאַטרול, אָבער אויך דאָ האָט מען אונדז גלייך דורכ־געלאָזט... די קערבעדזש־בריק האָט תמיד אַביסל געשראָקן מיט איר אימ־פּאָזאַנטקייט, מיט איר שווערער מאַסע פון אייזן, מיט איר הויכקייט איי־בערן וואַסער. איצט, אין דער דאַזיקער נאַכט, האָט די בריק געוואָרפן א פּחד אויף אונדז. מיר האָבן דעם פּחד אַלע שווייגנדיק געפילט. פינסטער, חושך, אונטער אונדז דער שוואַרצער אָפּגרונט פון טייך און פּאַראויס? ווער ווייסט, וואָס פּאַראויס וואַרט אויף אונדז? אין מיטן דער בריק זענען געשטאַנען טראַמוויי־וואַגאָנעס, איינער נעבן אַנדערן. די גאַנצע בריק איז פול געווען מיט וואַגאָנעס. איינער האָט אונדז דערקלערט, אַז די

דאָזיקע וואַגאָנעס זענען באַריקאַדן קעגן די דייטשע טאַנקען, די אַלע וואַ־גאָנעס זענען געמינעוועט און עלעקטריזירט.

אריבער די בריק.

די צווייטע העלפט וואַרשע — פּראַגע איז אויך געלעגן אין דער זעלבער פינסטערניש. דאָ און דאָרט מיליטערישע אויטאָמאָבילן, פּויערשע פורן מיט פּעק, דאָס אַלץ איז געשטאַנען אָן באַוועגונג. אויף די פורן שלאָפנדיקע זעלנער, נעבן די פורן אויפן בריק — אויך אַזעלכע זעלנער. מיר זענען געגאַנגען צום מזרח־וואָקזאַל. דאָס איז אַ שטיק וועג, פון דריי־פיר קילאָמעטער. אָן די וואַליזעס איז עס אַ קלייניקייט. מיט די וואַלי־זעס — ענדלאָז.

פרעג איך:

— מענטשן! צו וואָס די וואַליזעס?

פרעגט מען ביי מיר:

— און דו האָסט גאָרנישט מיטגענומען?

— ניין! גאָרנישט און גאַנץ באַוווּסטזיניק: אין אַזאַ וועג וויל איך זיין פריי מיט פרייע הענט, אַ כפּרה די בגדים...

אָבער...

— לאָזט מיך צופרידן. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך טראָג מיט זיך אַ גאַנץ שווערן באַגאַזש: מיינע יאָרן, די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע מיט אַלע וואָגלענישן צוליב איר, און אין דער אמתן געדענק איך נישט קיין איין רואיק יאָר אין מיין לעבן. דאָס לעבן אליין איז דאָך דער שווערסטער באַגאַזש...

איך האָב איבערגעריסן מיין מאָנאָלאָג און קיינער האָט מיר מיט גאָרנישט געענטפערט. מען איז געגאַנגען שטום אַ לאַנגע צייט. פּלוצלינג האָט איינער אויסגערופן:

— סטופּניצקי! ווו איז סטופּניצקי?

עטלעכע שטימען האָבן אויסגערופן זיין נאָמען, אָבער קיין ענט־פער איז נישט געקומען. בין איך מיט נאָך עטלעכע געלאָפן צוריק. מיר האָבן אים געטראָפן אַ פאַרסאַפּעטן נעבן זיין וואַליזע. דער אַכט און זעכ־ציק יעריקער סטופּניצקי האָט מער נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן זיין באַגאַזש. האָב איך עס געטראָגן אַ שטיק וועג און ביטער געשמייכלט צו

זיך: נישט געוואָלט קיין איינענע, האָב איך א פּרעמדע וואַליזע. און פון וואנען האָבן זיך צו מיר גענומען אזוי פיל כוחות? איך בין דאָך ביי זיך מיט עטלעכע שעה צוריק געלעגן ווי א געשמידטער פון אנגסטלעכער מידקייט און איצט גייען די פיס, זיי שלעפּן זיך און איך שלעפּ א שווערע וואַליזע. איך האָב אין הארצן זיך געבונטעוועט קעגן דעם סטופּניצקין, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, אז ער האָט שוין עטלעכע מאָל געשריבן וועגן מיר גוטע ארטיקלען און זאָל מיין איצטיקע טרחה זיין דער אָפּצאָל...

ביים וואקזאל האָט מען יעדן איינעם פון אונדז קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און יעדן איינעם באזונדער אריינגעלאָזט. בעת איך בין אריינגעקומען אינוויינִיק, האָב איך קודם כל נישט געזען קיינעם פון מיינע חברים. אלע זענען זיי ווי איינגעזאפּט געוואָרן אין דער געדיכטער מענטשן־מאסע, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. די טונעלן פון דעם דאָזיקן ריזיקן וואקזאל, די זאלן און קאָרידאָרן זענען געווען בוכשטעבלעך אָנגעשאָטן און אָנגעפּרעסט מיט מענטשן. א מענטשן־קנויל, און דער קנויל האָט זיך גערירט, דער קנויל איז געגאנגען, געקראָכן, געהויבן די פיס און הענט, געוואָלט ערגעץ גיין, עפּעס דערליידיקן, דערגרייכן, אָבער אלץ איז געבליבן אויף איין אָרט...

האלב טונקל געווען ארום, א לופט, וואָס האָט געשטיקט ביז צו חלשות. גרויזאם און פאנטאסטיש האָט אויסגעזען דאָס בילד. גיהנום. אמתער גיהנום, טויזנטער, טויזנטער מענטשן, פון זיי זענען א סך געלעגן אויף דער ערד, אויף די בענק און טישן, אויף די טרעפּ, וואָס פירן צו דער פּלאטפאָרם, ווו די וואגאָנעס שטייען. דאָס זענען כמעט אלע געווען פּליטים, וועלכע מען האָט געבראכט פון פויזן, יונג און אלט, פּריצים, באאמטע, לייכט פארוווּנדעטע זעלנער, מאטראָזן, פּאָליציאנטן, אלץ האָט דאָס געוואָרט אויף ווייטערדיקער עוואקואציע, אָבער די מאשין, די אָרגאניזאציע, איז שוין קאַליע געוואָרן. דער וועג האָט זיך פארשפּארט, כאָטש געם און גיי אוים. א טייל פון עולם איז געלעגן אויף דער ערד, אויף דער פּאָדלאָגע, א טייל האָט זיך געפּרוּווט רירן און נאָך א טייל, דער שטארקסטער עלעמענט, איז געשפּרונגען איבער לעבעדיקע גופים, ווי אויף זעק מיט קארטאָפל. די דאָזיקע געציילטע זענען אויך געווען ווי געפאנגענע, ווייל זיי האָבן אין ערגעץ נישט געקאָנט צוקומען. איך האָב עס דערזען

פאר די אויגן, און די נשמה איז מיר כמעט ווי אוועק. ווּ זענען די אַלע חברים, די יידישע און קריסטלעכע זשורנאַליסטן? צי דען האָבן זיי זיך שוין אַריינגעכאַפּט אין צוג? זיי פאָרן שוין און מיך האָבן זיי איבערגע־לאָזט? שרעק און פאַרביטערונג זענען מיך באַפאַלן. וויל איך לויפן, שטעלן שנעלערע טריט, נאָר מען שטופּט מיך צוריק, מען שטופּט מיך אויף רעכטס און אויף לינקס. איך שטעל די פיס מיינע אויף לעבעדיקע נפשות, קינ־דער, אַלטע, פרויען. אַנדערע פון זיי שלאָפן, אַנדערע קרעכצן. אין דעם האַלב־פינסטער זעט מען אַ בליק פון אַ צעטראָטענעם מענטש. עס ווערט דערנאָך אינגאַנצן פינסטער אויף דער נשמה, און דאָ שפּרייזט אַ פרוי מיט ברייט געעפנטע אויגן, אַן עלטערע, אַ גרויע, זי זעט אויס צו זיין משוגע פון פאַרצווייפלונג. זי שפּרייזט און שרייט:

— דער מאַן שטאַרבט מיר. אפשר האָט איר געזען אַ קשאָנדז? דער מאַן שטאַרבט מיר אַוועק...

קיינער הערט זי נישט. קיינער קוקט זיך אפילו נישט אַרום. אין דער דאָזיקער אוממענטשלעכער ענגשאַפט איז געווען אַ קאַלטע רעזיג־נאַציע, אַ טעמפּקייט, אַ פאַרגליווערונג. אין איינער אַזאַ רגע האָב איך דערפילט, אַז איך בין פאַרטיק. פון דאַנען וועל איך שוין נישט אַרויס. דאָ וועל איך צעטראָטן ווערן מיט נאָך אַ סך אַנדערע. איך בין שוין געווען צוגעגרייט צו דעם. צוערשט ווייטיק אין דער נשמה, דערנאָך רעזיגנאַציע... ווּ זאָל איך זיך דאָ אויסציִען און אָפּשטאַרבן און אַ סוף...

פּלוצלינג האָט מיך ווער אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל: איך האָב אויפ־געציטערט און דערזען פלאַקסערן.

— האַ, ווּ זענען אַלע?

— איך ווייס נישט... ווּ איז גאָטליב? ווּ איז יאַושזאָהן? זיי שטיקן זיך אוודאי אין דער מאַסע ווי אַלע...

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט שוין אַוועקגעפאָרן, מיך איבערגעלאָזן. איך האָב שוין קיין כוח נישט.

מיר האָבן זיך שוין נישט אָפּגעלאָזט. גאַנץ פּשוט: מיר האָבן זיך פאַר די הענט געהאַלטן, איינער זאָל דעם צווייטן נישט פאַרלירן. אָט אַזוי האָבן מיר געפונען אַ דריטן, אַ פערטן פון אונדזער גרופּע. דער מענטשן־ים האָט זיי אויסגעשפּיגן. מען האָט זיך איצט פעסט געהאַלטן איינער נעבן

צווייטן, דער זעלבער ים זאָל אונדז ווידער נישט איינשלינגען. מיר האָבן געזוכט די איבעריקע. גערופן זיי הויך ביי די נעמען. פונקט ווי אין א מדבר, ווי אין א וואלד. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אָפּרופן אן עכאָ... מיר האָבן זיך געפרייט מיט יעדן אויפגעזוכטן חבר. אין אזא וויסטן לע־בעדיקן קבר איז אויך פאראן פרייד... וואָס מער ווילסטו מענטש?

דערנאָך. נאָך אַלע מאטערנישן, נאָך אלע זוכענישן און אויספרע־גענישן, זענען מיר דערגאנגען, אז דער צוג, מיט וועלכן מיר באַדארפן אוועקפאָרן, געפינט זיך נישט אויף דעם מזרח־וואקזאל, נאָר אויף דעם דאנ־ציגער וואקזאל.

א שרעקלעכע בשורה...

אָבער קלערן טאָר מען נישט. עס איז קריג. בליץ־קריג. טאָטאלער קריג. מיר מוזן ווייטער גיין. א רחמנות געווען אויף די אייגענע פיס, נאָר מען מוז גיין, מען מוז, מען מוז...

איצט האָבן מיר ווידער געהאט א שווערע פּרוּוו דורכצופירן. מיר האָבן געמוזט ארויסקריכן פון וואקזאל אויף דער גאס, און דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאכן. פאר דער צייט האָט זיך די מענטשן־מאסע מער נאָך איינגעפּרעסט. צונויפגעגאָסן און זיך איינגעקלעפּט.

מיר, אונדזער גרופּע זשורנאליסטן, האָט זיך געשטופּט צו דער טיר און א לעבעדיקע מענטשן־פּאליע האָט אונדז געשטופּט צוריק, פונקט ווי זיי וואָלטן אונדז וועלן פארהאלטן: „בלייבט דאָ מיט אונדז. שטיקט זיך און ווערגט זיך און גייט אויס מיט אונדז אינאיינעם"...

מיר האָבן דאָס נישט געוואָלט. מיט די עלנבויגנס, מיט אביסל כעס און אויפרעגונג זענען מיר ארויס אויפן גאס. שטיל און שטום. א ווינטל, לופט, שטערן... פאר די אויגן האָט נאָך אָבער געשוועבט דאָס גיהנום פון מזרח־וואקזאל, אן אמתער גיהנום... נאָר בלויז מיר האָבן פון דעם געוווּסט. די גרויסע ווארשע איז געשלאָפן...

מיר זענען ארויס פון מזרח־וואקזאל און זאָל דאָס זיין א גוטער סימן: אויב מיר האָבן זיך געקאָנט ארויסרייסן פון אזא גיהנום־קעסל, וועט אפשר אויך ווייטער עפּעס געלינגען. ווידער גאס, לופט און פינסטערניש. צו באקומען א וואגן צו פאָרן איז אפילו נישט געווען צו טראכטן. מיר גייען צו פוס. מיר האָבן פאר זיך ביז צו דעם דאנציגער וואקזאל זעקס

אָדער זיבן קילאָמעטער, גאַנץ וואַרשע באַדאַרף מען אַדורכגיין. פאַרפאַלן. מיר גייען און אַ סך ליכטער וואָלט געווען צו גיין, ווען די קאָלעגן מיינע וואָלטן זייערע וואַליזעס נישט געהאַט. איך האָב זיך אין האַרצן געביי־זערט אויף זיי. צו וואָס און צו ווען דער באַגאַזש? צו וואָס אַזעלכע לאַנג־זאַמע טריט, אַז מען קאָן שפּרייזן שנעל, מיט מענערישע טריט און קומען גיכער אַהין צום וואַקזאַל? מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אונדזער צוג זאָל אָפּגיין פיר אַזייגער און אפשר וועלן מיר פאַרשפּעטיקן? און דער דייטש? ווער ווייסט אים, ווי ווייט ער איז פון שטאָט מיט זיינע טאַנקען?

אַלץ די וואַליזעס... די חיות זענען קליגער פאַר אונדז, בעת עס ברענט דער וואַלד זייערער, לויפן זיי שנעל פון ברענענדיקן וואַלד, זיי נעמען נישט מיט קיין בגדים, קיין וועש, קיין נאַכט־פאַנטאָפל און קיין פּידזשאַמעס.

איך אַליין גיי שנעל, אָבער וואָס איז די פּעולה פון דעם, וואָס איך גיי שנעל? איך מוז זיך דאָך אָפּשטעלן און וואַרטן אויף מיינע חברים. איך וואַרט אויף זיי און דאָס געדולד קאָן פּלאַצן. מיר דאַכט זיך כסדר, אַז איך בין דער שוואַכסטער פון זיי, איך פיל זיך זייער נישט גוט. איך זע אַלץ אין שוואַרצע פאַרבן און איצט איז דאָך אַזאַ מאָמענט, אַז מען דאַרף שטאַרקער זיין ווי מען איז, איבערשטייגן זיך און גלויבן אפילו אין דאָס אומגלויבלעכסטע. איך זוך באַרואיקונג, איך זוך טרייסט. מען מוז מיט עפּעס אָפּנאַרן די נשמה. וואָס איז נאָך פאַר מיר פאַרבליבן? וואָס איז נאָך פאַראַן גוטס אויף דער וועלט? איך לויף פאַרביי געדאַנקלעך דעם לעצטן טאָג. איך טראָג אַ באַנדאַזש אויף דער האַנט און די האַנט טוט וויי. בייטאָג, ביים גראָבן די שוץ־גרובן, האָב איך זיך פאַרוווּנדעט. דער־נאָך, פאַרנאַכט, בין איך געשטאַנען אויף דער וואַך, געהיט דעם הויף אונדזערן. דערנאָך אין דער שפּעטקייט האָט אינדעלמאַן אָנגעקלונגען, איך זאָל שוין קומען אין ליטעראַטן־פאַראיין, ווייל מען גייט אַוועק פון וואַרשע. אַ טייערער חבר דער אינדעלמאַן, ער האָט זיך דערמאָנט אין מיר אין אַזאַ שעה, ווען יעדער איינער טראַכט פאַר זיך. דער דאָזיקער געדאַנק און געפיל איז געווען ווי אַן איינציקער שטראַל פאַר מיין פינסטערער נשמה אויף די פינסטערע גאַסן פון דער דעמאָלטדיקער וואַרשעווער נאַכט.

טריט נאָך טריט, שאָטן נאָך שאָטן — מיר זענען געקומען צום

דאַנציגער וואקזאל. אַלע זענען געקומען און אַלע וואַליזעס האָט מען אהין געבראַכט... אָבער דער וואקזאל איז געווען פּוסט און ליידיק. א קאָנטראַסט צו דעם מזרח־וואקזאל. דאָרט איז געווען מענטש אויף מענטש. דאָ אפילו קיין שאָטן נישט. דער בופעט פארשלאָסן. די דורכגאַנגען קוים באַלויכטן. מיר לויפן ארום און מיר זוכן א באאמטן, מיר ווילן דאָך וויסן ווו איז אונדזער צוג און ווען גייט אוועק אונדזער צוג? נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. מיר עפענען איין טיר פון א קאַנצעלאַריע, די לאָמפּן ברענען, נאָר קיין מענטש איז נישטאָ. מיר עפענען די טיר פון טעלעגראַף. די מאַשינען שטייען. אָבער קיין מענטש איז נישטאָ. געמיינט האָבן מיר, אז דאָס איז די לעצטע רגע, דער שונא קומט שוין באַלד אריין און די לעצטע באאמטע האָבן זיך געראַטעוועט. דאָך דער שונא איז נאָך נישט אריין און די באַאמטע האָבן שוין נישט געאַרבעט. מען האָט פאַרלאָזט די פּאָסטנס, ווייל דער כאָאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. שפּעטער האָבן מיר שוין יאָ געפונען א באאמטן. דער דאָזיקער האָט אָבער גאָרנישט געוווּסט וועגן אונדזער צוג און וועגן אונדזער אָפּפאָרן.

אָט אזוי האָבן מיר געבלאָנדזשעט א שטיקל צייט, ביז מיר זענען ארויס פון וואקזאל אויף דער באַן־פּלאַטפאָרם. אויף די רעלסן איז געשטאַנען א גאָר לאַנגער צוג מיט פאַרלאָשענע וואַגאָנעס. צוויי גרויסע לאָקאָמאָטיוון האָט געהאַט דער צוג. די מאַשיניסטן זענען נישט געווען, כאָטש די אויוונס האָבן געברענט און פונקען האָבן געשפּריצט.

איינער פון אונדזערע חברים האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר איז דאָס אונדזער צוג?

אין דעם האָט זיך, ווי פון אונטער דער ערד, ארויסגערוקט א קאָנדוקטאָר מיט א שוואַכע לאַמטערן און ער האָט אונדז געמעלדעט:

— ניין, דער צוג איז נישט פאַר אייך, דער צוג איז פאַרן אויסערן־מיניסטעריום...

— איך פייף אויף דיין אויסערן מיניסטעריום...

און ער האָט ווייטער אויסגערופן:

— קאָלעגן! אריין אין די וואַגאָנעס... מיר וועלן פאָרן מיט דעם צוג. אַלע אריין אין די וואַגאָנעס!

קורץ און קאַטעגאָריש האָט ער דאָס ארויסגערעדט, נאָר דער פייף

זיינער האָט מיר קאַלט אַריינגעפּייפּט אין דער נשמה. איך האָב גוט פאַרשטאַנען: אין פּוילן איז שוין נישטאָ קיין רעגירונג, כאָטש דאָרט אין מיניסטאָרן־ראַט טומלט זיך נאָך היינט צום לעצטן מאָל... שוין נישטאָ קיין באַאַמטע. קיין פּלאַן און קיין אָרדענונג. אַלץ, וואָס מיט אונדז וועט פון איצט אָן געשען, וועט עס זיין אַ צופאַל און בלויז אַ צופאַל.

מיר זענען אַריין אין איין וואַגאָן און אין צווייטן וואַגאָן. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט. מידע, טויט־מידע. געזעסן זענען מיר אין דער פינסטער, געדרוקט, געוויכערט און דאָס ליכטיקע פונקען־פייערל פון פּאַפּיראָס פאַרשטעלט מיט די הענט. מיר זענען געזעסן און געשוויגן. די אַלע געביידעם פון וואָקזאַל זענען געווען איינגעטונקט אין דעם אָנגעשראָקענעם חושך. אַ מאָדנע נאַכט, אַן ערב־אומגליק־נאַכט... און דאָך זענען עטלעכע חברים איינגעשלאָפן און איינער צוויי — מען האָט גאַנץ געשמאַק געכראָפּעט. עטלעכע אַנדערע זענען געלאָפן דערגיין, צי מען וועט לאָזן פאָרן מיטן צוג און ווען? ווען וועלן מיר פאָרן?

איך בין געזעסן אין מיין ווינקל און זיך צוגעהערט צו דער שווייגנדיקער אַרומיקייט. געדריקט האָט מיך דאָס, וואָס דער צוג איז געשטאַנען. געוואָלט האָב איך איין זאַך: דער צוג זאָל לויפן און לויפן און אײַנגאַנצן אַוועק פון וואַרשע, פון פּוילן, פון אייראָפּע, פון דער וועלט... אין קאָפּ זענען געהאַנגען דעראינערונגען פון דער פריערדיקער מלחמה און די דראָאונגען פון די, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די איצטיקע מלחמה. דאָס איז נישט געווען קיין טראַכטן. דאָס זענען געווען געדאַנקען־קייטן, וועלכע האָבן געשמידט לייב און נשמה. מורא און פּחד פאַר דעם מאָרגן, און דער מאָרגן, דער נייער טאָג קריכט שוין אויף דער ערד. ווען איך האָב אַרויסגעקוקט פון פענסטער, האָב איך דערזען נאָך אַ צוג אויף די רעלסן. יענער צוג איז פול געפּאַקט געווען מיט מענטשן, נאָר אַלע האָבן אַזוי איינגעהאַלטן געשוויגן, פּונקט ווי מען וואָלט זיי פאַרבאָטן צו רעדן, פּונקט ווי די מורא וואָלט זייערע ליפּן געשמידט.

ס'איז ליכטיקער געוואָרן, דערנאָך איינגאַנצן ליכטיק. טאָג איז געקומען. באַוועגונג דאָ און דאָרט. רעדאַקטאָר שוואַלבע איז געווען אַ פיינשמעקער אין עסן און אויף אַ גלאָז קאַווע פּלעגט ער זאָגן פאַרקירצט: „קאַווקאַ", האָט ער דער ערשטער דערשמעקט, אַז מען האָט געעפנט דעם

בופעט און מען קאָן דאָרט עפּעס באַקומען. זענען מיר געלאָפן אין בופעט און ווירקלעך: מען גיט קאַווע, מילך און אייער, ווורשט, קעז. נאָך אַזאַ נאַכט... מען ווערט דערפרישט פון אַ געטראַנק, פון אַ צובייסעכץ. גאָטליב זיצט ביים ברעג פון אַ טיש. איך שטיי נעבן אים און ביידע טרינקען מיר קאַווע. די שטימונג האָט זיך ביי אַלעמען פאַרבעסערט און גאָטליב רופט זיך אָן צו מיר:

— ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט.

אַ רגע פון אילוזיע: מיר זענען רייזנדע. מירן זיך אָנטרינקען מיט קאַווע און מיר וועלן פאָרן ווייטער. פּלוצלינג... אַ האַרמאַטן־קנאַקעריי איבערן וואַקזאַל, איבער אונדזערע קעפּ. דאָס האָט די זעניט־אַרטילעריע באַגעגנט די פּרימאָרגן־געסט פון הימל. אין דער בופעט געביידע האָבן זיך אַריינגעשאָטן אַ סך מענטשן מיט צעשראָקענע אויגן. די גאַנצע געביידע ציטערט און אונדזערע נישט אויסגעשלאָפענע קערפּערס ציטערן אויך. מיר הערן זיך צו, צי די שיסעריי האַלט אָן. מיר הערן גענוי דאָס גערויש פון עטלעכע עראָפּלאַנען. זיי עגבערן דעם מאַרך, זיי ברומען אַריין אין דער לעצטער ביסל דרייסטקייט פון מענטשן. עס דויערן רגעס, אָבער ווי לאַנג אַנדערע רגעס זענען. די ברומערייען פון די עראָפּלאַנען־שרויפן דערשטיקן דעם אָטעם. עס ברומט... אָ ט א ז ו י ב ר ו מ ט ד ע ר ט ו י ט און מיר וואַרטן אויפן טויט. פּלוצלינג ווערט אַלץ שטיל. די זעניט־האַרמאַטן הילכן נישט; די עראָפּלאַנען ברומען נישט מער, שטיל... און אין דער שטילקייט פאַרגלוסט זיך איינעם פון די בופעט־געסט אויפקלאַפּן אין איי. צי האָט ער טאַקע געוואָלט אַזוי שטאַרק עסן, אָדער די נערוון האָבן געפירט זיין האַנט, אַלץ איינס: דער גאַנצער עולם האָט אים אָפּגעבריט מיט בייזע בליקן. הערט זיך נאָר איין, אַ משוגענער אַזאַ. דאָ פליען איבער די קעפּ דייטשע עראָפּלאַנען, דאָ קאָן מען געהרגעט ווערן און ער קלאַפּט גאָר אָן איי...

עס איז רואיק געוואָרן. מיר זענען געלאָפן אין אונדזערע וואַגאָנעס און דאָרט האָבן מיר אַרויסגעקוקט פון די פענסטער, געוואַרט אויף דער רגע, אַז דער צוג זאָל זיך שוין רירן. עטלעכע פון אונדזערע זענען כסדר געלאָפן צו די באַן־באַאַמטע, מען האָט אַפילו געקלונגען אין שטאָט. געקלונגען צו אַ מיניסטער, אָדער צו אַ קלענערן בן־אדם. ביז מיר האָבן זיך

דערוווּסט, אַז מיר פֿאָרן טאַקע מיט דעם זעלבן צוג, מיר בלייבן אין אונדזערע וואַגאָנעס. אָבער ווען וועט עס געשען? דאָ איז אַ סכנה צו בלייבן. דער דאַנציגער וואָקזאַל שטייט נעבן אַ גרויסער בריק, ער געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון די אַלטע וואַרשעווער פֿעסטונגען און גרויסע פֿאַבריק־געביידעס...

פֿון יענעם פֿרימאָרגן און פֿון אַנדערע פֿרימאָרגנס זענען אין קאָפּ פֿאַרבליבן כאַאָטישע פֿראַגמענטן, ברעקלעך דערינערונגען, געמישט מיט ווייטיק און אַנגסטלעכן פּחד. אין יענעם פֿרימאָרגן האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם ערשטן עקזאַמען פֿון איבערלעבן שרעק און סכנה און אַז דער גוטער מזל האָט געוואָלט, האָבן מיר דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. יעדע צענדליק מינוט האָבן די זעניט־האַרמאַטן געקלאַפּט און די עראָפּלאַנען האָבן געבראָמט. אַמאָל ווייטער, אַמאָל נענטער און אַמאָל גאָר נאָענט. מען איז כסדר געלאָפֿן פֿון די וואַגאָנעס ערגעץ־ווּ זיך באַהאַלטן. איינמאָל בין איך אַליין פֿאַרבליבן אין וואַגאָן. אַלץ אַרום איז ליידיק געוואָרן און איך בין דאָ מיט מיין שרעק אַליין... איך האָב אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער, איך זע דריי עראָפּלאַנען, אַרום זיי — רויך פֿון אויפֿגעריסענע קוילן. די זון שיינט אין ציכטיקן הימל, די עראָפּלאַנען טונקען זיך אין דעם ליכט און ווערן פֿאַרשווּנדן אויף אַ רגע, באַלד אָבער רוקן זיי זיך ווידער אַרויס מיט זייערע שפּיציקע קעפּ, ווי קראָקאָדילן טוען עס פֿון וואַסער. איין שטאַרקער אויפֿרייס, אַ צווייטער, אַ דריטער. די וועלט טרייסלט זיך. איך זע פֿון ווייט אַ מויער, אַ גאַנצער פֿאַסאַד, די פֿראָנט־וואַנט רירט זיך לאַנגזאַם־לאַנגזאַם. עס איילט זיך נישט, עס בויגט זיך, דערנאָך הייבט זיך דאָרט אויף, אויף יענעם אָרט, אַ סך שטויב...

נאָך אַן אויפֿרייס, שטאַרקער ווי פֿריער, נענטער ווי פֿריער. איך האַלט נישט אויס און לויף אַרויס פֿון וואַגאָן. אין דער מינוט פֿליען עטלעכע עראָפּלאַנען איבערן וואָקזאַל און באַשיסן אים מיט קוילן־וואַרפֿער. איך הער, ווי קוילן פּייפֿן איבער די דעכער פֿון די וואַגאָנעס, אויף דעם אַספֿאַלט פֿון דער באַן־פּלאַטפֿאָרם. איך לויף; איך וויל צוקומען צו אַ געביידע. אין דעם מאָמענט שפּרינגט אַרויס פֿון אונטערן וואַנט אַ באַןבאַאַמטער, אַן עלטערער מענטש. ער דערלאַנגט מיך אַ כאַפּ אָן און שרייט אויס:

— איר זייט משוגע געוואָרן?

געמיינט האָט ער דאָס מיין אומפּאַרזיכטיקייט.

איך געדענק נישט, צי איך בין אליין אריין, צי ער האָט מיך אריינגעטראָגן אין א קליינעם בנין, ווו עס זענען געלעגן אייזערנע מכשירים, וואָס די באַן־ארבעטער באַנוצן. דאָרט זענען געווען נאָך עטלעכע מענטשן, טויט־בלייכע, שווייגנדיקע און איבער אונדז רוישט און קלאַפּט. צו אלע קלעפּ און גערוישן האָב איך זיך שוין צוגעוווינט, נאָר דער עראָפּלאַן האָט איין גערויש, איין ברום, וועלכער הרגעט אוועק יעדע האָפענונג. דאָס איז דעמאָלט, ווען ער פּארקירעוועט. דעמאָלט ברומען די שרויפן זיינע מיט אזא טעמפּקייט, וואָס טויט אָפּ די נשמה. אָט די דאָזיקע ברומעריי האָט דער טייוול אליין אויסגעקלערט און ער האָט עס אוועקגעשענקט דעם מלאך־המות, אז יענער זאָל גוט אויספּייניקן פריער זיינע קרבנות...

א סך אזעלכע און ענלעכע מאָמענטן האָבן מיר דורכגעלעבט אויף דעם דאנציגער וואקזאל און איין האָפענונג איז געווען, איין דערוואַרטונג, איין תפילה: אריבערפאָרן די בריק און זיין אויף יענער זייט פון דער ווייסל. די שרעק איז א קנאפּער סטראטעג און די מורא קאָן נישט חשבונען. די מורא וויל בלויז אוועקגיין פון דער ערשטער געפאר און אין דעם אליין זעט עס די רעטונג...

דער צוג האָט זיך גערירט, אָבער זייער לאַנגזאַם. כאָטש ארום איז אזוי פיל סכנה, דאָך קריכט ער, דער צוג. דאָס זעט אויס ווי א ביטערער צו־להכעיס. ביי דער בריק, ביי דער שווארצער באַן־בריק שטעלט ער זיך אָפּ. ווידער א שיסעריי, א קורצער אלארם. שפּעטער אביסל די רעדער דרייען זיך ווידער. מיר זענען שוין אויף דער בריק און איבער אונדז הייבט זיך אָן א קנאקעריי א ווילדע. די זעניט־ארטילעריע ארבעט. אָט דאָ נעבן אונדז, ביי די זייטן פון דער בריק, די פּארמאסקירטע הארמאטן מיט די לאַנגע, דינע העלדזער. די עראָפּלאַנען גייען צו דער בריק. דאָס איז פאר זיי א טייערער ביסן און מיר זענען אין דעם סאמע מיטן...

עס ווילט זיך שפּרינגען צום פענסטער און א קוק געבן, ווי דאָס זעט אויס, ווו מיר האלטן? נאָר איינער דעם צווייטן האלט עס אָפּ דערפון. איינער זאָרגט פארן צווייטן, פאר אלעמען און מען איז צעשראָקן. שרעק איז מענטשלעך. נאָר מענטש קאָן זיך אויך באהערשן. איך מוז קאָנסטא־

טירן, אונדזערע האָבן זיך גוט געהאַלטן, איינגעהאַלטן די נערוון. באַוויזט די שרעק, אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען...

דאַכט זיך אַ שטילע פרייד האָט אונדז אַרומגענומען, בעת מיר זענען אַריבער די בריק. מיר זענען אויף דער צווייטער זייט. אַרום פעלדער, ערבסט־פעלדער. די פרימאָרגן־זון באַדעקט זיי, רואיק, פרידלעך, כמעט אידיליש. נאָכט שרעקט און טאָג נאָרט אָפּ. אפשר וועט עס זיך אַלץ ענדיקן גוט און ווידער וועט זיין אַ וועלט, אונדזער נאָענטע וועלט, מיט אונדזערע פריינט און קרובים, מיט אונדזערע ענינים. אין אונדזער וואַגאָן רעדט מען העכער. שוואַלבע מאַכט עפּעס הויכע אויספירונגען. בערנאַרד זינגער לאַכט אים קאַטעגאָריש אויס. אַ רגע פאַרגעסט מען. עס זעט אויס ווי מען זאָל דאָס דיספּוטירן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, אָדער אין קאַפע. נאָר דער צוג שטעלט זיך כסדר. מען וואַרט לאַנג. מען מאַכט עטלעכע קילאָמעטער אין אַ שעה און מען שטייט, מען שטייט. מען גייט אַרויס פון וואַגאָן און מען איבערצייגט זיך, אַז אונדזער צוג איז זייער גרויס. אַזאַ איינעם ווי מיר אַליין פאַרגלוסט זיך איבערצוציילן, וויפל וואַגאָנעס האָט עס אונדזער צוג. האָב איך זיי איבערגעציילט — צוויי און זיבעציק...

און פאַרנומען געווען אין גאַנצן צוג זענען בלויז פ י ר וואַגאָנעס. צוויי האָבן מיר פאַרנומען, מיר, די זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער און נאָך צוויי וואַגאָנעס האָט באַזעצט די רעדאַקציע פון דער מיליטערישער צייטונג: „פּאָלסקאַ זבראָינאַ". מער קיינער נישט. אַכט און זעכציק וואַגאָנעס זענען געווען פּוסט און ליידיק. מיר האָבן געקוקט אויף די ליידיקע וואַגאָנעס און עס האָט זיך געוואָלט ביטער לאַכן און וויינען. וויפל מענטשן האָט מען געקאָנט מיטנעמען אין אַזאַ צוג. די פרויען פון די זשורנאַליסטן און נאָך חברים שרייבער... אַכט און זעכציק ליידיקע וואַגאָנעס... און נעכטן ביינאַכט האָט מען זיך געאַמפּערט וועגן אַ פּלאַץ. מען האָט זיך געבעטן און געדונגען, געוויינט און געבעטלט...

## III

# דער צוג פון די זשורנאַליסטן

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט פון פאַרשידענע באַקאַנטע, וועלכע זענען נאָך אונדז אַרויס פון פּוילן, אַז אין וואַרשע האָט מען לעגענדעס דערציילט וועגן אונדזער צוג. מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אונדז פאַרזאָרגט מיט אַלדאָס־גוטס, אַז מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין אויסגעפּוצטע שלאָף־וואַגאָנעס, אַז מיר וועלן צוזאַמען מיטן מלוכה־פּרעזידענט און מיט די מיניסטאָרן אַוועקפאָרן קיין רומעניע און פון דאָרט קיין אַמעריקע.

מען האָט דערציילט:

דערנאָך, ווען פון אונדז איז צו קיינעם פון פּוילן נישט אָנגעקומען קיין שום ידיעה, האָט מען אויסגעטראַכט, אַז אונדזער צוג איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון דייטשע עראָפּלאַנען און אַלע זענען מיר אומגעקומען. וועגן דעם איז געווען אָפּגעדרוקט אַ טעלעגראַמע אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

און אין דער אמתן, מיר זענען געפאָרן אין האַרטע, נישט איבעריק ריינע וואַגאָנעס פון דריטן קלאַס. קיין מלוכה־פּרעזידענט האָבן מיר נישט אָנגעזען. צו רומעניע איז געווען ווייט און צו אַמעריקע נאָך אַביסעלע ווייטער. מיר זענען געפאָרן קיין לובלין, אונדזער ציל איז געווען צו קומען קיין לובלין. אין נאָרמאַלע צייטן איז מען פון וואַרשע ביז לובלין געפאָרן מיט אַ שנעל־צוג דריי שעה, מיר האָבן איצט געפּטרט אויף דעם עטלעכע מעת־לעת.

אונדזער צוג האָט זיך אַרויסבאַקומען פון וואַרשע אונטער דער קאַנאָקעריי פון באָמבעס, אונטער דער שיסעריי פון דער זעניט־אַרטילעריע

און דרזען האָבן מיר פעלדער, וועלדער, ווייטן האָריזאָנט. מען איז צו־געגאַנגען צו אַ פענסטער און ארויסגעקוקט. די ליכטיקייט פון דעם הערבסט־פרימאָרגן האָט געבלענדט די אויגן, דער פּוילישער הערבסט. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך געלייענט אַ באַשרייבונג פון אַן איטאַליענישן קונסט־קריטיקער און רייזנדער. ער האָט דאָרט דערציילט, אַז דעם שענסטן הערבסט אין דער וועלט האָט ער געפונען אין פּוילן. ער האָט די דאָזיקע שיינקייט שטאַרק געריממט. דער פּוילישער הערבסט האָט טיפע שיינקייט. גורם דערצו איז באַשטימט דער געאָגראַפישער פּלאַץ, וואָס פּוילן פאַרנעמט צווישן צפון און מערב אין אייראָפּע. גורם דערצו איז אויך די פּול־וואַלדיקייט, וואָס פּוילן פאַרמאָגט. די סעדער, די שפע פון געבלעטערטעביימער. קומט דער הערבסט, נעמען די ביימער שפּילן מיט אַלערליי קאָלירן ביז בלוטיק־רויט.

און אין איצטיקן הערבסט זענען צוזאַמען מיט די ערשטע גאָלדענע בלעטער געקומען די זילבערנע אַעראָפּלאַנען. זילבערנע, מיט גלאַנציקע קערפּערס. זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליכטיקייט פון רוים. די ערשטע אַעראָפּלאַנען, וואָס זענען באַפאַלן פּוילן, זענען אין גרעסטער צאָל געוועזן פון דער טשעכישער אויסאַרבעטונג. „סקאָדאַ״ הייסן זיי. דער הימל האָט זיך אַזוי ווי אויסגערייניקט פאַר זיי. די פעלדער זענען טרוקן געווען און גלאַט פאַר די דייטשע טאַנקען און פאַר זייערע האַרמאַטן, גלאַט ווי אַ פּאַרקעט. די נאַטור איז אויך נישט געווען מיט אונדז.

אונדזער צוג איז אַרויס פון וואַרשע אין אָפענעם פעלד. אָבער דאָס פעלד האָט געשראָקן. דער ריינער הימל האָט געשראָקן. מיר האָבן דער־פילט די סכנה, וואָס ווייטער פון וואַרשע, אַלץ גרעסער די סכנה. אונדזער צוג איז אַביסל געפאָרן און אַ סך געשטאַנען. געפאָרן פאָראויס און גע־שטופּט זיך צוריק. אָט זענען די קליינע סטאַנציעס. אונדזערע זומער־וווי־נונגען: מעדזעשין, מיכאַלין, שווידער, אָטוואָצק. אונדזערער אַ מענטש איז דאָרט געווען הונדערט מאָל. די וואַלד־פּלעצער זענען געווען ווי אַ צוגאָב צו דער יידישער וואַרשע. אין אָטוואָצק האָבן מער אָדער ווייניקער פאַרבראַכט אַלע יידישע שרייבער. דאָרט איז נאָמבערג געשטאָרבן. דער דאָזיקער קלוגער סקעפּטיקער האָט צו זיין גליק נישט דערלעבט דעם גרעסטן באַנקראָט פון מאָדערנעם מענטש. אין אָטוואָצק איז אויך געשטאָרבן דער

רעדאקטאָר בועז קארלינסקי, דער ריינסטער פון די ריינסטע. די שענסטע יידישע נשמה, וואָס איך האָב באגעגנט.

אין אָטוואָצק זענען די יידן געקומען זיך אָפּרוען. אין וואלד זענען געשטאנען ווילעס. אין אנדערע ווילעס האָט מען אין די אָפענע פענסטער געדאווענט. איבערהויפּט שבת. וואלד, ביימער און יידן אין טליתים... זיי דערמאָנען זיך, זיי שוועבן פאר די אויגן...

שעהן זענען געגאנגען און איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אז שעהן קאָנען זיך אזוי לאנג ציען. גרויזאמע שעהן. שווערע, שווערע, ווי בליי. אלע זענען געווען מיד פון דער שווערער נאכט, אָבער אונדזער עולם האָט זיך גוט געהאלטן. סיי די קריסטן און סיי די יידן האָבן אין די אויגן געטראָגן א טיפן ערנסט ביז אָפּגעזונדערטקייט, ביז אריסטאָקראטיש אריינ־טראכטן אין זיך... קיינער האָט פארן צווייטן נישט ארויסגעוויזן קיין אויפרעגונג, כאָטש ביי יעדן אין הארצן האָט געגליט דער ווייטיק פון צע־שיידן זיך מיט די נאָענטסטע. ערגעץ־ווו ביי דער סטאנציע פילאווא, אָדער סאבאלעוו, האָבן מיר דערהערט א גערויש פון עטלעכע עראָפּלאנען, גאָר נאָענט און נעענטער. שוין איבער אונדזערע קעפּ. האָבן מיר נישט גע־ווּסט, וואָס איז בעסער? בלייבן אין די וואגאָנעס אָדער לויפן אין פעלד, צום וואלד.

דער אינסטינקט פון לויפן האָט געזיגט. האָבן מיר זיך אלע א לאָז געטון אין פעלד אריין. געלאָפן אָן אָטעם און די עראָפּלאנען? זיי זענען אוועק גאָר אין אן אנדער ריכטונג. אין פופצן מינוט שפּעטער איז מען ווידער געשפּרונגען פון צוג. ווידער שרעק און ווידער געראטעוועט. איך געדענק נישט, ווו מיר זענען דאן געשטאנען, ווי ווייט פון ווארשע און ווי נאָענט צו לובלין? דער געוווינלעכער סדר פון טאָג איז צעשטערט גע־וואָרן, דער געוווינלעכער גערדאנקען־גאנג איז צעקנוילט און פארטעמפּט געוואָרן פון שרעק און פארביטערונג. מיר האָבן שוין געהאט אויף די רעלסן נאָך צוגן מיט א סך מענטשן, צוגן פאר אונדז און צוגן נאָך אונדז.

ווארשע האָט זיך שוין א ריר געטון אין דער עוואקואציע, אָבער אונדזער צוג איז נאָך אלץ געווען א יחסן. דער צוג פון די זשורנאליסטן. האָט זיך אָן עולם אָנגעפּאקט אין אונדזערע ליידיקע וואגאָנעס, אלע האָבן געוואָלט פאָרן מיט אונדז, ווייל מען האָט

געמיינט, אז אונדז וועט זיך מער איינגעבן. נאָר ביי די עראָפּלאַנען זענען נישטאָ קיין יחסנים, זיי שרעקן אַלעמען און זיי קאָנען אַלעמען צעשמעטערן... ווען עטלעכע שטאָלענע שדים האָבן זיך באוויזן, זענען פון אונדזער צוג ארויסגעלאָפן א גאָר גרויסע מחנה מענטשן. די נייע פּאַסאַזשירן האָבן צוגעדעקט א גרויס שטיק פעלד. מען איז געלאָפן צום וואלד און דער וואלד געפינט זיך א דריי־פיר קילאָמעטער פון אונדז. אָבער דאָס איז דאָך דער איינציקער שוץ־פּלאַץ, דאָס איבעריקע איז אָפן ווי אן אָפּגרונט. מען לויפט. איך הער, ווי אנדערע סאָפּען שווער, איך זע, ווי אנדערע פאַלן און הייבן זיך ווידער אויף. איך זע איינעם א לאַמען, איין פוס איז ביי אים לענגער און אויסגעקרימט. מאָדנע, טראַגי־קאָמיש זעט עס אויס, ווי דער געזונטער פוס שטעלט דעם שנעלן, נאָרמאַלן טריט, און ווי דער צעדרייטער פוס ציט צוריק.

מען לויפט. אין אונדזער איצטיקן צושטאַנד איז דאָס לויפן געוואָרן א וויכטיקער אטריבוט. א פויגל פליט, א פיש שווימט און א מענטש לויפט.

אויפן פעלד — א צעבראָכענער עראָפּלאַן, א פּוילישער. עטלעכע מענטשן באַהאַלטן זיך אונטער אים. זיי פארגעסן, ווי געפערלעך דאָס איז אין אָפענעם פעלד. איך לויף מיט זיי און מיטאַמאָל שרייט מען צו מיר, אז איך ברען... צום אָנהייב פארשטיי איך נישט וואָס מען שרייט צו מיר. דאָס זעט אויס, ווי אן אומגעלומפּערטער שפּאַס. אָבער עס איז אמת: איך ברען. מיין פּאַלטא ברענט פון דער רעכטער זייט, פון דער טאַש שפּאַרט א רויך, עס סמאַליעט זיך. די זאַך ווערט באַלד קלאָר: פון אויפרעגונג האָב איך אריינגעלייגט מיין פייקע אין קעשענע, אין פייקע איז נאָך געווען פייער און אין טאַש זענען געווען פּאַפּירלעך. האָט זיך עס אָנגעצונדן. ברען איך, אָבער איך ווער נישט פארברענט. די קליינע שרפה ווערט גיך פאַרלאָשן, און איך לויף ווייטער. עס לויפן הונדערטער מענטשן. ווער שנעלער, ווער לאַנגזאַמער. עמעצער פארררייסט דעם קאָפּ און זוכט אין הימל.

שפלות, מינדערווערטיקייט, אונטערטעניקייט ביז חרפּה פילט זיך אין אזא לויפן. מענטש פון תורה און וויסן, מענטש פון בעטהאָווענס סימפאָניעס, פון באַדלערס לידער, פון מיקעל אנדזשעלאָס סקולפּטורן... ביסט א שעפּס און לויפסט ווי א שעפּס... און ווי אויף צו להכעיס דערזע איך צווישן די מענטשן א ווייסן שמעטערלינג. ער שוועבט, ער פלאַטערט, דער

לעצטער שמעטערלינג, וועלכער איז ערגעץ דאָ געבוירן געוואָרן אין די ערשטע ווארעמע הערבסט־טעג... ער איז לייכט אין זיין שוועבן, ווי אַ גוטער חלום. נאָר נישט פאר אונדז. ביי אונז זענען די נשמות פארגאָסן מיט דעם שווערסטן בליי.

שפעטער זיצט מען ווידער אין וואגאָן. עס גייען דיסקוסיעס, מען שמועסט וועגן רידז־שמיגלי, וועגן בעקן, וועגן מאזשינאָ־ליניע, נאָר וועגן דער סכנה איבער אונדזערע קעפּ רעדט מען נישט אַ וואָרט. איך האלט עס פאר אַ הויכע מדרגה. צו וואָס זיך און אנדערע שיטן זאלץ אויף די וואונדן?

מיר זענען דאָ אין וואגאָן צונויפגעמישט: יידן מיט קריסטן. זשורנאליסטן און אַ סך גאָר הויכע טאלאנטירטע זשורנאליסטן. יידן און קריסטן. נעכטן איז מען געווען אין פארשידענע קווארטאלן פון ווארשע. פרעמד איינער צום צווייטן, ביז איינער אויפן צווייטן. איצט קוקט מען בשותפות ארויס פון פענסטער. מען שטעלט אַן צוזאמען די אויערן, מען האָרכט... מיר זענען מענטשן און מיר האָבן איין סכנה, וועלכע האָט אונדז פאר־איניקט. הלוואי וואָלט אונדז פריער אזוי פאראייניקט די פרייד, די שיינ־קייט און די ערלעכקייט פון לעבן. נאָר נישט בלויז יידן מיט קריסטן האָבן זיך פריער געביסן. ייד מיט ייד — אויך. אָט זיצן מיר אנטקעגן דאָקטאָר גאָטליב און יוסטמאַן־יאושזאָן, מיט זיי צוזאמען דער רעדאקטאָר פון אָרטאָדאָקסישן „טאגעבלאט", פלינקער. פלינקער זיצט אין מיטן, צו אים רעדט גאָטליב און צו אים רעדט יאושזאן, נאָר גאָטליב מיט יאושזאנען רעדן נישט. דאָס איז אן אלטע שנאה. אַ לאנג־יאָריקער קאמף, מען האָט זיך געריסן אין די צייטונגען, באליידיקט און חרוב געמאכט.

איצט רופט זיך אָן פלינקער:

— וואָס איז, איר זייט נאָך אלץ ברוגז? הערט אויף.

ביידע הייבן זיך אויף פון די ערטער און דערלאנגען זיך די הענט. שווייגנדיק. ווער ווייסט, צי זיי האָבן זיך אויף אן אמת מוחל געווען? צוויי טאלאנטירטע יידן, ביידע מיט בלויע אויגן, ביידע זענען שוין נישטאָ מיט אונדז.

אין וואגאָן איז געווען טומלדיק, אָבער דאָך איז עס ביסלעכווייז געוואָרן די היים פאר היימלאָזע. אַ היים מיט דראמאטישע, טראגישע און קאָמישע מאָמענטן. נישט אלצדינג געדענקט זיך. נישט אלץ איז שוין צייט

צו באשרייבן. איך כאפ בלויז ארוים פון זכרון עפיזאדן. וואס לאכט מען דארט אזוי הויך אין דער צווייטער העלפט פון וואגאן? איך גיי צו נענ־טער און איך דערוויס זיך: וואלקאוויטש האט איצט געעפנט זיין רוק־זאק און געפונען האט ער דארט בלויז דאמען־וועש. זיין פרוי, וועלכע איז נעכטן אוועק צוריק אהיים, ווייל מען האט איר נישט דערלויבט מיטצופארן, זי האט פארביטן, זי האט מיטגענומען זיין רוק־זאק און אים איבערגע־לאזט איר.

שפעטער איז דער צוג ווידער געקראכן און ווידער געשטאנען. פריער איז עס פאר די אויגן געוועז א סאסנאווער וואלד, איצטער זעען מיר א יונג וועלדל פון ווייסע בעריאזעס. נישט ווייט פון אונדז איז געשטאנען א צווייטער צוג, א פול געפאקטער. מענטשן האבן זיך באגעגנט און אי־בערגעגעבן נייעס, נייעס וועגן צעשמעטערטע וואגאנעס, וועגן א סך הרוגים. קיין פרייליכע ידיעה האט קיינער נישט געבראכט. נאך שווערער אויפן הארצן. מען האט זיך געפילט ווי פארמשפט. פארנאכט. עס טראכט זיך איצט שטארקער, עס פילט זיך שטארקער. דער צוג שטייט און מיר שפא־צירן ארום אין די וואגאנעס, אפגעטיילט איינער פון צווייטן. מען האט זיך אליין געענוג. אט גייט פארביי יוסטמאן:

— אייך איז גוט — ווארפט ער מיר צו.

— מיט וואס איז עס מיר אזוי גוט?

— איר האט נישט קיין פרוי מיט קינדער.

— מיין טייערער! אין לאדזש האב איך צוויי שוועסטער און צוויי ברידער. איך האב פריינט אין ווארשע. אלטע פריינט. יארן גייען אוועק, איידער מען האדעוועט זיך אוים אזעלכע פריינט...

— יא, אבער איר ווייסט נישט, וואס דאס איז אזוינס א פרוי מיט קינדער...

מער רעדט ער נישט מיט מיר. ער שפרייזט פון ווייטן. אין א צווייטן ארט שפרייזט אזוי ארום גאטליב. יעדער איינער פאר זיך מיט זיינע מחש־בות. פארנאכט. דער עולם איז שווייגנדיק געווארן.

דער צוג איז נאך אביסעלע געפארן און פארבליבן איז ער שטיין ווייט פון דער סטאציע זשילין. זשילין איז עטלעכע קילאמעטער פון דעמ־בלין — א בארימטע פעסטונג. דער צוג איז אריין אין דער נאכט. בא־

האַלטן זיך פון אזא אומרואיקן טאָג. א צוג א פארלאָשענער. די פינסטער־ניש האָט זיך געלייגט אויף די נשמות. איינער דעם צווייטן האָט נישט געזען, דאָך האָט מען נאָך לאנג גערעדט:

— איך זאָג אייך, אז די מאזשינאָ־ליניע וועט ראטעווען די וועלט.

דאָס האָט זיך געטראָגן א קול פון דער לעצטער וואגאָן־אָפּטיילונג...

און אויב די מאזשינאָ־ליניע וועט טאקע ראטעווען די וועלט, טאָ פארוואָס זאָל איך נישט פאררויכערן קיין פאפיראָס? דאָך, מען לאָזט נישט, איינער דעם צווייטן לאָזט נישט רויכערן. מען טאָר קיין פונק דעם שונא נישט ווייזן. איינער דעם צווייטן האָט אָפּגעהיט און איינער פארן צווייטן האָט דאָך ארייגעגנבעט א ציגארעטל...

די דאָזיקע נאכט איז אויך נישט לייכט אריבער. איך בין ווידער נישט געשלאָפן און אויב מען איז נאָך אויף די פיס, איז דאָס געווען א נס. זאָל דער נס מיך ווייטער פירן. פארטאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז קיין דעמבלין קאָנען מיר נישט צוקומען, ווייל דער וועג איז צעריסן. מיר מוזן פאָרן צוריק, דורך א הינטער־וועג, קיין לוקאָוו און פון לוקאָוו ערשט קיין לובלין. ווידער דאָס זעלבע: א האלבע שעה געפאָרן און פינף שעה גע־שטאנען. נאָר אויף דעם וועג האָבן מיר שוין געזען מער די מלחמה. מיר האָבן שוין געזען צעקלאפטע בנינים, צעקלאפטע וואגאָנעס, אראָפּגעשליי־דערטע פון די רעלסן. מען האָט שוין גערעדט וועגן פיל קרבנות. גרויסע צוגן מיט מענטשן זענען צעשמעטערט געוואָרן. מען האָט שוין דערציילט וועגן אומגליק פון פארניכטונג, און וואָס וועט זיין מיט אונדז? די עראָ־פלאנען שוועבן איבער אונדזערע קעפּ א גאנצן טאָג. זיי קאָנען מאכן מיט אונדז, וואָס זיי ווילן — מיר זענען אין אן אָפענעם פעלד. געהערט האָבן מיר אויפרייסן פון ווייט־נאָענט. געזען האָבן מיר גערדיכטע וואָלקנס רויך. עס ברענט. פוילן ברענט. יידישע ישובים ברענען. די וועלט גייט אונטער...

הונגעריקע און אָנגעשראָקענע, צעוויפגעקנוילטע אין וואגאָן האָבן מיר ווידער פארבראכט א נאכט ערגעץ־ווו אין פעלד. מען האָט שוין איצט ווייניקער גערעדט. כוחות, גבורה האָט שוין גענומען אויספעלן.

און באגינען דערוויסן מיר זיך, אז דער וועג אויף לובלין איז ווידער אָפּגעשניטן. מיר זענען געשטאנען לאנגע שעהן פאר לוקאָוו. שפעטער זענען מיר אין גרופּעס געגאנגען צו דער סטאציע. וואָס נענטער צום

וואקזאל, אלץ מער חורבן. די רעלסן ארויסגעריסן, רעלסן צונויפגעדרייט ווי בייגל, גריבער פון די אויפרייסן טיפע, ברייטע, פרישע ערד־וווּנדן. דער וואקזאל אליין איז געשטאנען מיט אויסגעהאקטע שויבן, נאָר די בנינים ארום אים — אלץ איינגעפאלן. שטיקער ווענט, קוימענס. איך בין א שוואַכער מבין אין מלחמה־ענינים, נאָר דאָ, ביי דעם לוקאָוועד וואקזאל, האָב איך פארשטאנען, וועלכער שרעקלעכער כוח עס איז אויפגעשטאנען פאר דער מלחמה דורך דעם עראָפּלאַן. איך האָב געקוקט אויף די בלייכע פּנימער פון די באַן־באאמטע, וועלכע האָבן זיך ארומגעדרייט צווישן די חורבות. מענטשן זענען געווען צעדולט, טעמפּ, זיי האָבן נישט פארשטאַנען, וואָס מען פרעגט זיי און מיר האָבן נישט פארשטאנען, וואָס זיי ענטפערן אונדז.

נאָר אפילו קוקן אויף דעם דאָזיקן חורבן האָט מען אויך נישט גע־לאָזט. עמעץ האָט א געשריי געטון:

— זיי קומען ווידער...

די עראָפּלאַנען האָבן זיך באוויזן. זיי זענען געווען נאָך וויַיט, נאָר פאר זיי איז נישטאָ קיין וויַיטקייט. דאָס האָבן מיר שוין געוווּסט. א רגע, א רעפלעקס פון טויט־שרעק און די פיס האָבן אונדז געגומען טראָגן. וויי־טער פון וואקזאל, וואָס וויַיטער. דאָ איז די גרעסטע סכנה. מיר זענען איינער פון צווייטן אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט געוואָרן. אין לויפן האָב איך נאָך געזען דעם פּראָפ׳ פון נח פרילוצקי, געזען, ווי גאָטליב איז פאר־ביי, נאָך איינער צי צוויי פון אונדזערע חברים. אָבער באלד האָב איך זיך געפונען אויף א קאַרטאָפל־פעלד. די ערד האָט זיך געקרישלט אונטער די פיס, שווער געווען צו לויפן, אָבער שרעק פרעגט נישט...

עס טראָגט דעם מענטש ווי א ווינט.

איך געדענק, אז אין לויפן האָב איך אליין צו זיך געמורמלט איין פראזע:

— אָט האָסטו דיר!...

איך רעכן, אז די פראזע איז געווען אן איראָניע־אויסדרוק איבער זיך און אלעמען. אָט האָסטו דיר די נייע וועלט מיט אלע דערגרייכונגען, מיט אלע האָפענונגען אויף בעסערע צייטן און בעסערע מענטשן...

מיר האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן דערוויַיל פון אונדזער צוג. מיר זענען

אריין אין לוקאָוו און דאָרט געזוכט א וועג קיין לובלין. אָבער אין לוקאָוו זענען געווען צענדליקער טויזנטער מענטשן פון ווארשע און פון גאַנץ פוילן. לוקאָוו איז כסדר באָמבארדירט געוואָרן.

אין כאאָס און שטיקעניש פון מענטשן־קנויל האָט זיך אונדז איינ־געגעבן צו באקומען א לאסט־וואָגן, מיט וועלכן מיר האָבן געוואָלט לויפן קיין לובלין.

„מיר", דאָס זענען געווען עטלעכע פון די יידישע זשורנאליסטן און שרייבער. די איבעריקע זענען ערגעץ פארלוירן געגאנגען אין דער מאסע, וואָס האָט געשטראָמט אויף דער לוקאָווער הויפט־גאס.

אומגעדולדיקע, ביז האלב־משוגעת, ביז דער העכסטער צערודערונג זענען מיר געשטאנען אויף דעם לאסט־וואָגן און געווארט, אז מען זאָל שוין פאָרן, מען זאָל שוין פארלאָזן לוקאָוו. איינער פון אונדזערע צווייִ שאָפערן איז אָבער געגאנגען זוכן בענזין און ער איז נישט געקומען צוריק. האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אנשטאט בענזין האָט ער געפונען אין א שענק בראָנפן, שיכורט ער דאָרטן.

איצט איז אים דער צווייטער שאָפער געגאנגען זוכן. האָבן מיר מיט אים מיטגעשיקט צוויי באגלייטער, זיי זאָלן אויף אים אכטונג געבן, ער זאָל נישט געפינען קיין בראָנפן. דערווייל... דערווייל שרייט די קעציִשע סירענע, מען מוז ווידער שפרינגען פון לאסט־וואָגן און ווידער זיך באַ־האלטן. אי, מיין באבעשע מרים פון די יאוועצעס, ביסט א גרויסע יחסנטע געווען אויף דער ערד. אפשר קאָנסטו דאָרטן פועלן אין הימל, אז מען זאָל מיר געבן כוחות? איך בין שוין גרייט צו שפרינגען און טויזנט מאָל זיך ראטעווען, אלץ אין נאָמען פון לעבן, נאָר כוחות באדאַרף איך, כוחות...

מיין באבעשע מרים פון די יאוועצעס, זי דערמאָן איך אין אלע מיינע צרות... א סך מאָל זענען מיר אזוי געשפרונגען פון וואָגן און זיך געלאָפן ראטעווען. שרעק איז כסדר איבער אונדז געהאנגען. דערווייל אָבער איז אלץ אריבער בשלום, דערווייל איז שוין אָנגעקומען דער שאָפער. ער האָט מיטגעבראכט זיין שיכורן חבר און אויך א גרויסע קאַן מיט בענזין, אפשר א גאנצן עמער מיט בענזין. ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, האָט ער דעם בענזין געגנבעט ביי א צווייטן שאָפער, בעת יענער האָט פארריכט די מאשין. שוין געווען אַרום פיר דער זייגער, נאָך פיר. די גאס איז פאר־

פּראַפּט מיט אויטאָס, מיט וועגענער, מיט מענטשן. מיר זאָלן שוין באַלד פּאָרן. אָט באַלד... דער שאָפער זעצט זיך אוועק ביים מאָטאָר, נאָך א רגע...

אין דעם דערלאַנגט א קריסט א געשריי:

— זיי גייען!

אַלע האָבן מיר א ריס געטון די אויגן צום הימל און דערזען האָבן מיר זעקס עראָפּלאַנען, צוויי גרופּעס צו דריי. זעקס מיט אַמאָל, דאָס האָט איבערגעשראָקן, ווייל פריער זענען זיי געקומען צוויי אָדער דריי.

— איצט וועט עפּעס זיין — האָט איינער א זאָג געטון.

די סירענע האָט גענומען שרייען. דער עולם האָט גענומען לויפן. פון אונדזער לאַסט־וואָגן איז מען שוין ווידער געשפּרונגען מיט מער אימפּעט ווי פריער. מען איז זיך געלאָפן באַהאַלטן. איינער איבערן צווייטן איז געשפּרונגען, שנעל, צעטומלט... איך אַליין? איך האָב דאָס מאָל געוואָלט זיין קליגער ווי די אַנדערע. נישט געוואָלט זיך איצט באַהאַלטן אין די לוקאָווער שוואַכע שוץ־קעלערס. איך האָב א טראַכט געטון, אַז אַביסל ווייטער פון דער צענטראַלער גאַס וועט זיין זיכערער. בין איך אַריינגעלאָפן אין א געסל, געריסן די אויגן צום הימל און ווייטער געלאָפן. נאָך א געסל און נאָך א געסל. איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט אין די געסלעך, ווי אין א ווילד פרעמדן לאַבירינט. איבערן קאָפּ האָבן נענטער און נענטער געברומט מיט בייזקייט די עראָפּלאַנען. איידער איך האָב זיך באַוויזן צו אָריענטירן אין עפּעס, האָב איך שוין דערזען, ווי הייזער ברענען, עטלעכע ווייטע און נענטערע קנאַלן האָבן מיך אַזוי פאַרטויבט, אַז די איבעריקע האָב איך שוין נישט געהערט. איך בין איצט געווען ביי דער ענדע פון שטאָט. בלויז געציילטע הייזער. א שטיקל פעלד מיט דרעננגלעך אַרומגעצויגן און א הויז. א הויז און א שטיקל פעלד. אַזוי כסדר. צווישן די דאָזיקע געציילטע הייזער בין איך געלאָפן אָן אן אָטעם ווי א פאַרסמטער. איך האָב זיך געדרייט אין א גיהנום־קרייז. אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

דריי פון די זעקס עראָפּלאַנען זענען געווען איבער מיר — נישקשה הויך. פּונקט איבער מיר זענען זיי געווען. אויסגעדוכט האָט זיך, אַז די אַלע דריי זענען פאַרבליבן שטיין אויף איין אָרט, פאַראַנקערט זיך אין דער לופט, אויף איין אָרט אין ליכטיקן הימל. איך בין געלאָפן, געלאָפן. פון איין אָרט, פון א צווייטן אָרט. מען האָט געשריגן צו מיר:

— לויף נישט, לייג זיך אויף דער ערד!

ווער עס האָט געשריגן, האָב איך נישט געזען. און איך בין דען געלאָפן? די פיס האָבן זיך אליין געטראָגן ווי משוגענע. פּלוצלינג א געסל מיט געציילטע הייזער. עפּעס אומדערוואַרט איז אזא מין געסל אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן. דאַכט זיך שוין פעלד געווען, אינגאַנצן פעלד און מיטאמאָל א געסל. איך לויף איבער דעם געסל און מיט מיר לויפט א פרוי, א קריסטין, אן עלטערע, א ברייטע. זי טראָגט א קאָשיק, אין קאָשיק א ברויט, א טיכל א פּויערישע. יאָ, דאָס האָב איך גענוי געזען. די קריסטין לויפט מיר נאָך, אָדער איך לויף נאָך איר. ביידע זענען מיר געלאָפן פון טויט... דאָס געסל האָט זיך געענדיקט. די קריסטין פאַרנעמט זיך אויף רעכטס, איך אויף לינקס. ביים פאַרקירעווען רעדט זי ארויס די ווערטער:

— אפשר וועט דאָ זיין גוט?

און געלאָפן איז זי ווייטער. איך — אויך. אָט זע איך א שטיק פעלד, א קוואַדראַט, א גרינעם. שוואַך ארומגעצוימט מיט א שטעכעדיקן דראָט. לויף איך אויף דעם שטיק פעלד און איך קוק מיט אלע אויגן צו דעם גרויסן צווייסטאָקיקן הויז, וואָס זעט זיך פון דער ווייטן. איינס פון די לעצטע הייזער ביים עק פון דער שטאָט. א הילצערן הויז, צוויי שטאָק, מיט א סך פענסטער. איך וויל אהינצו דערגרייכן. א רגע, אן איינרעדעניש, אז דאָרט וועט זיין מיין רעטונג. פּלוצלינג א קנאַל, דאָס הויז הייבט זיך אויף אין א באַרג שוואַרצע מיסט. א ברעט פאַלט נישט ווייט פון מיר. דער באַרג מיסט ליגט שוין אויף דער ערד. איך זע די וועלט, מיין וועלט, אונדזער וועלט. איך זע דעם ליכטיקן הימל, איך זע אעראָפּלאַנען אין עטלעכע טיילן פון הימל, איצט זענען זיי שוין א סך מער ווי פריער. ארום, פון ווייטן און פון נאָענטן, ברענען הייזער. איך הער, ווי דאָס געהילץ פון די הילצערנע הייזער קנאַקט. איך הער אויפרייסן. ארום איז ליכטיק פון די פייערן, ליכטיק ביז יום־טובדיקייט. אביסל ווייטער שטראָמט א וואַסער. די פלאַמען שפּיגלען זיך דאָרט אָפּ.

די אויגן זעען אלץ, וויל שרעק זוכט א רעטונג. די אויערן הערן ווידער דאָס סקאַקעריי און די פיס לויפן שוין ווידער. ווי זיי וואָלטן געהאַט עפּעס א באַזונדערן פּוס־חשבון. איך לויף און איך בין ווידער צווישן הייזער. נאָך א הויז איז אויפגעשפּרונגען, נישט ווייט פון מיר, און איך

האָב געזען, איך האָב גוט געזען!... איך האָב געזען. איך האָב געזען אַ פּאָר פּיס אין דעם מיסט, אַ פּאָר פּיס, איך וואָלט געזאָגט: אַ פּאָר פּיס מיט די פּיס אַרויף, אויסגעגלייכט אַפילו, סימעטריש. שפּעטער האָב איך אַ סך וועגן דעם געטראַכט, צי די פּיס זענען אויך געווען מיט אַ קערפּער? נישט געקאָנט פאַר קיין פאַל זיך דערמאָנען.

שרעק האָט מיך געטראָגן, אָבער אין דער שרעק האָבן די אויגן מיינע געשלונגען בילדער פון דער גאַנצער פּאַנאָראַמע. איך בין אין אַרומקרייזן די פּעריפעריע פון לוקאָוו עטלעכע מאָל געקומען אויף די זעלבע פּלעצער און זיי שוין נישט דערקענט, ווייל דער טייוול מיט זיינע באָמבעס האָט שוין אויסגעריסן גאַנצע שטיקער...

אָט שטייט עפּעס אַ קאָשיק, אַ באַקאַנטער קאָשיק. נישט ווייט פון קאָשיק דערזע איך אַ פרוי, אַ גרויסע, אַ דיקע, זי רירט זיך שוין נישט, די קליידער ברענען אויף איר. איך דערמאָן זיך: דאָס איז דאָך יענע קרים־טין, וועלכע איז מיט צען מינוט צוריק געלאָפן מיט מיר אויף דעם שמאָלן וועג. זי האָט עס געפרעגט ביי מיר: „אפשר וועט דאָ זיין גוט?" איר איז שוין איצט גוט געווען, אויף אייביק גוט...

איך געדענק בילדער, האַלבע און פערטל בילדער פון יענע מינוטן: אָט לויפט אַ יידענע מיט פאַרגליווערטע אויגן פון שרעק. נאָך איר לויפט אַ ייד מיט אַ גרויסער באָרד. זיין קאַפּאָטע שליידערט זיך און ער שרייט צו דער יידענע:

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַהיים?

אָט עפנט זיך אַ טיר, אַ יינגל לויפט אַרויס מיט אַ שטיקל ברויט אין דער האַנט, לויפט אַרויס און שרייט „מאַמע!" אין דעם שפּרינגט אויף דאָס גאַנצע הויז, עס צעשיט זיך... אביסל ווייטער פון דעם דאָזיקן פּלאַץ בלייב איך פּלוצלינג שטיין. איך דערהער איבער מיין קאָפּ אַ זשומערײ, אַ מאָדנעם, אומבאַקאַנטן גערויש, אַ סיקעריי, ווי עפּעס וואָלט זיך פרעגלען. עס דויערן שווערע סעקונדן און איך דערזע, ווי פון הימל פאַלן נאָענט פון מיר אַזעלכע רונדע, שמאָלע און פלאַכע קענגנשטאַנדן. איך געדענק אַפילו דעם קאָליר: ברוין. אַזוי ווי ברוינע פלאַכע טעלערס. מען האָט מיר שפּעטער אויפגעקלערט, אַז דאָס זענען אַזעלכע אָנצינדער־באָמבעס. אָבער אַז דער אויפקלערונג האָב איך געוווּסט און געפילט מיט אַלע חושים, אַז

דאָס איז טויט, דאָס איז סוף. שרעק האָט מיך פאַרגליווערט, די נשמה איז אין מיר שוין געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, נאָר דאָס גופישע, דאָס פיזישע האָט זיך נאָך געריסן צום לעבן. צוויי אָדער דריי מעטער פון מיר, פון רעכטס און פון לינקס, איז געווען דער טויט. איך מוז זאָגן, אַז דעמאָלט האָב נישט איך אויסגעמיטן דעם טויט, נאָר דער טויט האָט מיך מיט „כוונה" אויסגעמיטן, אַן עקשן אזא, האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט מיך הרגע־נען. פון רעכטס און פון לינקס, ער האָט כמעט ווי מיך אָנגערירט און איך האָב צו זיך אליין געמורמלט איין פראַזע: „איך ווער געהרגעט", „איך ווער געהרגעט". די פראַזע האָט זיך פון מיר נישט אָפּגעטשעפּעט. אויטאָמאַ־טיש האָב איך עס געפּלאַפּלט...

מיט די לעצטע כוחות, מיט נישט מיינע כוחות, האָב איך זיך ארויס־געריסן פון דאָזיקן טויט־קרייז און ווידער געלאָפן. איצט בין איך געווען אין א געסל, ווו אלע הייזער זענען געווען גאַנץ. א ליידיק געסל, אַזוי לייר־דיק, אַז די שרעק האָט זיך פאַר דער ליידיקייט געשראָקן. ווו מענטש? ווו סימן פון לעבן? צונעמאַכטע טירן. איין טיר האָב איך אויפגעריסן און אריינגעשפּרונגען אינעווייניק.

דאָס איז געווען דאָס קריסטלעכע שעכט־הויז. איך האָב דערזען א הויכע פיגור פון א מאַן מיט א גלאַנציקן מעסער. א בלאָסער, שווייגנדי־קער שוחט. איך האָב דערזען א געשאָכטענע קו מיט א שרעקלעך פאַר־גלאַצט אויג. נעבן דער קו, אויף דער צינקענער פּאָדלאָגע, א געשאָכטן קאַלב, א געשאָכטענעם שעפּס און נאָך א קאַלב געבונדן, אָבער לעבעדיק... בין איך פאַרבליבן שטיין אויף א רגע פאַרגליווערט. איך האָב אין דער דאָזיקער פאַרגליווערונג דאָך געהאַט באַוווסטזיין שנעל צו באַטראַכטן מיין לאַגע: די פּאָדלאָגע איז פון צינק, די פּאָדלאָגע איז פאַרגאָסן מיט בלוט, איז דאָך גליטשיק, וועל איך אומפאַלן. בין איך פון שעכט־הויז ארויסגע־לאָפן און געטראָגן זיך ווייטער. כסדר מיט די זעלבע ווערטער אויף די ליפּן:

„איך ווער דערהרגעט"...

דאכט זיך א פויגל האָט ערגעץ נאָענט א טרעל געטון. דאכט זיך, אַז א בין האָט א שווער געטון פאַר די אויגן. אָבער וואָס האָט עס צו טון מיט דעם חורבן, וואָס איך זע ארום? אויף א שוועל ליגט א טויטער, איך

זע הענט, פלייצע, קערפער און פיס, אָבער דער קאָפּ איז צעשמעטערט. אויף איין אָרט ליגן דריי הרוגים, רואיק, רואיק, בלויז איינער איז פאַר־בלוטיקט. דאָרטן טיף אויף א פלאַץ ליגט א פרוי... ווען איך דערמאָן זיך היינט די שוידערלעכע מאָמענטן, טראַכט איך אין זיך מיט ווייטיק, אז ווען איך זאָל דעמאָלט וויסן, אז איך בלייב א לעבעדיקער פון אַזא גיהנום, וואָלט איך זיך אפשר שטאַרקער צוגעקוקט און איצט וואָלטן א סך זאַכן טיפער דערציילט געוואָרן. מען דאַרף עס דערציילן. איך וויים, איך פיל, אז אנטקעגן די צרות, וואָס אנדערע האָבן דורכגעלעבט און לעבן אויך איצט דורך, באַדאַרף איך זיך פאַררוקן אין א ווינקל... איך ווייס דאָס גאַנץ גוט. אָבער מען באַדאַרף זאַמלען די יסורים, די גרויסע און קליינע, זאַמלען פאַר דעם גרעסטן פנקס פון מענטשישע לײַדן. יסורים, וואָס גיהנום איז בלייך אנטקעגן זיי — זאָלן דאָס דורות לערנען און זאָלן דורות אנדערש אָנהייבן צו לעבן.

די פיס האָבן מיך כסדר געטראָגן. פלאַם און פייער פאַר די אויגן. אין איין אָרט, געדענק איך, נעבן א הויז, איז געלעגן א גרויסע באָמבע, א רונדע א גאַנצע, נישט־אויפגעריסן. א זילבערנע. גרויס ווי די לבנה ווי מיר זעען עס מיט א געוועהנלעך אויג. די באָמבע איז געלעגן און באַלויכטן א שטיק פלאַץ. מען האָט געקענט מיינען, אז די לבנה איז טאַקע אויף אַן אמת אַראָפּגעפאַלן פון הימל צוליב די אויפרייסן, וואָס זענען פאָרגעקו־מען... צוליב וועלט־צעטרייסלונג.

אין די לעצטע מינוטן האָב איך שוין גאָרנישט געטראַכט. בלויז טויט־נאָגנדיקע שרעק און די שרעק האָט עס אין מיר אויטאָמאַטיש גע־מורמלט. פון די ליפּן זענען נאָך אַלץ געפאַלן די ווערטער:

— איך ווער געהרגעט...

איך האָב דאָך נישט געוווּסט וווּהין איך לויף און איצט גלויב איך, אז דאָס האָט מיך געראַטעוועט. אומבאַוווּסטזיניק האָב איך געמאַכט פיל זיגזאַגן און דורך דעם אויסגעמיטן דעם טויט. דערנאָך האָב איך ווידער דערזען די הויפּט־גאַס. א לאַנג־לאַנגע גאַס. אין דריי ערטער האָב איך דערזען שרפות. פון צוויי הייזער האָט געשאָטן רויך, ווי ריזיקע שוואַרצע חיות וואָלטן זיך וועלן אויפהייבן פון דער ערד. פון דעם דריטן הויז האָבן פלאַמען זיך געקנוילט, געטאַנצט האָבן זיי אויף זייער פייער־חתונה. קיינער

האָט די פּלאַמען נישט געלאָשן. די גאַס איז געווען ליידיק פון מענטשן. די הויפּט־גאַס האָט איצט אויך ווייניקער געליטן ווי די אַנדערע גאַסן. דריי שׂרפות אינגאַנצן און גלאָז אויף די טראָטואַרן, צעבראָכענע בלומען־טעפּ און לאַנגע רייען פון ליידיקע אויטאָמאָבילן, לאַסט־פורן. ליידיק די גאַס, פאַרלאָזן. קיין טומל נישט, קיין געשריי נישט, קיין קרעכץ נישט. איך בין דאָ אַרויסגעשפּרונגען, ווי אַ הירש פון אַ ברענענדיקן וואַלד. דאָ איז רואיקער געווען. איך האָב אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, געזוכט האַסטיק מיט די בליקן: די אַעראָפּלאַנען זענען שוין נישט געווען.

די שׂרפות אויף דער גאַס האָבן געדויערט. איך בין שנעל געגאַנגען צו דעם ערשטן ברענענדיקן הויז. לויפן האָב איך שוין קיין כּוח נישט געהאַט... דאָס האַרץ האָט שרעקלעך געקלאַפּט און די ליפּן האָבן נאָך אַלץ כּסדר געמורמלט:

—איך וועל געהרגעט... איך וועל געהרגעט...

פון דער דאָזיקער פּראַזע האָב איך לאַנג נישט געקאָנט פּטור ווערן...

ווען איך בין אַרויס אויף דער הויפּט־גאַס, וווּ פריער איז געווען אַזאַ שטיקעניש פון מענטשן, האָב איך דערזען אַ וויסטע ליידיקייט — אַלץ און אַלע, אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, בלויז איין געשטאַלט, דער קשאַנדז פון שטעטל.

די געשטאַלט פון אַ קשאַנדז מיט בלויע אויגן איז פאַר מיר אַרויס־געשוווּמען פּלוצלינג, אַזוי פּלוצלינג ווי די אַלע שרעקן און שוידערן וועלכע איך האָב דורכגעלעבט אין די לעצטע פופצן־צוואַנציק מינוט. איך האָב אים דערזען אויף אַ ברייטער, ליידיקער גאַס. אויף אַ לאַנגער גאַס. אין דער ערשטער רגע האָב איך בלויז אים געזען, דער איינציקער, איינ־ציקער מענטש אויף אַ גאַס, וווּ דאָ און דאָרט האָבן הייזער געפלאַקערט, די שמאָלע טראָטואַרן פאַרשאָטן מיט גלאָז, שטיקער וואַפנע, ציגל, ראַמען פון פענסטער, צעבראָכענע בלומען־טעפּ, בלוט־פלעקן און אַ שטומער פּחד אין דער וויסטער ליידיקייט. איך האָב די בילדער פון דער אַרומיקייט שנעל־שנעל געשלונגען. אויפגעכאַפּט, געשלונגען און ווייטער געלאָפן. פּלוצלינג האָב איך דערזען דעם קשאַנדז, אויף דעם סאַמע מיטן פון דער פאַרלאָזענער גאַס: אַ רואיקער און אַן ערנסטער. דאַכט זיך, אַז ער האָט מיר עפּעס געזאָגט, ווען איך בין פאַרבייגעלאָפן. איך האָב נישט געהערט,

ווייל איך בין געווען צעדולט, איך בין געלאָפן פון א טויט־סכנה און די צעדולעניש האָב איך ווייטער געטראָגן. שפּעטער האָב איך גענומען לויפן צוריק און ווידער דערזען דעם קשאַנדז. בלויז איין געשטאַלט. דער קשאַנדז איז געגאַנגען אויף דער מיט פון דער גאַס. עס קאָן זיין, אז ער איז די גאַנצע צייט פון שטורעם דאָ געווען. אן עלטערער, פון זעכציק אָדער זעבּ־ציק פינף, א מיטלוווקסיקער, אויף די אקסלען א תפלה־שאַל פון פּיאָלעט־קאָליר און אליין האָט ער געהאַט בלויע אויגן. טיפע בלויע אויגן... פריש בלוי, ווי די בלויע קאָרן־בלום. בלומען פון די פּוילישע פעלדער... ער איז געגאַנגען רואיק, נישט האַסטיק, ארומגעקוקט זיך און געזוכט מיט די אויגן. ביי איינעם פון די הייזער, צוגערוקט הארט צו דער וואַנט, איז געשטאַנען אן אלטע יידישע פרוי, א גרויער קאָפּ, מיט פאַרוויינטע אויגן. נעבן איר א יונג מיידל, אוודאי אן אייניקל, אויך מיט פאַרוויינטע אויגן. דער קשאַנדז האָט זיי באמערקט, ער איז צו זיי צוגעגאַנגען, אָפּגעווישט די טרערן ביי דער עלטערער און געזאָגט:

— קינד מיינס! אלץ וועט גוט זיין, אלץ וועט גוט זיין...

אויך ביי דעם יונגן מיידל האָט ער די טרערן אָפּגעווישט און גע־טרייסט, געטרייסט. אביסל ווייטער האָט ער באמערקט א קריסטלעכע פרוי מיט צוויי קינדער, ער איז צוגעגאַנגען צו זיי און געטרייסט. א קריסט־לעך יינגעלע, באַרוועסערהייט פון ערגעץ געקומען צו לויפן, האָט זיך געטוליעט צום קשאַנדז... דער אלטער איז געווען רואיק. איין באַרוף האָט ער געהאַט, איין ציל: טרייסטן. פּלוצלינג האָט ער מיך באמערקט. מיט א געוויטיקטן שמייכל האָט ער צו מיר אויסגעשטרעקט די האַנט:

— פּאַניע! הער ליבער! מען דאַרף דאָך די מענטשן געבן אביסעלע טרייסט... נישט אמת?

איך האָב נישט באוויזן צו ענטפערן. צו אים איז צוגעלאָפן א יונגע קריסטין, דאָרטן אביסל ווייטער שטאַרבט א מאַן, זאָל דער קשאַנדז באַ־וויליקן, מען דאַרף דאָך דעם קרבן געבן די לעצטע טרייסט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באוויזן מענטשן פון די באַהעלטעניש. דער קשאַנדז איז גע־גאַנגען פון איין פּונקט צום צווייטן. דאָ גסיסה, דאָרטן טויט, קרעכצן, זיפצן, טרערן. אויסגעזען האָט עס, אז ער האָט אלץ ארומגענומען... אין זכרון האָט ער זיך מיר איינגעקריצט און נישט איינמאָל האָב איך אים

שוין דערמאָנט. איך וועל די דאָזיקע געשטאַלט נישט פאַרגעסן. דערמאָן איך זיך לוקאָוו, מוז איך גלייך זיין פּנים, דעם רואיקן דערמאָנען... אַט שוועבט פאַר די אויגן די לאַנגע פאַרלאָזענע גאַס מיט די צעשטערטע און ברענענדיקע הייזער, אַט שטייט אונדזער לאַסט־וואָגן, מיט אַלע אונדזערע וואַליזקעס און פּעקלעך.

דערנאָך זענען מיר געלאָפן פון לוקאָוו. דער לאַסט־וואָגן האָט זיך געטראָגן איבערן גלאַטן שאָסיי. עס האָט זיך אין האַרצן געבעטן, ער זאָל פליען, וואָס גיכער לויפן. עס איז שוין געווען נאָכן טאָג, נאָך אַזאַ טאָג... די זון איז, ווי שטענדיק, געזונקען אין איר נאַכט־היים, אַלץ טונקעלער, שוין באַלד איינגאַנצן פינסטער. אָבער די נאַכט־פינסטערניש האָט דאָ היינט קיין שליטה נישט געהאַט: פון ביידע זייטן אַרום שאָסיי האָבן זיך געזען ווייטע און נאָענטע פייערן, דאָס האָבן געברענט דערפער און שטעטלעך. פייער האָט מיט אַן אומזעטיקייט געשלונגען, איינגעשלונגען די רואיקע ישובים. פון ביידע זייטן האָבן מיר די פייערן געזען און געטראַכט האָבן מיר דערביי: די אילומינאַציע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַט האָסטו די אַלע חלומות פון גלייכהייט, פון פרידן, פון בעסערן מענטש...

אַט איז אַ שטעטל, ראַדזין הייסט עס. דאָס שטעטל ברענט נאָך נישט. אויף דער גאַס אַ סך מענטשן, כמעט אַלע יידן, זיי גלאָצן מיט די אויגן אויף אונדזער לאַסט־וואָגן. אַ שרעק נעמט אָן פאַר זיי, אָבער דער וואָגן אונדזערער איז שוין אויסערן שטעטל. אַ געפיל האָבן מיר געהאַט, אַז מיר האָבן איבערגעלאָזט אַ בית־עולם... קיין סך כוח בלייבט נישט נאָך אַזאַ טאָג, גלויבן אוודאי נישט. צום ערשטן האַלט דיך דער געדאַנק פון עגאָאיסטישע זעלבסטרעטונג. אַוועקגיין, אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן אומגליק, אַוועקגיין, אַנטלויפן פאַר יעדן פּרייז. זיך נישט אומקוקן, נישט טראַכטן, נישט פילן און נישט מיטפילן. אָבער דערנאָך, ווען מען געפינט זיך שוין אין אַ קלענערער סכנה, דעמאָלט קומט אַ פראַגע צו זיך אַליין: צוליב וואָס לויפט עס די גאַנצע רעטונג? דו לויפסט צו דער וועלט און די וועלט איז ווי אַ ווילדע חיה... איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף מיינע פיס, איך האָב זיך אַריינגערוקט צווישן צוויי פּעק, אַנדערש וואָלט איך פון שלאַפקייט אומגעפאַלן. איך האָב געטראַכט און די געדאַנקען זענען שוואַרץ געווען, ווי דורכגעברענטע צווייגן פון אַ בוים. אויף דער פּלאַט־

פֿאָרם פֿון לאַסט־וואָגן זענען געווען אַ סך מענטשן, אָבער קיין איינער פֿון זיי האָט אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, קיין זיפֿץ נישט אפֿילו. אַ פּאַפּיראָס האָט מען נישט געטאָרט פֿאַררויכערן... געיאָגטע און פֿאַריאָגטע מענטשן, שרעקלעך צו פֿילן זייער עלנט, דעם שווידער פֿון לעבן און עקזיסטענץ... שרעקלעך צו פֿילן.

דער טאָג איז מיר פֿאַר די אויגן פֿאַרביי. איך האָב זיך איצט דער־מאָנט, אַז איך בין געשפּרונגען איבער הרוגים. איך האָב זיך דעם גיהנום דערמאָנט. אָבער די רואיקע געשטאַלט פֿון קשאָנדז מיט זיינע בלויע אויגן איז אויך געקומען אין זכרון. זיינע לייכטע טריט, זיין רואיקייט, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען טרייסטן...

דאָס וועט זיך נישט פֿאַרגעסן.

IV

## מענטשן אויפן שאָסיי...

פאַראַן זאַכן, וועלכע איך קאָן זיך אײַנגאַנצן נישט דערמאָנען. און פאַראַן מאָמענטן, וועלכע איך געדענק דייטלעך ביז ווייטיק... איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווי אַזוי מיר האָבן אין דער פינסטערער שטאָט געפונען אונדזערע אַנדערע חברים. אַלץ איז געווען פאַרלאָשן, טירן פאַרקלאַפּט, פּרעמדע גאַסן — אַ פּוס נישט צו שטעלן. יענע פינסטערע נאַכט איז אײַנגאַנצן אויסגעלאָשן פון מײַן זכרון. איך געדענק בלויז דעם פרימאָרגן. לובלין אין מלחמה־גערודער און טומל. הונדערטער און טויזנטער אויטאָמאָבילן. מען איז געלאָפן פון וואַרשע און פון גאַנץ פּוילן. אין לובלין האָט מען געטראַכט זיך צו פאַרהאַלטן. אפשר בלײַבן? אפשר וועט די פּוילישע אַרמיי אויף אַ צייט פאַרצוימען דעם וועג פאַרן דײַטש.

אָבער דאָ אין לובלין האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מען מוז שוין ווײַטער לויפן. אונדזער גרופּע זשורנאַליסטן האָט דאָך אויך געטראַכט צו פאַרבלײַבן אין לובלין. אין מיניסטאָרן־ראַט האָט מען געזאָגט, אַז די רעגירונג וועט דאָ בלײַבן... פון דאַנען וועט מען אָנפירן מיטן לאַנד. דאָ וועט מען אַרויסגעבן צײַטונגען און אַלץ וועט גיין. דאָס איז אָבער פאַרבליבן נישט מער ווי אַ ווילן... די דײַטשישע אַעראָפּלאַנען־העגט האָבן שוין דערגרייכט אַהער און אַ סך ווײַטער. לובלין איז כסדר באָמבאַרדירט געוואָרן. זייער ווייניק רו האָבן מיר געהאַט. לובלין האָט געקאָכט ווי אַ ים. די שטאָט איז פול געווען מיט אָנגעלאָפענע מענטשן. מײַנסטנס רײַכע, נאָר רײַכע. גלאַנצנדיקע אויטאָמאָבילן האָבן פאַרנומען פיל גאַסן. פּוילנס בורזשואַזיע האָט זיך דאָ קאָנצענטרירט. רײַכע, שלאַנקע פרויען, אַנדערע פון זיי און טאַקע פיל פון זיי זענען געווען אויסגעפוצט אין שיינע בגדים.

פּיינע וואַליזעס, פּלעדן, נעסעסערס מיט רייזע־טאַשן. א רגע האָט מען געקאָנט מיינען, אַז א פּריצישער אויספלוג זעצט דאָ פּאָר זיין וועג. עס האָט נאָך געשמעקט פּאַרפום, עס איז נאָך געווען אָנגעבלאָזנקייט פון נעכטיקער זאַטקייט און וווילטאָג... אָרימע מענטשן! ווי צעקנייטשט און צעדריקט זענען שפּעטער פיל פון זיי געוואָרן. וויפל קברים זענען איבערגעבליבן פון זיי אין די ווייטע צפון־געגנטן.

אין לובלין האָט מען געזוכט מעגלעכקייטן ווייטער צו פאָרן. די טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בענזין האָט אויסגעפעלט. אַלע זענען אַרומגעלאָפן זוכן בענזין, אָבער נישט אַלע האָבן עס געפונען. פאַר בענזין האָט מען אוועקגעגעבן טייערע פּעלצן, בריליאַנטן, גאָלדענע חפצים. פאַר בענזין איז מען געוואָרן א שותף צו יענעמס אויטאָמאָביל און מען איז אַנטלאָפן צוזאַמען. א מענטש, וואָס האָט קיינמאָל נישט געחלומט צו האָבן אן אייגענעם אויטאָמאָביל, האָט ערגעץ אויסגעזוכט א גאַנצן עמער מיט בענזין, איז ער אַרויס אין גאַס מיטן געדאַנק: „בענזין האָב איך שוין, ווו פּאַקט מען ערגעץ אן אויטאָמאָביל?" און ער האָט עס געפּאַקט פאַר קליין־געלט ביי אַזעלכן, וואָס האָט קיין בענזין נישט געהאַט. א סך אויטאָמאָבילן זענען איבערגעבליבן אויף לובלינער גאַסן און נאָך מער האָבן זיך געוואַלגערט אויף אַלע פּוילישע שאָסייען...

די זשורנאַליסטן אונדזערע האָבן זיך צונויפגעקליבן אין א קאַפע. דאָ האָט מען זיך באַראַטן, וואָס צו טון. געווען נאָך פאַרשידענע אַמטן פון דער מלוכה אין שטאָט, איז מען געלאָפן צו זיי נאָך אינפאָרמאַציע, נאָך הילף. אונדזער צוג איז שוין אוועק אויף אַנדערע צילן, האָט מען אונדז צוגעזאָגט צו געבן צוויי וואַגאָנעס פון אן אַנדערן צוג, האָבן מיר געוואַרט. אין קאַפע איז געווען א יריד, א פּלאָנטער פון פּנימער, פיס און הענט. א גרויס קריסטלעך קאַפע־הויז. מען האָט כסדר געקאָכט און געליפערט קאַפע, מילך. לובלינער קרייז האָט נאָך געהאַט גענוג מילך פון זיינע פּרוכטבאַרע דערפער און פאָלוואַרקן. מען האָט כסדר געבאַקן פרישע זעמל און קוכן, טייערע קוכן מיט שמאַנד און אָן שמאַנד, הונדערטער. הונדערטער הענט האָבן זיך געצויגן צו דעם. מען האָט עס געשלונגען און נישט געוואָרן זאַט... דערווייל, דערווייל איין אַלאַרם, א צווייטער אַלאַרם. מען האָט זיך באַהאַלטן מיט שרעק, אָבער שוין מיט ווייניקער שרעק ווי

פריער. מען האָט שוין געהאַט דערפאַרונג, צוגעוווינטקייט און האַלב פאַר־גליווערטע נערוון. מען האָט שוין ליב געקריגן די רגע, בעת מען גייט אַרויס פון באַהעלטעניש. דעמאָלט ציט מען אָפּ דעם אָטעם און מען קלערט נייע פּלענער...

אין שטאָט האָבן זיך יידן דערוווּסט, אַז דאָ געפינען זיך אַזעלכע און אַזעלכע יידישע פּאָפּולערע און באַוווּסטע זשורנאַליסטן. מען איז גע־קומען צו אונדז, געקוקט אויף אונדז און גערעדט צו אונדז:

— צו וואָס זאָלט איר ווייטער לויפן? בלייבט דאָ ביי אונדז, גאָט וועט העלפן. מען וועט אייך איינאָרדענען, מען וועט זאָרגן פאַר אייך...

יידן, אונדזערע לעזער, איז אין לעבן געגאַנגען, מיר זאָלן בלייבן אין לובלין. און דאָ מוז איך זאָגן, אַז אין אונדזער וועג האָבן מיר געהאַט איין גרויסן נחת פון אונדזערע לעזער. עס האָט אויסגעזען, אַז אין יעדן שטעטל באַגעגענען אונדז ליבלעכע ברידער און שוועסטער. די בעסטע פּלעצער צום שלאָפן, דאָס בעסטע עסן, אפילו סעודות האָט מען פאַר אונדז איינגעאָרדנט. נישט איינעם פון אונדז האָט מען אין אויער איינ־גערוימט:

— אפשר באַדאַרפט איר געלט? אין וועג, ווער ווייסט... נעמט וויפל איר ווילט!

די באַציאונג צו אונדז איז געווען רירנד ביז טרערן. מען וועט נאָך וועגן דעם רעדן. פאַראַן צו דערציילן לעגענדאַרישע מעשיות וועגן פיינ־געפיל און גוטסקייט פון פּשוטע יידן.

וואָס נאָך געדענק איך פון לובלין? איך געדענק, אַז איך בין מיט מאַטערניש אַרויס פון דעם ענגן קאַפע־הויז אין גאַס אַרויס און איינגע־קויפט פולע טאַשן מיט שאַכטלעך פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך. איך בין אויך אַריין אין אַ קראָם און געקויפט אַ גאַנג וועש. דאָס פּעקל האָט מען מיר איינגעפּאַקט אין אַ יידישער צייטונג פון עטלעכע טעג צוריק. דער קאָפּ פון דער צייטונג האָט זיך געלייענט: „אין אַמעריקע גלויבט מען, אַז עס וועט אַדורך אָן אַ מלחמה". איך האָב ביטער אַ שמייכל געטון און אין כעס געוואָרן אויף אַמעריקע. איך איל צוריק אין קאַפע־הויז צו מיינע חברים און פּלוצלינג אַן אַלאַרם. איך וויל אַריין אין קאַפע־הויז, אָבער עס איז שוין פול געפּאַקט. אַ הונדערט מענטשן שטייען שוין ביי דער

טיר, מיט שרעק, מיט גרויס שרעק און מען קאָן זיך אהין נישט אריינ־שטופּן. און דער דאָזיקער אלארם איז גאָרנישט געווען אויף צו פליסן. הויך, גאָר הויך פליען עטלעכע עראָפּלאַנען, די זעניט־ארטילעריע קלאַפּט פון אלע זייטן. דער הימל איז פארדעקט מיט די ווייסע רויכעלעך און אָט דערהערט זיך א זעץ, א צווייטער. נאָענט געפאלן, צי ווייט געפאלן, דאָס ווייסן מיר נישט, נאָר מען פילט, ווי די הערצער אונדזערע פאלן באלד ארויס. וואָס טוט מען דאָ? אין קאפע־הויז קאָן מען נישט אריין. רייס איך זיך אָפּ פון דער צונויפגעדריקטער, צעשראָקענער סטאדע און איך לויף זוכן א רעטונג. נאָענט א געסל. איך שפּרינג אהין אריין. א ליידיק געסל, די אלטע לובלינער הייזער, שטיל־שטום, אויסגעשטאָרבן, נאָר איי־נער... איין מענטש שטייט צוגעדריקט צו דער וואנט. דאָס איז געווען אונדזער סטופּניצקי, דער אלטער זשורנאליסט. בייז־צעשראָקענע אויגן האָט ער געהאט. די גרויסע פרידריך־ניטשע וואָנסן אין אומאָרדענונג אראָפּגעלאָזט, אן אנגסטלעכער עלנט איז געווען צו קוקן אויף אים. איך האָב פארגעסן מיין אייגענע שרעק און אויסגערופן:

— דאָ איז דאָך א סכנה... וואָס טוט איר דאָ?

מיין פראגע האָט ער נישט געהערט. נאָר גערעדט, געענטפערט האָט ער גאָר מיר עפּעס אנדערש:

— איך קאָר נישט מער מיט אייך... גענוג פאר מיר... איך בלייב אין לובלין... כ'וויל דאָ שטארבן... דאָ... דאָ!

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער שרייט אויף מיר. עס האָט אויס־געזען, אז איך בין אין אלץ שולדיק און איך בין געווען צעטרייסלט פון מיין שרעק און פון סטופּניצקים עלנט. די האנט האָב איך געהאלטן אין טאַש און אין טאַש איז געלעגן אן עפּל. האָב איך דעם עפּל ארויסגעכאַפּט און דערלאנגט סטופּניצקין. ער האָט אים גלייך גענומען עסן.ביידע זענען מיר דעמאָלט געווען א גוטער מאטעריאַל פאר א פּסיכיאטער. דער אלארם האָט זיך געענדיקט, די שיסעריי האָט אויפגעהערט. אזעלכע זאכן ענדיקן זיך שנעל... איך האָב זיך מיט סטופּניצקין געזעגנט. ער איז פארבליבן אין לובלין...

דער צווייטער אלארם האָט מיך ווידער געכאַפּט אויף דער גאַס. עס איז איינציייטיק אָנגעפאָרן א גרויסער אויטאָבוס מיט פארוואונדעטע זעל־

נער. בעת די זעניט־אַרטילעריע האָט גענומען קנאַקן און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן, האָבן זיך די סאַניטאַרן, די באַגלייטער פון אויטאָבוס אויך דערשראָקן און זיי האָבן אויך גענומען לויפן. אָבער גלייך האָט די פּליכט באַזיגט די שרעק און זיי האָבן זיך אַלע צוריקגעקערט. זיי האָבן די פאַרוווּנדעטע איינעם נאָכן אַנדערן אַריינגעטראָגן אין אַ מקלט. די שעהן זענען לאַנגווייליק נישט אַוועק. שרעק, אויפרעגונג און שווידער האָבן זאַט געמאַכט די נשמה.

דערנאָך זענען מיר אַלע געזעסן אין די וואַגאָנעס אונדזערע. מיר זענען דעגראַדירט געוועזן. פריער האָבן מיר געהאַט אַ „זשורנאַליסטן צוג", איצט האָבן מיר שוין בלויז געהאַט זשורנאַליסטישע וואַגאָנעס. צוויי וואַגאָנעס האָט מען אונדז אָפּגעגעבן. נישט קיין זשורנאַליסט האָט צו אונדז נישט געטאָרט אַריין. אָבער פון די דאָזיקע וואַגאָנעס האָבן מיר געמוזט יעדע פּאָר מינוט אַנטלויפן זיך באַהאַלטן. אַ לאַנגע צייט איז עס פאַר אונדזערע אויגן פאָרגעקומען די שלאַכט. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן זיך כסדר געצויגן צום וואַקזאַל. די זעניט־אַרטילעריע האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרטיידיקט דעם וואַקזאַל. אַרום און אַרום זענען שוין פּיל געביידעס צעשטערט געוואָרן, נאָר אין הויפּט־ציל האָבן די עראָפּלאַנען נישט געטראָפן.

אַרום דריי בייטאָג האָט זיך אונדזער צוג אַרויסגעגנבעט פון לובלין. געוואָלט האָבן מיר דאָ בלייבן, איינאָרדענען זיך און איבערוואַרטן און געוועזן זענען מיר אין דער שטאָט בלויז אַכצן שעה. איצט פאָרן מיר ווייטער. וווּהין? דאָס האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט. מען האָט גערעדט, אַז אונדזער מאַרשרוט זאָל גיין אויף לעמבערג, צו דער רומענישער גרענעץ. מען האָט אויך גערעדט, אַז מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין לוצק... איך האָב זיך צוגעהערט אין מיין ווינקל און געשוויגן. מיד געוועזן און צעבראָכן. גליקלעכע חברים מיינע! איינער פון זיי האָט גערעדט אויפן קול, געטומלט, מוט געהאַט... זיי האָבן דערציילט, אַז אין לובלין האָבן מענטשן געהערט דעם דייטשן ראַדיאָ, וועלכער האָט איבערגעגעבן, אַז דער פּוילישער מיניסטער בעק איז אַוועק פון לאַנד, אַז רידז־שמיגלי, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער אַרמיי, איז שוין אויך אַוועק, אַז דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק איז שוין אָנגעקומען קיין רומעניע.

איך בין אים מקנא געווען. איך האָב דעמאָלט אויך געוואָלט זיין א פרעזידענט פון א רעפובליק, אנטלויפן און זיצן אין רומעניע. אָי, רומעניע... אזא לאנד האָט מיר דעמאָלט אויסגעזען ווי אן עלדאראדא, און דער עיקר: מען קאָן זיך דאָרט אוועקלייגן אויף א ריינעם געלעגער און מענטשלעך זיך אויסשלאָפן. איך האָב געטראכט פון אמעריקע, דאָרט קאָן מען אויך רואיק שלאָפן, אין ארגענטינע, אין מעקסיקאָ אויך, אין בראזיל — אויך. גאָלדענע, טייערע, גאָט־געבענטשטע לענדער — מען קאָן דאָרט שלאָפן.

דער צוג איז געגאנגען אלץ ווייטער פון לובלין. דורך דעם פענסטער האָט מען געזען פעלדער, וועלדער, דער הערבסט איז געלעגן אויף זיי, ווי שטענדיק, דער הימל ריין, מיט א ווייטן, דורכזיכטיקן האָריזאָנט. נישט אנדערש: די נאטור האָט אויך געמאכט א שותפות מיט דעם אָנפאלער, זי העלפט אים אויף די טרוקענע וועגן פון פוילן, זי גיט אים ליכט צו זיינע בלוטיקע מעשים...

איך האָב געקוקט אויף מיינע חברים. אויף יעדן איינעם באזונדער. ווי לאנג איז דאָס געווען, יעדער איינער פון זיי איז געזעסן אין א באזונדער רעדאקציע, מען האָט געשריבן פאר א גרויסער לעזער־מאסע, מען האָט געווירקט. איצט איז מען אלע צוזאמען צונויפגעדריקט אין א וואגאָן. דאָרט אין ווארשע האָט מען געלאָזט ווייב און קינד, קרובים און פריינט, פארגאנגענהייט, אלץ געלאָזן אויף דעם מלחמה־הפקר און קיין איינער פון זיי שרייט נישט פון צער, קיינער יאָמערט נישט. וואָס טוט זיך ביי יעדן פון זיי אין הארצן? מען איז אויסערלעך רואיק, דאָס איז יענע רואיקייט, וואָס איינער גיט דעם צווייטן, כדי אויסצוהאלטן, כדי נישט אראָפצופאלן אין אָפגרונט פון יאוש. איינעם נאָכן צווייטן באטראכט איך זיי. איך ווייס זייער ארבעט. איך ווייס זייער ווירקונג. אָט איז דער רעדאקטאָר פון אָרטאָדאָקסישן „טאגעבלאט" פלינקער. ער פירט מיט אין וועג א זעלטענע רואיקייט, אזא „אמונה־רואיקייט". מיט דער זעלבער רואיקייט האָט ער געארבעט אין זיין צייטונג. נעבן אים זיצט איטשעלע יוסטמאן (ב. יאושזאָהן). ער האָט אויסגעטון מיט יאָרן צוריק זיין לאנגע קאפאָטע און איז אריין אין דער מחנה פון די קורץ־געקליידטע, כדי צו קעמפן פאר יידישקייט און מענטשלעכקייט. זיין פעדער איז שארף געווען; א פעדער מיט פייער. זיין וואָרט האָט מען געזוכט, פאר זיין וואָרט

האָט מען מורא געהאַט, א טיף טאַלענטירט וואָרט... אָט דאָרטן וויטער זיצט ד"ר יהושע גאָטליב, געבוירן אין פינסק, געלערנט אין דער שווייץ, אָבער „פינסק" איז שטענדיק געווען מיט אים, געלעבט און געאַרבעט אין וואַרשע ווי א פינסקער, יידיש געמיט און מעשהלע, אנעקדאָט, אַלץ עכט־יידיש, אָבער די פּריוויטיקדיקע פעליעטאָנען עכט־אייראָפּעאיש. סטיל, פאַר־נונפט, קולטור. דאָס אַלץ איז דאָך געגאַנגען צום ברייטן יידישן עולם. דאָס האָט געלערנט, אָנגעוויזן און אנטוויקלט.

איך קוק אויף מיינע חברים, איך טראַכט פון זיי. פון יעדנס בליק דערקענט מען, וואָס אין נשמה טוט זיך, אָבער מען ווייזט נישט אַרויס. נח פּרילוצקי זעט נאָך אַלץ אויס ווי א יום־טובדיקער. עס איז פשוט א ווונדער ווי אזוי ער באַווייזט צו זיין אזוי אין אָרדענונג מיט זיינע בגדים. ריין און זויבער, ווי אין וואַרשע. ער, דער באַרימטער אדוואָקאַט און באַ־רימטער סיים־דעפּוטאַט, באַרימטער רעדנער און געלערנטער, פאָרשער פון פאָלקלאָר. ער איז שוין צופיל געווען באַרימט, און דאָס האָט אים באַ־שטימט געשאַדט. צופיל אמביציעס האָבן זיך אין אים אנטוויקלט צוליב זיין באַרימטקייט. פון אים פאַלט מיין בליק אויף ניימאַנען. ער איז גע־בוירן און דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש. לאָדזש האָט געהאַט נישט נאָר קוימענס פון פאַבריקן. אָט די פאַררויכערטע לאָדזש האָט געהאַט א סך קינסטלער, מאָלערס. ניימאַן האָט געלעבט צווישן זיי. פון דאַנען דער נייער מאָזאאישער טאָן אין זיינע טאָג־פעליעטאָנען. פון דאַנען דאָס באַ־גרייפן די מאָלעריי, די פּלאַסטיק אין טעאַטער, פון דאַנען אויך זיין שטאַר־קע ליבע צום סטיל פון די אַלטע יידישע שולן אין פּוילן. ער האָט זיי געפאָרשט אין די שטעט און שטעטלעך.

און שעפנער? דער דאָזיקער פעליעטאָניסט פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג". ער האָט זיך אין וועג אויפגעחברט מיט זיין גרעסטן שונא, איטשעלע יוסטמאַן, זיי זענען טאָג און נאַכט אין שמועס, צוויי ברידער טרייע. שעפנער, א געמיטלעכער, א ליבער. ווען אזא טאַלאַנטיר־טער שרייבער פאַלט אריין אין א פּאַרטיי־צייטונג, איז דאָס פונקט ווי די זון וואָלט אריין אין א טונקעלן קעלער. איך זע אויך זינגערן. ער לויפט אַרום פון איינעם צו דעם צווייטן, א צאַפּלדיקער, אן אומרואיקער. בער־נארד זינגער, טאַלענטירט ווי דער טייוול און קאָנסט ביי אים קיינמאָל

נישט וויסן, ווער עס איז ביי אים געראכט און ווער אומגעראכט. ער האט איראָניע און סארקאזם פאר אלץ און פאר אלעמען.

פאָר איך צוזאמען מיט זיי. סטארן. זיי האבן געהאט הונדערטער טויזנטער לעזער. איצט זענען די לעזער באזונדער און די זשורנאליסטן באזונדער. איבערגעשניטן געוואָרן א לעבעדיקער שטראָם... און וואָס וועט זיין מאָרגן? גאָט אין הימל! וואָס וועט זיין מאָרגן?

ערגעץ־ווו אין פעלד זענען מיר געבליבן שטיין ביינאכט. געשטאנען און געשטאנען. די וואגאָנעס האבן געשוויגן ווי קברים. די לופט איז געווען געססמט. קיינער האט די וואגאָנעס נישט געריינינקט. אלץ איז שוין געווען הפקר און די ערשטע כפרה איז שטענדיק דאָס ביסל ריינקייט.

זענען א סך ארוים פון די וואגאָנעס און זיך אוועקגעלייגט אויפן פעלד. עס איז שוין גוט קאלט געווען. דאָך בעסער קעלט, איידער אזא לופט. איך בין אויך געלעגן נעבן א גרופע מענטשן, נעבן א בוים. געדענק איך, איינער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין לייכטן שלאָף. ער האט זיך ארומגעקוקט אין דעם חושך און געמורמלט צום חושך:

— טייערע פינסטערניש, גיי נישט אוועק!

דער טאָג, דער מאָרגן, האט ווייסט געשראָקן...

שרעקלעך איז דאן, וואָס דאָס שרעקלעכסטע ווערט אויך באנאל און דערעסן... וויפיל מאָל זאָל מען דאָס אזוי שפרינגען פון וואגאָן און לויפן מיט משוגענע טריט ראטעווען דאָס בידנע לעבן? איך האָב זיך איינמאָל איינגעשפארט און נישט געלאָפן. איינער אליין בין איך פארבליבן אין אונדזער וואגאָן און פון אָרט זיך נישט גערירט. אויסגעצויגן האָב איך זיך אויף דער פאָדלאָגע און געלעגן מיט איינגעהאלטענעם אָטעם. שטיל געווען, מען הערט נישט קיין מענטש און מען הערט נישט קיין מאָטאָר. פלוצלינג א זעץ, וואָס פארטויבט אלע חושים. צי פון שרעק, צי פון אויפ־רייס — עס האט מיך אויפגעהויבן אויף א מעטער. איך האָב צעקלאפט דעם קאָפּ אָן דער הארטער באנק. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און נישט וויסנדיק אליין, וואָס איך טו, האָב איך ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון פענ־סטער. אין א פענסטער פון א צווייטן וואגאָן האָב איך דערזען א יונגע פרוי מיט צעשויבערטע האָר, מיט ברייט־געעפנטע, צעשראָקענע אויגן. זי האט צו מיר אויסגערופן:

— איר זענט פאַרוווּנדעט? ווי אַזוי? די באָמבע האָט דאָך דער־לאַנגט אין אַן אַנדער אָרט.

דער קאָפּ האָט ווי געטון. איך האָב אים אָנגערירט מיט דער האַנט. די האַנט איז אין בלוט. אין אַ רגע שפּעטער בין איך געווען אין צווייטן וואַגאָן. די פרוי האָט אַרויסגענומען פון איר וואַליזע אַ קליין דאַמען־טיכל, אַ דינס, מיט קרויזן אַרומגעזוימט. זי האָט מיר דאָס בלוט אָפּגעווישט, מיט אָדעקאָלאָן אָפּגעוואַשן מיין פּנים. דאָס אַלץ צוזאַמען: די שיינע, יונגע פרוי, דאָס איידעלע טאַשן־טיכל, דאָס קעלנישע וואַסער, דאָס האָט עפּעס דערמאַנט אַ פאַרגאַנגענע וועלט... ווען איז דאָס געווען אַזאַ שיינע וועלט? מיט אַזעלכע טאַשן־טיכלעך, מיט אַזעלכע קרויזן?

ביסלעכווייז זענען די אַנטלאָפענע פון אונדזער צוג צוריקגעקומען, פון וואַלד און פון פעלד, פון אונטער די וואַגאָנעס און פון גריבער. מען איז צוריקגעקומען און געבראַכט די לעבנס. מען איז געווען אויפגעבראַזט ווי זינגער און מען האָט זיך באַרימט, ווער עס איז בעסער... געלאָפן...

אַ צוויי קילאָמעטער פון אונדז האָט עס געטראָפן אין אַ צוג. עט־לעכע וואַגאָנעס צעבראָכן, עטלעכע צענדליק מענטשן דערהרגעט און פאַרוווּנדעט. אייניקע פון אונדזער צוג זענען געלאָפן אָנקוקן דעם אומ־גליק. געקומען צוריק און דערציילט שוידערלעכע איינצלהייטן. מען האָט עס אויסגעהערט און אין שווייגן אַראָפּגעשלונגען דעם טויט... יענעמס טויט... ביסלעכווייז און ביסלעכווייז, מענטשן ווערן צו אַלץ צוגעוווינט, מען ווערט פאַרהאַרטעוועט. און אפשר נישט... איך האָב געזען פּנימער פאַרזונקען אין שווייגן. זיי האָבן געקוקט אין דער ווייט און איין גאָט ווייסט, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט.

אונדזער צוג איז געשטאַנען אויף אַן אָרט, ווי אַ פאַרגליווערטער. אין מיטן טאָג געווען. זוניק, האַלב וואַרעם, ליכטיק ביז דער ווייטסטער ווייטקייט. אין ווייטן רוים רואיקייט און צוזאָגעניש. פאַרגעס אויף אַ רגע, וואָס דער טייוול האָט געבראַכט אויף דער וועלט, וועסטו האָבן פאַר זיך גאָטס שיינע וועלט. הערבסט, די נאַטור רוט זיך אָפּ, אָט נאָר־וואָס האָבן מענטשן אַראָפּגענומען פון די פעלדער דעם קאָרן, די פּרוכט פון די סעדער צוגענומען און אַוועק צו דער סעודה... ניין! זיי זענען אַוועק הרגענען, פאַרניכטן און אומקומען. דער צוג אונדזערער שטייט. עס דאַכט זיך, אַז

דעם לאָקאָמאָטיוו איז נמאס געוואָרן צו שלעפּן די שווערע וואַגאָנעס. רוען, אַלץ וויל רוען. דער מאַשיניסט און הייצער גייען אַראָפּ פון דער מאַשין, זיי ציִען זיך אויס אָט דאָ נישט ווייט פון די רעלסן אויף דעם טרוקענעם גראָז און לאָזן זיך שלאָפן. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דער צוג וועט אַזוי גיך נישט אָוועקגיין. איך דריי זיך אַרום און ווייס נישט, וואָס צו טון מיט זיך. לאַנגווייליקייט! אויך דאָ ביסטו דאָ מיט אונדז, דאָ אויף די בלוטיקע פעלדער פון אונדזער אַנטלויפן. איך קוק אויף מײַנע חברים פון וועג. קיינער האָט שוין נישט וועגן וואָס צו רעדן מיט מיר. איך האָב שוין נישט קיין ווערטער פאַר שעפּנערן. יעדער שפּאַצירט באַזונדער, שווײַגט און טראַכט דאָס זײַניקע. איין שוואַלבע האָט נאָך אַנטדעקט און ער דער־ציילט עס פאַר דעם און פאַר יענעם. מיר זענען אָפּגעריסן פון דער וועלט, מיר ווייסן נישט די לאַגע פון דער פּוילישער אַרמיי. מיר ווייסן נישט, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך טוען.

דער צוג שטייט, דער מאַשיניסט מיטן הייצער שלאָפן אויפן גראָז. קיין אַעראָפּלאַנען זעט מען נישט. רואיק אַרום. רואיק און לאַנגווייליק ביז ווייטיק, ביז איבער אַלע ווייטיקן פון דער וועלט.

דאָס איז אַזאַ מינוט, ווען גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן פילן זיך הילפלאָז, ווי קליינע קינדער, וועלכע מען האָט געלאָזן אויף הפקר. אָן מײַן ווילן, פון לאַנגווײַליקייט, רוק איך זיך אָפּ פון מײַנע חברים, פון צוג און איך גיי צום וועלדל, וואָס זעט זיך פון ווייטן. איך קום אַהין. דאָס איז אַ וועלדל פון בעריאָזע, שיטער זענען די ביימער, נאָר יעדער בוים איז אַ גאַנצער פּריץ. די זילבערנע קאָרע מאַכט ליכטיק אַזאַ וועלדל אַפילו אין טונקעלן פאַרנאַכט. די בלעטער אויף די ביימער זענען שוין געל, נאָר זיי האַלטן זיך נאָך פעסט, זיי האָבן נאָך נישט אין זינען אַראָפּצופאַלן. צום אָנהייב האָב איך דעם איינדרוק, אַז דאָס וועלדל שטייט אינגאַנצן ווייט פון די איצטיקע געשעענישן, נאָר ווען איך קום אַריין טיפער, טיפער, אין זײַן רואיקע היים, באַמערק איך, אַז די רואיקייט איז שוין דאָ גע־שטערט געוואָרן. איך דערזע אַ קנאָפּל פון אַ דאַמען פּאַנטאָפל, אַביסעלע ווייטער אַ שמוציק העמד, אַ צעריסענע טעקע, אַ צעשאָטענע וואַליזע, שטיקלעך פּאַפּיר פון שאָקאָלאַד־איינפּאַקונג, צעפליקטע צייטונגען, שאַכט־לעך פון פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך. דערנאָך דערזע איך אַ צעטראָטענעם

וועלאַן פון אַ חופה, מיט קינסטלעכע בלומען, אַ פאַרבלוטיקטן באַנדאַזש. הע... דאָ איז מען שוין דורכגעגאַנגען אין גרויסע מחנות. דער מענטשן־מאַרש פון שטעט און שטעטלעך איז דאָ שוין פאַרבייגעגאַנגען. די ווייסעביימער באַלויכטן די אַלע קלייניקייטן, וואָס קריכן מיר אין די אויגן, און אָט אויף איין בוים הענגען אַ פּאָר הויזן פון אַ פּידזשאַמע. פּידזשאַמע־הויזן מיט ברייטע, באַנאַלע פּאַסן. דער לץ, וואָס האָט זיי אויפגעהאָנגען, די הויזן, האָט געאַרבעט פיין, סימעטריש. דער לץ האָט דאָ עפּעס געמיינט צו זאָגן מיט זיין המצאה. האָט געוואָלט אָנזאָגן דער וועלט, אַז עס איז אַ סוף צו דער פּידזשאַמע־קולטור...

איך גיי און אין אויסגעקרימטער שמייכל ליינט זיך אויף מיינע ליפּן. די פּידזשאַמע־הויזן שוועבן לענגערע מינוטן פאַר די אויגן. פּלוצלינג דערזע איך, אַז אין וועלדל גופא איז אויך פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע: אַ באָמבע האָט דאָ דערלאַנגט, צענדליקער און צענדליקער ביימער ליגן אַרויס־געריסן מיט די וואָרצלען, פיל ביימער זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער שטאַם. בערג מיט צווייגן און בלעטער, די זילבערנע קאָרע צעהאַקט און פאַרברענט, און אָט אַ גרוב, פרישע ערד, עטלעכע איינגעבראָכענע ביימער האָבן אַריינגערוקט זייערע געל־געבלעטערטע קעפּ אין דעם גרוב. אויס־געזען האָט, אַז זיי זוכן דאָרט עפּעס... גיי איך ווייטער און טראַכט: מיט וואָס זענען די ביימער אַנדערש ווי די מענטשן? וועמען עס טרעפט די באָמבע, יענער ווערט צעשמעטערט. אין וועלדל ציט זיך די גאַנצע צייט אַ צייכן פון רעדער, היט איך דעם צייכן, איך זאָל דעם צוריקוועג נישט פאַרלירן.

געענדיקט דאָס וועלדל און אָט אַ שאָסיי...

אַ שאָסיי, און אויפן שאָסיי פיל, פיל מענטשן, גאַנצע מחנות. די ערשטע רגע פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי קומען דאָ אַזוי פיל מענטשן? איך קוק זיי אָן, אַנדערע קוקן אויך אויף מיר מיט גלייכגילטיקייט און גייען ווייטער. זיי גייען און גייען, גרויסע מחנות און קליינע מחנות. דאָס איז געווען דער ערשטער מאַרש פון וואַרשע. פריער זענען געלאָפן יחידים, פון די יחידים איז אויך געוואָרן אַ גרויסע מאַסע, אָבער יענע זענען גע־לאָפן מיט אויטאָמאָבילן, מיט אויטאָבוסן און מיט די באַנען. די איצטיקע מאַסע האָט זיך פשוט אַרויסגעשאָטן פון וואַרשע און פון די דערבייאיקע

שטעט. די קאָמענדאַנטן פון דער מאַכט האָבן אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז די אַלע, וואָס אונטערליגן צו מיליטער־דינסט, זאָלן אַוועק, כדי נישט אַריינצופאַלן צום שונא. אָבער אַרויסגעגאַנגען זענען נישט נאָר די, וועלכע זענען געווען אין מיליטער־עלטער. עס זענען געגאַנגען אַלע, יונג און אַלט, געזונט און שוואַך. פאַראויס און פאַראויס. נישט אַנדערש: די וועלט ציט זיך איבער אין אַן אַנדער וועלט. אויף דער אַלטער וועלט איז געקומען אַ מגפה. איך האָב געקוקט אויף די מענטשן און אַ ציטער האָט מיך אַדורכגענומען: וויפל היימען זענען דאָס פאַרלאָזן געוואָרן, וויפל איינגעלעבטקייט איז צעשטערט געוואָרן? אין איין רגע האָב איך דערפילט די גאַנצע קאַטאַסטראָפע און אַזוי ווי איך וואָלט זיך וועלן ראַטעווען, האָב איך גענומען לויפן און אַריינגעלאָפן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער מאַסע, אויסגעמישט זיך מיט זיי, פאַראייניקט זיך אין איין גאַנצעס. פאַראויס, פאַר מיר אַזוי פיל מענטשן, נאָך מיר אַ לאַנגע קייט פון געשטאַלטן. מען איז געגאַנגען צוזאַמען און עפּעס אַזוי ווי נישט צוזאַמען. יעדן איינעם באַזונדער האָט געטראָגן זיין ווייטיק און מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי דער דאָזיקער אומגליק פאַראייניקט, אָדער ער צעטיילט. פעסט געהאַלטן האָבן זיך אַנדערע פאַרלעך, געגאַנגען געאָרעמט, טריט און טריט, שטיל עפּעס געשמועסט, אָדער טריי געשוויגן. אויסגעדוכט, אַז די דאָזיקע פאַרלעך וועט בלויז דער טויט צעטיילן...

איך בין געגאַנגען מיט אַלעמען צוגלייך. איך האָב געמוזט מיט זיי אַביסל גיין. זייער מאַרש האָט אין זיין טראַגיזם אויסגעזען טיפער, מיסטישער, ווי אונדזער קריכן מיט דעם צוג אין די שמוציקע וואַגאָנעס. איך האָב זיך געוואָלט אויף אַ רגע פאַראייניקן מיט די אַלע... באַגעגנט אין דער געדיכטעניש פון דער מאַסע באַקאַנטע, גערעדט מיט זיי קורצע פראַזן. צו וואָס רעדן? יעדער איינער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אין וואָס עס גייט. איינער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פילט זיך גאַנץ גוט, ער אָטעמט מיט פרישע לופט, ער באַדאַרף נישט גיין אַרבעטן אין ביורא, ער פילט זיך גוט, אַבי נאָר די שדים זאָלן נישט קומען: געמיינט די עראָפּלאַנען.

איך האָב בסדר געהויבן די אויגן צום עולם, וואָס מאַרשירט דאָ מיט וואַליזעס, מיט פּעקלעך און גרעסערע פּעק. עס קאָן זיין, אַז איך האָב געזוכט וועמען פון די נענטערע באַקאַנטע. עס קאָן אויך זיין, אַז איך האָב

געוואָלט דערגיין דעם גאַנצן שכל פון אזא מאַרש, פון אונדזער נעכטן, היינט און מאָרגן — דעם גורל. מענטשן אויפן שאָסיי, מידע, פאַרטוּיבטע מיט ווייסן שאָסיי־שטויב. ביי אנדערע פון זיי זענען שוין גרוי די קעפּ, די ברעמען ביי אנדערע זעען אוים גרוי פון שטויב. מענטשן פון פאַרשי־דענע גאַסן און היימען. עס דאַכט זיך, אז זיי טראָגן נאָך מיט זיך דעם וואָרעמען אָטעם פון א שטאָט, ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן און יאָרן פיל אויסגעלעבט. זיי זעען מיר אלע אוים ווי זיי וואָלטן מיר זיין פון איין משפּחה. דאָ און דאָרט האָט מען זיך טאָג־טעגלעך געזען. אָט דער מיטל־וווּקסיקער מיטן דיקן האַלדז פלעגט עסן מיטאָג אין „פּיקאַדילי" און דער גוטער קעלנער מאַקס פלעגט זיך אויף דעם מאַן בייזערן, יענער יאָגט מיט די קאַרטאָפל צום שניצל, גוט צוגעפּרעגלט, שוואַך געפּרעגלט. איצט אויפן שאָסיי איז דאָס אביסל אנדערש. איך דערקען דאָ א סך געשטאַלטן: אָט דער פלעגט אין טעאַטער זיצן שטענדיק אין דער ערשטער רייע; יענער איז געלאָפן הערן חזנים. א צווייטער האָט קיין איין אָפּערע נישט דורכ־געלאָזן. אָט די דאַמע פלעגט עסן א סך קרעם אין „אייראָפּעיסקע". די צווייטע דאַמע האָט געהאַט א בלאָנדן גאָלדענעם קאָפּ, איצט איז זי האַלב בלאָנד און האַלב שוואַרץ. איך זע דאָ אָנגעשטעלטע און אַרבעטער; איך קוק אויף די אלע מענטשן און וואָס וועט זיין מיט זיי? ווי ווייט וועלן זיי דערגיין? און וואָס וועט זיין מיט מיר? איך דערמאָן זיך אָן מיין צוג, וועלכן איך האָב דאָרט איבערגעלאָזן און אין דער רגע זעט עס מיר אוים, אז אין צוג, בלויז אין צוג, איז מיין רעטונג. איך נעם גיין צוריק צו מיינע חברים. גייענדיק אזוי צוריק, לאָז איך דאָך נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם מאַרש. אָט איז אָנגעקומען א נייע פּאַליע מענטשן. א געדיכטע, א שוואַרצע, מען הערט, ווי טויזנטער טריט שלייפן דעם שאָסיי. די אלע מענטשן זעען אוים ערנסטער, שטרענגער, זיי זענען עלטער געוואָרן, עלטער און קליגער געוואָרן, זיי פאַרשטייען שוין, וואָס פאַר א קאַשע דער טייוול האָט דאָ פאַרקאָכט. אַלט און יונג, יונג און אַלט, און א שיינער פרויען־קאָפּ איז אויך פאַראַן. א בלאָנדע פרוי. זי גייט איינע פון די ערשטע, זי טראָגט דעם קאָפּ פאָראויס, ווי זי וואָלט וועלן באַלויכטן דעם וועג.

ביי איינער א פרײלין האָט זיך צעשאָטן די וואַליזקע אירע און עס זענען אַרויסגעפאַלן עטלעכע דינע קליידלעך, טואַלעט־זאַכן און טיילן פון

פרויען־גארדעראָבע. עמעצער האָט זיך צעלאכט, נאָר קיינער האָט אים נישט מיטגעהאָלפן. די זון האָט געלויכטן און באלויכטן מידע פנימער. אין אזא ליכטיקן טאָג האָבן זיך די קישעלעך אונטער די אויגן דייטלעכער אָנגעזען. א מער פילנדער און עמפינדלעכער מענטש האָט דאָ געקאָנט א סך זען און לערנען. דאָרט אויף די שלאכטפעלדער איז געווען די מאָבילוזאציע פון קראפט, דאָ אויף די וועגן איז אָנגעגאנגען די מאָבילוזאציע פון אומגליק און שוויַיגנדיקן מענטשלעכן צער, מען איז אוועק פון א היים, און ווער ווייסט, צי מען וועט אמאָל צוריקקומען. ווער ווייסט?

די מעלאנכאָליע פון הערבסט און דער טרויער פון די פאריאָגטע מענטשן זענען דאָ געגאנגען צוזאמען. אונטערטעניקייט פון נאטור: בלעטער מוזן אראָפפאלן, ווינטן מוזן קומען. און ביי די מענטשן אויך אונטערטעניקייט: אַז אומגליק איז געקומען, מען אנטלויפט פון אומגליק. פארשידנארטיק און פילפארביק איז געווען דער עולם. יונגע פראנטן און עלטערע מענער. איינער טראָגט א זומערדיקן מאנטל, דער צווייטער אינגאנצן אָן א מאנטל, דער דריטער שלעפט אויפן אָרעם א שווערן פעלץ. א פראקטישער מענטש: אין גיכן וועט זיין ווינטער און דער פעלץ וועט צוניץ קומען. מען רעדט דאָ אין וועג א סך וועגן דעם, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגענומען און וואָס מען האָט דאָרט איבערגעלאָזט. אָבער די אלע געשפרעכן זענען נישט דער עיקר. זיך אליין פארשוויַיגט מען, דעם אייגענעם צער פארשוויַיגט מען. אויטאָמאָבילן שניַידן האסטיק דורך דעם וועג, זיי אנטלויפן שנעל: מען קאָן טראכטן, אז דאָס זענען גליקלעכע און די בענזין־שנעלקייט וועט זיי גלייך ברענגען אין א רואיק לאנד. אומזיסטע אילוזיעס: מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועט זיך דער אויטאָמאָביל וואלגערן ערגעץ אָן א זייט פון א שאָסיי — א מעטאלענער פגר און נישט מער...

דאָ זעט מען אויפן וועג די נעכטיקע מיליאָנערן — מען קוקט זיך נישט אום אויף זיי. כלל־טוער, געוועזענע דעפוטאטן, העכערע באאמטע, אלע, אלע האָבן פארלאָרן זייער גלאנץ, איינס אָבער איז פארבליבן פון אמאָליקן יחוס: די שיינקייט פון א פרוי. צו אזא איינער שארן זיך יונגע און עלטערע. די וואליזקע אירע נעמט מען צו, זי זאָל זיך נישט מאטערן, אלע בעקלעך נעמט מען ביי איר, אונטערן אָרעם פירט מען זי. פרוכט, א

שטיקל שאָקאָלאַד — אַלץ פאַר איר. אפשר וויל זי רויכערן? פאַר איר געפינען זיך שוין פאַפּיראָסן, פון אונטער דער ערד זוכט מען עס אויס...

זיי גייען, די מחנות, אַלע געטריבן פון איין אומגליק, אַלע באַ־זאָרגטע מיט איין פאַרלאַנג, וואָס גיכער צו באַקומען אַן אָרט, וווּ מען וועט זיך זיכער פילן און דאָרט וועט מען זיך אויסשלאָפן, אַרומוואַשן זיך. דערווייַלע אָבער קוקט מען כסדר צום אויסגעבלויטן הימל: צי עס פליט נישט? עס איז כסדר א סכנה, אַז פון הויכן הימל זאָל נישט אָנהייבן פאַלן טויט און פאַרניכטונג. דעמאָלט וועט זיך די מחנה צעשפּרייטן אויף אַלע זייטן ביז די געפאַר וועט אַריבער...

אָבער מענטשן בלייבן מענטשן מיט אַלע זייערע שוואַכקייטן. אמת, זייער האָב און גוטס האָבן זיי געלאָזן אין די שטעט, פון וועלכע זיי זענען אַנטלאָפן, דאָך זייערע אינסטינקטן און געפילן האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. עס לוינט זיי צו באַטראַכטן. עס לוינט צו קוקן אויף יענע דריי דאָרטן, צוויי יונגע מענער און איין יונגע פרוי, זיי האַלטן זיך אַביסל אָפּגעזונ־דערט פון דער גאַנצער מחנה, כאָטש זיי שפּרייזן מיט אַלעמען אין טרוי־עריקן מאַרש. די פרוי איז שלאַנק, א יידישע פרוי פון וואַרשע, מיט ברוינע האָר, מיט טונקעלע ווייכע אויגן, מיט א ברוין מאַנטעלע אויף די בויגיקע אַקסלען און כאָטש דאָ שפּרייזט מען אין אומגליק, דאָך פילט זיך, אַז זי איז מיט עפּעס צופרידן. אוודאי איז זי צופרידן מיט אירע באַגלייטערס, ניכער מיט איינעם פון זיי.

פון אירע באַגלייטערס איז איינער א הויכער, פעסט געבויט, אויף זיינע אַקסלען טראָגט ער א רוק־זאַק, אין איין האַנט האַלט ער א גרעסערע וואַליזע און מיט דער צווייטער האַנט פירט ער זיין דאַמע. זי רעדט צו אים און ער רעדט צו איר און גאַנץ אָפּט פאַרגעסן זיי, אַז צוגלייך גייט דאָ נאָך א מענטש. דער „נאָך א מענטש" איז דאָ נישט קיין פרעמדער, ער איז דער מאַן פון דער פרוי מיט די ברוינע האָר. ער איז א נידעריקער, נישט קיין דאַרער, נאָר א נידעריקער, נידעריקער פאַר דעם, וואָס טראָגט דעם רוק־זאַק אויף די פּלייצעס...

דאָס פאָר פאָלק איז אַרויס פון וואַרשע אין דער גרעסטער איילע־ניש, בלויז איין וואַליזע האָט מען אַרויסגעכאַפּט און די וואַליזע טראָגט איצט דער הויכער יונגערמאַן.

אין וועג האָט זיך דער פּרעמדער צו זיי צוגעטשעפּעט. ער האָט גע־נומען צו זיי רעדן, האָט מען אים געענטפערט. איצט גייט ער שוין נישט אוועק. דאָס פּאָר פאָלק פון ווארשע האָט באַקומען א פּריינט אין וועג. ער איז זייער גוט צו זיי, ער טראָגט די וואליזע, וואָס זיי האָבן מיטגענומען, די וואליזע איז גאָרנישט קיין לייכטע. ער בארואיקט בעת אלע זענען אומרואיק, ער רעדט פיין, ער זעט אויס צו זיין דערצויגן, געבילדעט, אינ־טעליגענט און דרייסט — א גוטער באגלייטער. א טייערער מיטגייער, אָבער דער נידעריקער יונגערמאַן, וואָס האָט א פרוי מיט ברוינע האָר, ער איז נישט צופרידן מיט דער צופעליקער באגעגעניש...

און לאָמיר דאָס אָנרופן מיטן נאָמען... ער איז אייפערזיכטיק, ער האָט פון זיין יונגער ווייב שטענדיק געהאט אביסל צרות. אן אומגליק: זי געפעלט אלעמען און נאָך א גרעסערער אומגליק, ווען זי מיט דעם נייעם באַקאַנטן געפעלן זיך קעגנזייטיק און מען קאָן פון אים נישט פּטור ווערן. אַזוי פיל מענטשן אויפן פעלד, האָט ער זיך צו קיינעם נישט צוגע־טשעפּעט, בלויז צו איר. דער נידעריקער יונגערמאַן האָט דערפילט, אז צי־די אלע צרות איז אים נאָך צוגעקומען א ביטערער צוגאָב...

שוין דער דריטער טאָג ווי מען גייט צוזאַמען, און די צוויי האָבן נאָך אלץ וועגן וואָס צו רעדן. עס מאַכט דעם איינדרוק, אז די גאַנצע מלחמה מיט אלע אומגליקן, וואָס זי האָט געבראַכט, איז בלויז א דעטאַל פאַר די צוויי יונגע מענטשן. דאָס וויכטיקסטע אין לעבן איז זייער שמועס און זייער צוזאַמענגיין. עס האָט שוין עטלעכע מאָל פּאַסירט, ווען צוליב די אעראָפּלאַנען האָבן זיי געמוזט לויפן, איז מען געלאָפן צוזאַמען, אויף א רגע נישט אָפּגעלאָזן איינער דעם צווייטן, און ווי נאָר די סומאַטאָכע איז אריבער, האָט מען ווידער גלייך אָנגעכאַפּט די איבערגעריסענע טעמע און ווידער גערעדט. מיט נייגעריקייט זיך צוגעהערט איינער צום צווייטן, געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט יענע בליקן, איר ווייסט דאָך שוין מיט וועלכע בליקן. עס האָט נאָך געפעלט איין קלייניקייט, זי האָט אים באַדאַרפט זאָגן:

— א גליק, וואָס די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר דאָך נישט געהאט דעם גליקלעכן צופאַל זיך צו באַקענען.

די צוויי זענען פאַרנומען מיט זיך און ער, דער דריטער, דער גע־

זעצלעכער, ער שלעפט זיך נאָך ווי א רעזערוו, ווי א נוצלאָזער באנאזש, וויל ער זיך אויך אריינמישן אין זייער שמועס, דערהערט מען אים נישט, פּרוווט ער נאָכאמאָל, יאָגט ער זיי נישט מיט די גערדאנקען. זיי זענען פארנומען מיט זיך. דער נידעריקער יונגערמאן איז דער אומגליקלעכער צווישן די אלע אומגליקלעכע. איצט ערשט האָט ער דערפילט, אז דאָס איינציקע, וואָס איז אים פארבליבן פון לעבן און פארטונע איז זי, זיין ווייב. עס ווארטן דאָך אויף אים א סך צרות אין וואנדער־וועג און ווער וועט זיין דער טרייסט זיינער אויב נישט זי? און דאָ קאָן דאָך פאסירן: עס וועט אָנקומען אן עראָפּלאן. אלע וועלן נעמען לויפן אין פארשידענע ריכטונגען, און ער וועט זיך צעשיידן צופעליק מיט זיין ווייב, ער וועט זי נישט געפינען, זי וועט אים נישט געפינען, אוים וועט זיין מיט אלץ...

פון אלע געפילן וואקסט דאָס אייפערזוכט־געפיל שטארקער, גרעד־סער און שנעלער. דער נידעריקער יונגערמאן איז שוין פול מיט דעם סם, עס ברענט אים און עס ווערגט אים... וואָס דאַרט מלחמה און טויט? וואָס דאַרטן שרעק? עס קאָן דאָך פאסירן, אז זי, זיין נערא, וועט אים אינגאנצן פארלאָזן, איצט איז דאָס מעגלעכער ווי פריער, ער האָט דאָך זיין פאר־מעגן פארלוירן. ביי די גערדאנקען פארגליווערן זיך אים די פּיס און ער קאָן שוין כמעט נישט שפּרייזן... ער קאָן בלויז אויפהייבן די אויגן און באטראכטן מיט צער זיין ווייב און דעם, וואָס האלט זיין ווייב אונטערן אָרעם, דעם הויכן, וואָס קאָן אזוי פיל רעדן צו א פרעמדנס ווייב. עס צינדט זיך אָן אין אים א צאָרן... עס איז גוט, וואָס די מלחמה בושעוועט, עס איז גוט, וואָס די עראָפּלאנען פליען דאָ נאָענט. זאָלן זיי פליען, זאָלן זיי ווארפן באָמבעס, זאָל דאָ ווער געהרגעט ווערן... ווער זאָל געהרגעט ווערן?

קודם כל בעט ער אויף זיך אליין דעם טויט, און אפשר וועט זיין קאָנקורענט געהרגעט ווערן... אפשר אלע דריי? עס קומען אים משוגענע גערדאנקען אין קאָפּ. ער זעט נישט דעם אומגליק פון ארום, ער פילט נישט די ריזיקע קאטאסטראָפע פון מיליאָנען מענטשן, ער האָט נישט קיין לופט, ער האָט נישט קיין לוסט זיך צו ראטעווען פון דער קאטאסטראָפע. איי־פערזוכט איז אים באפאלן און שטיקט אים אָן רחמנות...

אנדערש וואָלט ער זיך געפילט, ווען זיין ווייב נעמט צו דעם אָרעם

אירן פון פרעמדן יונגנמאַן, ווען זי וואָלט אויך צוגענומען די וואַליזע ביי אים. און ער, דער געזעצלעכער, וואָלט געגאַנגען מיט איר האַנט ביי האַנט, פריילעך וואָלט געווען, ווען זי זאָגט צו אים:

— טייערער, עס וועט נאָך גוט זיין! אָבער זי טוט עס נישט, דער פרעמדער געפעלט איר, ער איז איר איינציקער טרייסט אין אַזאַ שווערן וועג, זי לאָזט אים נישט אָפּ...

מיט פייפעריי און שנעלקייט רייסט זיך אַדורך אַן אויטאָמאָביל. עס הייבט זיך אויף אַ שטויב און פאַרדעקט אַלעמען. דער אויטאָ איז דאָ אַ דיסאָנאַנס, אַ פרעמדקייט. אַזעלכע מענטשן־מאַרשן דערמאָנען דאָ גיכער די ווייטע פאַרגאַנגענהייט, און וואָס וויל דאָ די טעכנישע קולטור?

איך פאַרגעס ווידער אויף אַ רגע, אַז איך האָב דאָרט מיין צוג. איך ווער ווי צוגעשמידט צו די נייע מענטשן־פּאַלעס. איך ווער באַלאָדן מיט זייערע שטייפע ערנסטע בליקן. יעדער איינער האָט ווייטיק, יעדער איינער האָט צער. איך בין נישט מקנא דעם, וואָס וועט פאַרנעמען דעם גאַנצן צער פון דער וועלט. דאָס איז אַ וועלט פון אונטערגאַנג און אַזאַ אונטער־גאַנג איז נאָך נישט געווען. אונדז איז עס באַשערט געווען צו באַקומען אין חשבון פון אונדזער קליינער יאָרן־קאַנטע... איך קוק אויף דעם מאַרש, איך קאָן זיך נישט אָפּרייסן, עפּעס פאַרשטיי איך דאָ און עפּעס פאַרנעם איך נישט. איך פיל אָבער אומגליק און נישטאָ איז אין פעלד קיין גרוב, וווּ מען זאָל זיך אליין באַגראָבן; נישטאָ קיין פליגלען, מען זאָל קאָנען אוועקפליען. כאָטש אין גיהנום פליען, נאָר ווייטער פון זיך אַליין...

איין פיגור האָט נאָך אויף עטלעכע מינוט מיך פאַרהאַלטן אויפן שאָסיי. אַ לאַנגער, דאַרער ייד, אָבער גלייך איז ער געווען ווי אַ לולב. אַ לאַנגער, אַ הויכער, זיין קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן העכער איבער אַלע־מענס קעפּ. ער האָט געטראָגן אַ גרויסן, רבנישן הוט און געהאַט אַ קורץ בערדל מיט לאַנגע פּאות. דאָס פּנים בלאַס, אַמתער פאַרמעט קאָליר, מיט בלויע אויגן. ער איז געגאַנגען רואיק, האָט אויסגעזען זייער מיד צו זיין, נאָר געגלויבט האָט זיך, אַז ער קאָן אַזוי גיין און גיין אָן אַ סוף. יעדע רגע פלעגט ער זיך ארומקוקן, צי די מענטשן גייען מיט מיט אים. אין זיין ארומקוקן זיך איז נישט געווען קיין אויפרעגונג, קיין נערוון, קיין נייגעריקייט. עס האָט גיכער אויסגעזען, אַז ער וויל באַרואיקן מיט זיין

איינגענער רואיקייט. איך האָב מיין בליק פון אים נישט געקאָנט אוועק־ציען. עפּעס איז ער געווען אזוי מאָדנע העכער פאר אלעמען ווי אן אי־בערגעוואקסענער וואלד־בוים. זיין אויסזען, זיין בליק איז מיר אזוי ווי באקאנט געווען, אָבער זייער נעפּלדיק באקאנט. איך האָב זיך גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען: ווו האָב איך אזא געשטאלט און אזא בליק געזען, צי ערגעץ אויף אן אויסשטעלונג פון בילדער, צי אין קונסט־גאלעריע, אָדער גאָר אין א חלום, אין די יונגע יאָרן...

ווען איך בין געקומען צוריק צו מיין צוג, איז נאָך דער מאשיניסט אונזערער גאנץ געשמאק געשלאָפן. א טייל פון עולם האָט, ווי מאניאקעם, געשפּרייזט ארום די וואגאָנעם. דער צווייטער טייל האָט דיספּוטירט וועגן קלוגע זאכן. אין דער אמתן איז געווען אן אָך און וויי צו אונדזערע קלוגשאפטן...

## V

# אין ראַוונאַ

דער צוג אונדזערער איז ווידער לאַנג געשטאַנען אויף איין אָרט. פינסטער געווען, ווי ערגעץ אונטער דער ערד. געשטאַנען זענען מיר אויף אַ באַן־סטאַציע, ווייל איך האָב געהערט באַוועגונג. וואַגאָנעס האָבן זיך גערוקט און געקלאַפּט. מענטשן האָבן געשפּרייזט און גערעדט אויפן קול. שלאָפן האָב איך נישט געקאָנט, שווער געווען איינצושלאָפן אין אַזאַ וועלט. צעקנייטשט בין איך געווען פון די אַלע טעג, אויסגעמאַטערט ביזן סוף.

ניין! דאָס טאָר איך נישט זאָגן. אין אויסגעמאַטערטקייט איז נישטאָ קיין סוף. ערגעץ־ווו האָבן די מענטשן פאַרבאָרגענע כוחות. אין בלוט, אין די אָדערן, אין האַרץ, אָדער אין רוקן־ביין, און עס שעפּט זיך פון דאָרט, ס'שעפּט זיך כסדר. די איבעריקע זענען געשלאָפן, אָדער טויטלעך געשוויגן. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און געפרעגט ביי דער פינסטערניש:

— ווו שטייען מיר?

אין דער פינסטערניש האָט זיך געפונען אַ געשטאַלט און פון דער אומבאַקאַנטער געשטאַלט האָב איך באַקומען אַן ענטפער:

— מיר שטייען אויף דער סטאַציע ראַוונאַ.

ראַוונע, ראַוונע. עס האָט מיך אַ צופּ געטון ביים האַרץ, איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט: מיט אַ פופצן יאָר צוריק האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען קיין ראַוונע אויף אַ פאָרלעזונג. אַלץ איז געגאַנגען כשורה. אויפן וואָקזאַל האָבן מיך אָפּגעוואַרט אַביסל מענטשן, אַ סך מענטשן, דאָס פלעגט זייער אָפט פּאַסירן מיט די שרייבער אין פּוילן, מען

פלעגט אונדז אָפּווארטן מיט פאראד. אָבער אין ראָוונע האָט מיט מיר פּאסירט נאָך עפּעס:

ווי איך בין ארויס פון וואגאָן, האָט געגומען שפּילן אַן אָרקעסטער. דאָס איז געווען דער אָרקעסטער פון „מכבי”. אויף אזא אופן האָט מען מיך באגעגנט. איך בין געוואָרן צעטומלט. אפשר א טעות? אפשר האָט מען מיך אָנגענומען פאר א גובערנאטאָר? איך האָב זיך פארלוירן, נאָר די ראָוונער פּאָליציי האָט זיך קנאפּ וואָס פארלוירן. וואָס איז דאָס פאר א מוזיק? ווער האָט געגעבן אויף דעם א דערלויבעניש? עס איז געוואָרן א טומל. די מוזיק האָט מען אָפּגעשטעלט און איינער פון די, וואָס האָבן מיך באגעגנט, איז צוגעגאנגען צום פּאָליציי־קאָמיסאר און אים אָנגעהויבן צו דערציילן א גאנצע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור, און איך, דער העלד פון ראָוונער „מכבי”־אָרקעסטער, איך בין דערווייל נעלם געוואָרן, ווייל די גאנצע מעשה, דער גאנצער פאראד איז מיר געווען דערווידער. שפּעטער האָב איך געהאט צו זיי טענות:

— וואָס האָט איר געוואָלט פון מיר? וואָס בין איך א נאטשאלניק פון די פייער־לעשער? צו וואָס באדארף איך מוזיק! פארוואָס קומט עס מיר אזא פאראד?

איצט, אין פינסטערן וואגאָן, האָב איך זיך דערמאָנט דעם ליבן־ניט־ליבן עפּיזאָד און איך האָב געשמייכלט צו זיך אליין. דערביי האָט זיך געבענקט נאָך אמאָליקע טעג, נאָך אלע גוטע נארישקייטן פון יענע טעג. אויסגעזען האָט עס מיר, אז געשען איז דאָס מיט צען טויזנט יאָר צוריק. דער צוג איז נאָך אלץ געשטאנען. די ביינער האָבן געבראָכן. אפשר גאָר אראָפּגיין אין ראָוונע? קיין כוח האָב איך נישט מער. און האָפענונג? ווער ווייסט, אפשר וועט אין ראָוונע בעסער זיין. איצט שפּילט צופאל די גרעסטע ראָלע. אפשר ליגט אין ראָוונע מיין מזל? איך האָב זיך אליין גענומען איינרעדן, אָבער ווי גייט מען עס אוועק פון די חברים? מיר האָבן דאָך שוין אזוי פיל דורכגעלעבט צוזאמען. איך האָב זיך לאנג אזוי געראנגלט און צו קיין באשלוס נישט געקומען. דערווייל האָט זיך דער צוג ארויסגערוקט פון דער פינסטערניש און איז אוועק אין א צווייטער פינסטערניש. מיר זענען געפאָרן עטלעכע שעה, אָפּגעשטעלט זיך און זיך ווידער גערוקט. געקומען זענען מיר אויף דער סטאציע זדאָלבונאָוואָ בעת

עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. זדאָלבונאָוואָ איז אינגאַנצן פּופּצן קי־לאָמעטער פון ראָוונע. דאָ זענען מיר געשטאַנען און געשטאַנען. דאָ האָב איך אין דעם פאַרטאָג־ליכט געזען, אַז אייניקע חברים שלאָפן טאַקע. יאָושזאָן, שעפּנער, פלינקער, פון פאַרשידענע רעדאַקציעס, פון פאַרשי־דענע ריכטונגען. יידן און קריסטן אין איין שטייג. שלעכטע געלעגערס, ביטערע געלעגערס, און אַ לופט... מען קאָן אויף אַן אמת אויסגיין. אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף זיי, אַ רחמנות אויף זיך אליין געווען. עפּעס האָט מיך אויפגעריסן פון פלאַץ: איך פאָר נישט ווייטער, איך וועל פון זדאָלבונאָוואָ אַוועקגיין צו־פוס קיין ראָוונע און זאָל זיין וואָס עס וויל. אין לובלין איז פאַרבליבן סטופּניצקי, גאָטליב איז אַוועק קיין פּינסק און איך גיי קיין ראָוונע. יעדער איינער האָט זיין גורל. איך האָב אויפגעוועקט עטלעכע חברים און מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער בייזקייט אַריינגעשריגן אין זייער פאַרשלאָפענעם דמיון:

— איך גיי צו־פוס קיין ראָוונע. איך האָב עס גענוג מיטן פינסטערן שלעפּן זיך.

דאַכט זיך, אַז עמעצער האָט מיך אָפּגערעדט דערפון, דאַכט זיך, אַז נאָך איינער האָט געקוקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ משוגענער. איך בין האַסטיק אַרויס פון וואַגאָן. דערנאָך אין בופעט פון וואָקזאַל געוואַרט אַביסל צייט אויף טיי מיט ברויט. געפרעגט דעם וועג קיין ראָוונע און אַרויס אויף אַ ליכטיקן, לוידיקן שאָסיי. ליכטיק איז געווען אומגע־וועגלעך. די נאַטור אויסגעצוואָגן פון נאַכט־טוי. דער הימל ריין, ביז ענד־לאָזיקייט. ווען נישט דאָס גיפטיקע באַוווּסטזיין, אַז איצט איז מלחמה אויף טויט און לעבן, ווען נישט דער געדאַנק, וואָלט איך געדאַרפט פילן, אַז איך בין איצט פּטור געוואָרן פון אַלע צרות, פון שמוץ, פון שרעק, פון הונגער. לוידיק געווען דער שאָסיי, ערגעץ־ווו אין דער זייט האָט זיך געוואַלגערט אַ צעבראָכענער אויטאָמאָביל. אַ זעלנערישער פּאַטרול איז אָנגעקומען, קאָנטראָלירט מיינע דאָקומענטן און מיך געלאָזט אַליין. אַליין, אָן מיינע טייערע חברים. אַליין, אָן אַזוי פיל אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע איך האָב ביז איצט באַגעגנט.

מיד געוואָרן פון גיין און פון דער פרישער פרימאָרגן־לופט, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען.

אי, מידע, צעבראָכענעביינער, ווי עס ציט אייך צו דער ערד. אויס־געצויגן זיך אין דער גאנצער לענג מיינער. די אויגן זענען אריינגעקראָכן אין דעם ים פון בלויען הימל. אָט באלד וועל איך דערזען דעם געווינ־טשענעם מלאך... ניין! דריי עראָפּלאנען זענען געפלויגן גאָר, גאָר הויך, סימעטריש זיך געהאלטן, געגלאנצט מיט זייערע זילבערנע בייכער און אוועק צו זייערע וויכטיקע ענינים. געלעגן און גערוט און די געדאנקען האָבן געארבעט. ווי זעט עס אויס מיט מיר און מיט דער וועלט? דער־מאָנט די אלע, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין לאָדזש און ווארשע, געוואָלט טרעפן די צוקונפט און גאָרנישט פאָראויסגעזען. בלויז ווייטיק נאָגט, בלויז מורא פארן מאָרגן. איך קוק אין דער ווייט אויף דעם גרויסן שטח ערד, איך קוק אויף דאָס שטיקל ערד, וווּ איך ליג און דערביי טראכט זיך: ווי נאָענט עס איז פון דעם אויף דער ערד, ביז דעם אין דער ערד. ערגעץ טיף אין דער נשמה איז פאראן א געפיל: פארשווינדן, נישט זיין מער, נישט פילן און מוח־גנב קאלקולירט און ספּעקולירט...

איך האָב געקוקט אויף מיינע שווארצע הענט, און איך האָב אויף זיי רחמנות געהאט, ווי צעקנייטשט מיין בגד איז און צוזאמען מיטן בגד איז צעקנייטשט די נשמה, אלע גלידער. דער גאנצער גוף — איין ווייטיק. די פרישע לופט לעבט אויף די געדאנקען און עס דערמאָנען זיך בילדער און מאָמענטן פון וועג. איך האָב אויסגעמיטן דעם טויט און דער טויט האָט מיך אויסגעמיטן. דער שווידער נעמט ווידער טאנצן פאר די אויגן... גאָט מיינער! צי דען איז אוממעגלעך אוועקגיין ווייט. ווייט און מער נישט צוריקקומען?

איך פארטויש מיט געוואלד אין קאָפּ אלע אומגליקן, צו וועלכע איך האָב זיך צוגעקוקט. איך האָב נישט קיין כוח זיי מיטצוטראָגן. איך האָב אינגאנצן נישט קיין כוח. עס ציט צו דער ערד. פּופּצן קילאָמעטער ביז ראָוונע איז א קלייניקייט. אָבער איך בין ווייזט אויס, קראנק. עס ווילט זיך זיצן, עס ווילט זיך ליגן, עס ווילט זיך אינגאנצן נישט זיין.

שפּעטער ליג איך אויפן טרוקענעם גראָז, ביי דער זייט פון שאָסיי. איך האָב הנאה פון ליגן און ווייטער איז מיר אלץ איינס, דאָ איז רואיק אויפן פעלד. הא! פארוואָס באשטייט די וועלט נישט אינגאנצן פון ליידיקע פעלדער?

איך ליג איינער אליין, א ווייטער האָריזאָנט, ריינער הימל, א סך ענדלאָזע ליידיקייט. ווי צו די מענטשן, ווי צו אונדז אלעמען; איך פריי זיך מיט דעם פאקט, וואָס איך זע דאָ איצט קיינעם נישט, נישט קיין שונא. נישט קיין פריינט, אי, אי... א פרייד אזא, וואָס א מענטש זעט דאָ נישט זיין גלייכן. א שמחה א גרויסע... עס וואָלט נאָך בעסער געווען, ווען מען הערט אויף צו טראכטן וועגן זיי. אָבער יאָ מענטשן, נישט מענטשן. מען באדארף דאָך גיין קיין ראָוונע, איך מוז אהין גיין. ס'איז דאָך נישט קיין תכלית צו ליגן דאָ אויפן אויסגעטריקנטן גראָז און לעבן מיט דער גרויסער ליידיקייט פון דער ארומיקייט.

איך פרוו זיך אויפהייבן — הייבט זיך נישט. דערשרעק איך זיך: צי דען זענען מיר די גלידער אָפגענומען געוואָרן? איך פרוו זיך נאָכאמאָל אויפהייבן. א בלייענע מידקייט שמידט צו דער ערד און די איינציקע הנאה מיינע: ליגן און זיך נישט רירן פון אָרט, און די שרעק גייט אוועק. אלץ איינס. דאכט זיך, אז איך נעם חלומען פון אייביקן גאָרנישט. דאָך די אויגן זענען אָפן, איך זע...

איך זע, ווי פון דערווייטן קומען אָן צוויי סילועטן. צוויי מענטשן. נאָך א רגע און איך זע שוין, אז דאָס זענען צוויי מענער. זיי גייען לאַנג־זאַם, אָבער מיט געזונטע טריט, זיי טראָגן רוק־זעק אויף זייערע פלייצעס. ווייס איך נישט, צי דאָס פרייט מיך, וואָס איך זע מענטשן — גיכער נישט. זיי דערמאָנען צופיל...

ווען די צוויי דערנענטערן זיך צו מיר אויף עטלעכע טריט, דערקען איך איינעם פון זיי: דאָס איז דאָך דער מאלער טרעפלער, ער פלעגט זייער אָפט קומען אין ווארשעווער ליטעראטן־פאראיין, אין שאך פלעגט ער דאָרטן שפילן. ער שטעלט זיך אָפּ מיט זיין באגלייטער:

— וווּהין גייט איר? — פרעג איך ביי זיי.

— קיין ראָוונע.

— איך גיי אויך קיין ראָוונע.

— טאָ קומט, מירן גיין צוזאמען.

אים איז לייכט צו זאָגן „קומט!” ער איז יונג און האָט געזונטע פיס, זיין חבר איז אויך יונג. אָבער איך בין אזוי ווי צוגעשרויפט צו דער ערד. עס איז שווער, נאָר מען טאָר זיך דאָך נישט באקלאָגן פאר דעם

ערשטן־בעסטן. איך גיי. דער באַגלייטער פֿון מאָלער טרעפּלער איז אַ יונגער וואַרשעווער אַדוואָקאַט. אַ געזונטער. אַ ציכטיקער און ליכטיקער און דאַכט זיך, אַז ער איז נאָר וואָס אויסגעצוואָגן געוואָרן, אויף זיין בגד קיין קנייטשעלע נישטאָ. איך קוק אויף אים און טראַכט: דאָס איז דאָך נישט קיין אַנטלאָפענער, נאָר אַ חתן־בחור, וואָס דאַרף זיך באַלד שטעלן אונטער דער חופּה, אַן אמתער חתן...

אַזאַ ליכטיקער וועג. עס וואָלט פאַר מיר געדאַרפט זיין אַ לייכטער וועג. קיין באַגאַזש מיט זיך האָב איך נישט, אָבער דאָס בליי אויף דער נשמה איז דער שווערסטער באַגאַזש. איך האָב נישט קיין פיס, זיי שלעפּן זיך בלויז, זיי שטייען אָפּ...

ניין! ליבע פריינט... גייט זיך אַליין, איך וועל זיך אָפּרוען, איך וועל וואַרטן — אפשר וועט זיך באַווייזן אַן אויטאָ, אַ פור.

איך זיץ און די צוויי באַגלייטער מיינע שטייען נעבן מיר. זיי ווייסן נישט, וואָס צו מאַכן מיט אַ שוואַכן מענטשן. איך בין הילפלאָז און זיי — בנוגע צו מיר — זענען אויך הילפלאָז.

— גייט — בעט איך זיך ביי זיי.

— מיר קאָנען אייך אַזוי נישט לאָזן.

איך פאַרשטיי זיי, איך פיל זיי מיט, אָבער גיין קאָן איך נישט. איך בין אָן כוח. די לעצטע טעג בין איך געווען אין גיהנום, איצט קומט די רעאַקציע נאָך די שווערע איבערלעבונגען...

גיין קאָן איך נישט און איך האָב אַזאַ געפיל, אַז עס ווילט זיך נישט גיין: צו וואָס? און צו וועמען?

געפינען זיך אַזוי אויפן ליידיקן שאָסיי דריי מענטשן, איינער זיצט, ווייל ער האָט נישט קיין כוח צו גיין און די אַנדערע צוויי ווילן דעם אָפּ־געשטאַנענעם נישט אָפּלאָזן, זיי האָבן קיין האַרץ נישט דערצו. שווייגן מיר אַלע זאַלבעדריט, עס שווייגט די ווייטקייט, דער הימל, די ביימער און די שטיינער.

אַלץ שווייגט אַ רגע.

מיט אַמאָל רופט זיך אָפּ צו מיר דער יונגער אַדוואָקאַט פון וואַרשע.

— אפשר וועט אייך גוט מאַכן אַביסל קאָניאַק.

איך האָב צוערשט נישט באַגריפֿן וועגן וואָס ער רעדט צו מיר... קאָניאַק...

וועגן קאָניאַק? ווי קאָניאַק? וועלכער קאָניאַק? מיר זענען דורכגעגאַנגען א וועג, ווי א טראָפּן וואַסער איז געווען א גאַנצע מציאה. א וועג, ווי א שטיקל ברויט האָט מען געהאַלטן אין די שמוציקע הענט מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט און מיט אמאָל רעדט איינער וועגן קאָניאַק. איך האָב געמיינט, אז ער לאַכט פון מיר, אָדער ער איז משוגע געוואָרן... פון אזא וועג.

אָבער דער געלאַסענער אדוואָקאַט פון וואַרשע האָט אַראָפּגענומען דעם רוק־זאַק פון זיין פּלייצע. ער האָט זיך געלאָזן נעבן מיר אוועקגעזעצט און גענומען עפענען זיין וואַנדער־זאַק. ער האָט עס געמאַכט זייער רואיק, פּעדאַנטיש, יעדן פּאַסיק און שנירל האָט ער לאַנגזאַם אויפגעעפנט און פונאַנדערגעקניפּט...

איך האָב דערזען ביי אים אין זיין וואַנדער־זאַק א גאַנצן סקלאַד פון שאָקאָלאַדקעס און מאַרמעלאַדקעס. עס זענען דאָרט געווען מעסערלעך צום ראַזירן זיך, זייף, אדעקאָלאָן, פּאַרפום א פלעשעלע, פּראָשקעס צום קאָפּ־וויטיק, אספּירין, ווייסע, ציכטיקע נאָזטיכלעך, א גאַנצע וועש־גאַר־דעראָבע און א פלאַש קאָניאַק איז אויך דאָרט רואיק געלעגן. פראַנצויזישער קאָניאַק. א האַלבער ליטער „מאַרטעל" מיטן בלויען עטיקעט, א פאַרזיגלטער האַלבער ליטער קאָניאַק. ער האָט אויך געהאַט מיט וואָס דעם פּראָפּן אַרויסצוציען. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון זיין וואַנ־דער־טאַש א ציכטיק־ליכטיק גלאָז און האָט אָנגעגאָסן ביז דער העלפט דעם ברוין־גאָלדענעם געטראַנק. פאַר מיר... פאַר אזא איינעם, וואָס איז שוואַך געוואָרן אין גלות־וועג און קאָן ווייטער נישט גיין.

איך האָב די רפואה אויסגעטרונקען. עס האָט אינעווייניק א ברי געטון און א צי געטון. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין פּלאַץ און געגאַנגען מיט מיינע צוויי באַגלייטער. עס איז זיך גאָר גוט געגאַנגען. מען האָט געשפּרייזט קיין ראָוונע, צו נייע שוידערן און יסורים, אָבער איצט האָב איך נישט געטראַכט וועגן דער צוקונפט. איך האָב די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון מיין קאָניאַק־ליפעראַנט. א וועלט איז אין פייער און

ער האָט אין זינען געהאט מיטצונעמען אַזעלכע גוטע זאַכן אין וועג אריין.
אין אַזאַ וועג...

ווי פיין און זאָרגפול ער האָט עס איינגעפּאַקט, עס קומט אים אַ מעדאַל דערפאַר, אַ מעדאַל פאַר רואיקייט. זאַלבעדריט האָבן מיר גע־שפּרייזט, נאָר וואָס איז דאָרט טרעפלער דער מאַלער פאַר דער צוקונפט פון דער וועלט? אַ בילד וויניקער, אָדער אַ בילד מער... אָבער ער, דער פּעדאַנטישער אדוואָקאַט, ער, וואָס האָט באוויזן צו בלייבן אַזוי ריינ־ציכטיק; אויף דעם שאָסיי, וואָס פירט קיין ראָוונע. ער, וואָס האָט נישט פאַרגעסן אין זיין וואַנדער־זאַק מיטצונעמען דאָס פלעשל קאָניאַק... ער איז די באַשטעטיקונג, אַז די וועלט וועט ווייטער עקזיסטירן און שאַקאַ־לאַדקעס וועלן זיין, און קאָניאַק וועט זיין...

אַלץ וועט זיין!

צען אין דער פרי בין איך אריינגעקומען קיין ראָוונע. דאָ איז שוין נישט געווען די פרידלעכקייט און רואיקייט פון שאָסיי. צענדליקער טוי־זנטער פּליטים, ציווילע און באַאַמטע, האָבן פאַרפלייצט די גאַסן. עס האָט געדרודלט, ווי ערב אונטערגאַנג. איך בין שוין געווען אַביסל אַ געניטער פּליט, האָב איך באַשלאָסן צו גיין אין „טאָז", דאָס איז די יידישע גע־זונטהייט־געזעלשאַפט. אין יעדער שטאָט איז געווען אַזאַ אָפּטיילונג.

— איך בין דער און דער. אפשר קאָנט איר מיר העלפן?

— גוט! וואָס פאַרלאַנגט איר?

— אַ וואַנע און וועש.

מער האָב איך נישט גערעדט. מען איז געלאָפן וואַרעמען אַ וואַנע און מען האָט אָנגעהויבן צו ברענגען וועש. פון אַלע זייטן האָט מען גע־טראָגן וועש. כאָטש נעם און עפן אַ געשעפט פון פאַרטיקע העמדער. דער־ווייל בעט מען זיצן, דערוויל שטייט שוין אויפן טיש קאָכעדיקע מילך און זעמל און קעז. עס האָט נאָך געפעלט דער אָרקעסטער פון „מכבי".

איך בין דאַנקבאַר געווען אין האַרצן, אָפּגערוט זיך, ארומגעקוקט זיך, אין דעם גייט צו צו מיר אַ נידעריקער ייד מיט אַ גוטן פּנים, מיט ברייטע פּלייצעס. ער שטרעקט אויס צו מיר די האַנט:

— מיין נאָמען איז פישביין, אייער נאָמען ווייס איך... קומט מיט מיר, צו מיר.

איך קוק אים אָן און באַווייז נאָך גאָרנישט צו פרעגן. ער רעדט ווייטער:

— איך וויל אייך נעמען צו זיך, איך האָב פיר צימערן, עס וועט אייך גאָרנישט פעלן. קומט!

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט אין „טאָז". איך בין אַוועק מיט פישביינען.

אויף דער גאַס זענען געשטאַנען מחנות מענטשן. פונקט ווי אין לוקאָוו, ווי אין בריסק, ווי אין לובלין, כאָטש דאָ איז מען געווען אביסל רואיקער ווי דאָרטן. אויטאָמאָבילן זענען געווען ווייניקער, ווייל די שיינע, די גלאַנציקע לימוזינעס האָט מען אין פילע פאַלן רעקווויזירט און אין פילע פאַלן האָט מען עס געלאָזן אויף הפקר, אויף די שאָסייען. קיין בענזין נישט געווען.

פישביין פירט מיך צו זיינע פיר צימערן און דערווייל רעדט ער:

— איר וועט זיין ביי מיר, עס וועט אייך גאָרנישט פעלן, איך בין אייך א בעל־חוב. איך לייען אייך שוין אזוי פיל יאָרן, מיין מוטער לייענט אייך, מיין פרוי.

די אַלע קאָמפּלימענטן זענען מיר נישט געקראָכן אין קאָפּ. איך האָב געקוקט אויף דער גאַס, אויף די מענטשן. דאָ איז געווען וואַרשע, לאָדזש און ביאַליסטאָק. איך האָב זיך געגריסט מיט באַקאַנטע, נאָכגעקוקט זיי. וואָס פאַר א פּלענער האָבן זיי? צי בלייבן זיי אין ראָוונע, צי זיי לויפן ווייטער? וווּהין ווייטער? קיין לעמבערג? צו דער רומענישער גרענעץ אָדער קיין אָסטראָג, א שטעטל אזא, וואָס ליגט אויף דער סאָוויעטישער גרענעץ?

פישביין רעדט:

— ביי אונדז אין ראָוונע רעדט מען שטאַרק, אז דער דייטש וועט אהערצו נישט קומען. מען רעדט עס מיט זיכערקייט.

— פון וואַנען נעמט זיך עס די זיכערקייט?

— דאָ איז צו נאָענט צו דער סאָוויעטישער גרענעץ און די סאָוויעטן וועלן דערצו נישט דערלאָזן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז די ראָוונער יידן זענען גערעכט געווען, אָבער דערווייל נעמט מען לויפן און מען באַהאַלט זיך, ווייל עפּעס א קאַליע־געוואָרענע סירענע האָט גענומען יאָמערן און שרעקן דעם עולם. פישביין כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט און לויפט מיט מיר אַריין אין א

געוועלב, ביז עס בארואיקט זיך. פאר מיר איז דאָס שוין נישט געווען קיין נייעס. דאָס לויפן אָן אָטעם, דאָס באהאלטן זיך, האָט אָנגעהויבן ווערן א נאטירלעכע זאך... ווי אזוי קאָן דאָס גאָר אנדערש זיין?

ביי פישביינען אין שטוב האָט מען נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט מיר. אויסגעזען האָט עס דעמאָלט, אז אויף דער גאנצער וועלט איז פאראן איין פּליט און אלע דארפן זיך מיט אים פארנעמען. א יחסן... א פּליט... רחמנא ליצלן! איך האָב זיך געבאָדן און געוואשן, אויסגעפּוצט אין ציכטיקע, ליכטיקע וועש און פישביין דערלאנגט אויך אָן אויבערשטע העמד מיט א קראוואט, אָבער דאָס העמד איז נומער דריי און פּערציק און איך טראָג נומער אכט און דרייסיק. ווייס איך נישט, צי איך שווים אין דעם העמד אָדער דאָס העמד שווימט ארום מיר און אין דער אמתן בין איך אזוי ווייט אוועקגעשווומען פון מיין היים, פון די נאָענטסטע און טייערסטע, אלץ צעבראָכן, אלץ צעשטערט און וואָס וועט ווייטער זיין?

איצט זענען אוועק עטלעכע טעג אין א מאָדנעם לעבן. פון איין זייט גוטסקייט און איבערגעגעבנהייט פון פרעמדע מענטשן, עס האָט מיר גאָר־נישט געפעלט, אָבער פון דער צווייטער זייט, שרעק און שרעק. אין שטאָט האָבן זיך כסדר אריינגעשאָטן נייע מחנות פּליטים. זיי האָבן געבראכט די אמתע ידיעות וועגן דייטש. ווי אזוי ער גייט אריין אין די יידישע שטעטלעך און וואָס ער טוט מיט די יידן. יעדע עטלעכע שעה האָבן מיר געהאט אָן אלארם. מען איז געלאָפן אין א נעבעכדיקן מקלט און געווען איז מען אליין נעבעכדיק און אומבאהאָלפן. איינער א שכן דאָרט האָט זיך געחכמעט:

— מען דארף הרגענען די צייט, איידער מען ווערט אליין דערהרגעט.

האָט מען געהרגעט די צייט מיט קאָרטן, מיט רעמי. דאָס איז געווען א רעטונג. בטלנים פון דער גאנצער וועלט! אויב איר האָט פיינט קאָרטן, טאָ צוליב וואָס לעבט איר אויף דער וועלט? איר ווייסט דען, וואָס עס הייסט א „זשאָקער"? א „זשאָקער"... עס איז א מלחמה אויף דער ערד, מען הרגעט אויף דער ערד מיט ביקסן, מיט קוילן־ווארפערס, מיט טאנקן און הארמאטן. מען הרגעט פון דער הויך מיט באָמבעס, דער שונא איז פון אונדזער שטאָט א הונדערט, צי הונדערט און פופציק קילאָמעטער. אָך און וויי צו אונדז, אויב ער וועט דאָ אריינקומען...

און מיר? מיר שפּילן אין רעמי. מען וואַרט נישט אויפן שונא, מען

וואָרט אויפֿן „זשאַקער" מיט אַלע נערוון, מיט אַלע חושים און ווען דער „זשאַקער" קומט, ווערט אַזוי גוט אויף דער נשמה. אמת, עס איז שוין נישט קיין גאַנצע נשמה, דאָס איז אַ פּאַפּירענע קאַרטאָן־נשמה, אָבער דאָך אַ נשמה און אויב זי האָט נאָך, די נשמה, אַביסל נחת, טאָ זאָלן געבענטשט זיין די קאַרטאָן. אָן אַלאַרם. מען מוז לויפֿן אין מקלט, לויפֿט מען, נאָר יעדערער נעמט מיט זיינע קאַרטאָן אין קעשענע און ווי דער אַלאַרם ענדיקט זיך, לויפֿט מען און מען זיצט שוין ביים טיש און מען פֿרעגט ערנסט:

— ווער גייט? ווער שפּילט?

קומט אַריין אַ שכן און ער דערציילט אויפֿן קול:

— די דייטשן זענען שוין ביי קאָוועל, לוצק איז אין סכנה...

מען הערט אים און מען הערט אים נישט, נאָר מען פֿרעגט ווידער מיטן זעלבן ערנסט:

— נו, ווער גייט? ווער שפּילט?

אַלץ איינס, מען קאָן דען העלפֿן? פֿלאַם און פֿייער גייען אויף אונדז. אין מיטן נאַכט וועקט די סירענע, באַגינען די סירענע, און דאָ האָט אָנגעהויבן אויסצופּעלן עסן. האָט מען דעמאָלט געערדט, אַז אין ראָוונע זענען אַריין פּערציק טויזנט פּליטים. אַזאַ עולם קאָן אַלץ אויפֿעסן. וואָס אַ שעה איז אַלץ שווערער געוואָרן... אָבער פֿישביין איז אַ רייכער וואַלד־סוחר. ער באַקומט נאָך אַלץ מילך און פֿלייש, צוקער און מעל. איך האָב געמוזט עסן, וואָס מען האָט דערלאַנגט. אַ גאַסט בין איך און אַ גאַסט טאָר זיך נישט אָפּזאָגן.

איך האָב געהאַט גליק. הונדערטער מענטשן האָבן געגעבטיקט אויף דער גאַס און איך האָב אַ גרויסן צימער. טויזנטער זוכן ווו אָפּצועסן און איך האָב דאָס בעסטע... ווי איז מיר מיט מיין גליק! איך האָב ערשט דערפֿילט, ווי לוקאָוו און לובלין האָבן אַ תּל געמאַכט פֿון מיין האַרץ. געוועזן טעג, ווען איך האָב נישט געקאָנט שטיין אויף מיינע פֿיס און פֿישביין וויל ברענגען דאָקטוירים. איך האָב נישט דערלאָזן דערצו. אין אַזעלכע טעג טאָר מען נישט קרענקען און אַז מען ברענגט דאָקטוירים, מוז מען שוין קרענקען...

דער דייטש איז אַלץ נענטער. און די ראָוונער יידן זענען איינגעשפּאַרט:

— דאָ וועט ער נישט קומען, דער דייטש, די סאָוויעטן וועלן נישט דערלאָזן...

— פון וואנען ווייסט איר דאָס?

— וועסט שוין זען.

געזעגן האָב איך נאָך דערוויל גאָרנישט, נאָר די הייזעריקע סיגנאַלן האָב איך דערוויל יאָ דערהערט.

די סירענע שרייט שוין ווידער איר צערייצטן קעצישן געשריי. אין אלע צימערן ווערט א טומל. עס איז נאָך פרי, נישט אלע האָבן זיך שוין באוויזן אָנצוטון. אין איילעניש כאפט מען ארויף אויף זיך א בגד און מען לויפט, מען לויפט פון צווייטן שטאָק אונטן אין קעלער אריין, דאָרט וועט מען געפינען שוץ פון דער סכנה. די סירענע שרייט און א שטעכע־דיקן גערויש פון עראָפּלאנען הערט מען אויך. עס הייבט זיך אָן א טאָג פון מורא, א טאָג פון אומזין.

איך בין די נאכט נישט געשלאָפן, און ווען עס איז ליכטיק געוואָרן, האָב איך זיך אוועקגעזעצט ביים טיש לייגן א פּאסיאַנס. איצט וויל איך דעם פּאסיאנס נישט איבעררייסן, איך וויל נישט לויפן. איך האָב שוין געגנוג דעם קעלער. קנאפּ מיר נאָך מיין אייגענע שרעק, דאַרף איך נאָך קוקן אויף צענדליקער אנדערע מענטשן און איבערלעבן ביז ווייטיק זייער שרעק, ציטערן פאר זיך און ציטערן פאר זיי. נאָר ווען איך דערזע, אז איך בין איינער אליין פארבליבן, אז אלע זענען שוין אונטן, דעמאָלט קומט אויך די שרעק צו מיר... די סירענע שרייט. זי שרייט... איך לויף פון די טרעפּ, פון צווייטן שטאָק — צי וועל איך דערלויפן אָדער „דער סוף" וועט מיך כאפּן אין מיטן וועג? דער שוץ־קעלער זעט מיר טאקע אוים ווי א רעטונג, כאָטש אין דער אמתן איז ער א שוץ, כל זמן א באָמבע וועט נישט דערלאנגען אין אונדזער הויז. אָבער איך לויף זיך אהין רא־טעווען, און אָט רוק איך זיך שוין אריין דורך א שמאָל טירל אין סאמע קעלער. א געדיכטע לופט, א געמיש פון ערד־פייכקייט מיט מענטשלעכן אָטעם דערלאנגט א שטויס צוריק, אָבער איך לאָז זיך נישט צוריקשטויסן, איך לויף זיך דאָך ראטעווען, און דאָ גילטן נישט קיינע קאפּריזן, גוטע לופט אָדער שלעכטע לופט... אין קעלער אריין.

דער קעלער האָט עטלעכע אָפּטיילונגען, שווארצע, נידעריקע קאָטא־

קאַמבעס, ביים אריינגאַנג ברענט אַ לעמפּל און ווייטער איז אַלץ פינסטער, אָבער איך האָב שוין דערזען אַ סך קעפּ מיט אויגן, טיפער זענען זיי געוואָרן, די אויגן, ביי די מענטשן. גליענדער, פול מיט ליידן. דער גאַנצער פּיין פון דער נשמה איז אין די אויגן אריין. זיי שטייען דאָ און וואַרטן־איבער די סכנה, זיי הערן זיך צו צו יעדן קלאַנג פון דער גאַס. ביסלעכ־ווייז געוווין איך זיך צו צו דער האַלב־פינסטערניש, צו די שאָטנס. איך קוק אויף די שאָטנס, איך זע פּראָפילן פון מענער און פרויען, שפּיציקע פאַרשאַרפטע נעז, געבראָכענע איבערגעשראָקענע בליקן. דאָ אַ מוטער מיט אַ קינד אויף דער האַנט, דאָרט אַ מוטער מיט צוויי קינדער, די פּנימלעך פון די קינדער זעט מען נישט, בלויז די סילועטן. די קעפּלעך זענען צו־געטוליעט צו דער מוטער.

איך זע מענטשן, די ערשטע, וואָס שטייען נעענטער ביי די טירן. ווייטער אין דער טיף זענען זיי אָנגעפּאַקט ווי די שעפּסן אַ סך, יעדער איינער פון זיי האָט דאָ געבראַכט זיין האַרץ־קלאַפּעניש. — אוי, גאָט!

— גאָט! גאָט! — ענטפערט אַ צווייטער מיט אַ זיפץ און שטיל ווערט. שטיל ווערט דערפאַר, ווייל ערגעץ־וווּ האָט דערלאַנגט אַ שרעק־לעכער זעץ, עפּעס האָט אויפגעריסן, עפּעס איז חרוב געוואָרן. „עפּעס”, „ערגעץ”, אויף גענוי ווייסט מען גאָרנישט. מען ווייסט נישט, וואָס עס וועט זיין אין אַ מינוט שפּעטער. מענטשן זענען ווי פאַרגליווערט. בלויז געציילטע רייסן זיך אָפּ פון זייערע פּלעצער, אַנדערע ווילן זיין נעענטער צו דער טיר און אַנדערע פאַררוקן זיך טיפער אין קעלער, זיי טוליען זיך צו צו דער דיקער וואַנט. זיי טראַכטן, אַז אַזוי וועט מען זיכערער זיין. היינט געדויערט דער אָנפאַל פון די אַעראָפּלאַנען לענגער ווי אַלע מאָל. יעדער קלאַפּ צעטרייסלט די מענטשן, אָבער יעדעס מאָל, ווען די עטלעכע מינוטן פאַרגייען און מען זעט, אַז פון קלאַפּ איז מען גאַנץ געבליבן, ווערט מען אויך צו די אויפרייסונגען צוגעוווינט און גראָד אין אַזאַ רואיקע מינוט דערהערט זיך אַ געשריי. איינע האָט באַקומען ספּאַזמעס. מען כאַפּט אַרויס טאַשן־לעמפּלעך, מען באַלויכט... און די פרוי שרייט, עס שרייט זיך ביי איר אַליין. דער קעלער איז ענג און צו נידעריק פאַר אַזעלכע קראַמף־געשרייען. ווער ווייסט, ווי לאַנג די פרוי וואָלט אַזוי געשריען, נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ נייער דונער פון דער גאַס, גאָר נאָענט,

כמעט איבער אונדזערע קעפּ און דער קנאַק האָט איבערגעריסן די ספּאַז־מעס פון דער פרוי...

שפּעטער האָט זיך צעוויינט אַ קינד, אַ ברעקל, אין וויקל־שנורן, און די מוטער האָט עס געמוזט געבן צו זויגן, דאָ אויפן אָרט, אַנדערש וואָלט עס נישט אויפגעהערט צו שרייען.

פון צייט צו צייט צינדט ווער אָן זיין עלעקטריש טאַשן־לעמפּל און איך נוץ אוים די געלעגנהייט. איך זוך נייע פּנימער. אָט דער איז אַ וואַר־שעווער באַלעבאָס, ער האָט דאָרט אַ סך הייזער מיט גאָר אַ סך שכנים, נישט קיין ווייכער באַלעבאָס געווען. די שכנים האָבן געהאַט פון אים געבראָכענע צרות. איצט איז ער פאַרטריבן געוואָרן דאָ אין ראָוונע און ער געפינט זיך אויך אין שוץ־קעלער. עס וואָלט געווען רעכט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט אים וועגן אייגנטום, וועגן קאַרגשאַפט, וועגן בייזקייט און אומזעטיקייט... אָבער ווער האָט כוח איצט דערצו? איך וואַקל זיך אויף מיינע פיס, איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, איך דערקען דאָ אין קעלער אַ סך פון די וואַרשעווער און לאָדזשער. פאַראַן באַשיידענע צווישן זיי און פאַראַן אַזעלכע, וואָס די וועלט איז זיי ענג געווען — איצט איז שוין אַלעמען גוט... און דאָ אין קעלער, דאָ אין דעם חושך, דאָ, וווּ געפאַר לויערט איבערן קאָפּ...

איצט שילט מען די טעג און די שעהן פון אַזאַ גיהנום־לעבן. אָבער עס איז דאָך פריער בעסער געווען. וווּ געוואָלט — דאָרט געגאַנגען און געפאָרן, גאָסן פריי, באַנען פריי, און איבער די קעפּ איז געהאַנגען אַ רואי־קער הימל... פאַרוואָס האָט מען דעמאָלט נישט געבענטשט די טעג און די שעהן? איך טראַכט וועגן זיך און איך טראַכט וועגן אַנדערע. איך וויל זיך דעם קאָפּ פאַרנעמען מיט פראַגן און רעטענישן פון אונדזער דאָ־זיין. און אַליין בין איך צעבראָכן און נעבעכדיק...

אין שוץ־קעלער! איינער פון אונדזערע שכנים, אַן אינזשעניער, האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז דער גאַנצער שוץ־קעלער איז גאָר דעם נאָמען זיינעם נישט ווערט, אַז ווען אַ באָמבע דערלאַנגט אין אונדזער הויז, איז פון קעלער אַ קבר און פונדעסטוועגן לויפן מיר אַלע אַהערצו. גיכער באַ־האַלטן מיר דאָ אונדזער שרעק, איידער אונדזער גוף. מען וויל נישט קוקן אויף דער בלויקייט פון הימל, דערפאַר לויפט מען אין קעלער. ווייל

דער הימל איז קאַלטבלוטיק צו אונדזערע צרות. מען לויפט צו דער פינס־טערניש, ווייל די נאַכט קוקט זיך צו ווי אַ קאַלטער אַכזר אויף די יסורים פון מענטשן. פינסטער, בלויז אַביסעלע ליכט פאַלט אויף די קאָנטורן פון די צונויפגעדריקטע פּלייצעס. צוזאַמען זעט עס אויס ווי אָפּשטאַרבונג, ערב־פאַרגליווערונג, אונטערגאַנג פון דערשטיקעניש, אָבער פּלוצלינג קומט אָן אָנזאָג:

— מען קאָן שוין אַרויסגיין...

די ערב־פאַרגליווערטע צונויפגעדריקטע מאַסע פון מענטשן־קערפּער דערלאַנגט אַ לעבעדיקן ציטער. די האַלבע מתים ווערן לעבעדיק און מען רייסט זיך צום אַרויסגאַנג.

מען קאָן שוין אַרויסגיין, אויף ווי לאַנג? אין אַ האַלבע שעה שפּע־טער וועט דאָך די סירענע ווידער רעוועןן און מען וועט ווידער לויפן אין קעלער. אָבער די האַלבע שעה איז טייער. די מענטשן טראָגן אַרויס פון קעלער זייערע פאַרמאַטערטע גופים. נאָך דעם פייכטן שימל כאַפּט מען פריִע, פרישע לופט. מען כאַפּט ליכט. אָט איז זי, די וועלט. אַרום הייזער, גערטנער מיט הערבסט־בלומען. הימל און ווייטקייט. אַ רגעלע אַ קוק טון אויף דעם, אַ רגעלע לעבן, אַ רגעלע אָטעמען. איצט איז אַלץ פאַר דער רגע. די יונגע פרויען פאַרשאַרן די האָר. די מענער גלייכן אויס דעם בגד. דאָ אַ שפּיגעלע, דאָרטן — פּודער. מען גייט, מען גייט פון קעלער. דאָס זעט אויס, ווי אַן אויפוואַכונג, ווי אַ דערלייזונג...

איך באַטראַכט די אַלע, וואָס גייען אַרויס פון קעלער. איצט איז נאָך ליכטיק, מען קאָן דאָס זען די אַלע, מיט וועלכע מען האָט זיך צוזאַמען געראַטעוועט. אָט איז אַן אַלטיטשקע. אַ קערפּערל אַ קינדישער און דער קאָפּ ווייס. זי האָט אויך געוואָלט ראַטעווען דאָס רעשטל פון לעבן. זי האָט אַ פרום פּנים מיט אַ סך קנייטשן, אָבער פון דעם קנייטשן־קנויל קוקן אַרויס אַ פּאָר ליכטיקע אייגעלעך מיט דער גאַנצער מונטערקייט צום לעבן, איך בין איר מקנא די זשוואַווע טריט אירע, זי טראָגט זייער לייכט די אַלטקייט אויף אירע שמאָלע פּלייצקעס. נאָך איר גייט אַ ייִד איינגע־וויקלט אין אַ טלית, אין מיטן דאַווגען איז געקומען דער אַלאַרם, איז ער אַזוי מיטן טלית אין קעלער אַראָפּ. אַ גאַנצע מחנה שיט זיך אַרויס פון

קעלער. אַלטע און יונגע, אַלע זשמורען די אויגן אויף דער גאָלדענער זון, וועלכע קאַרגט נישט קיין ליכט.

איינער גייט אַרויס פון קעלער מיט אַ גרויסן טשעמאָדאַן. ביי יעדן אַלאַרם קומט ער מיטן טשעמאָדאַן זיך באַהאַלטן און עס נייגערט די מענטשן: וואָס פאַר אַ מאַיאָנטעק האָט ער דאָרט? דער עולם גייט אַרויס פון אונטער דער ערד און ווערט אויס. מען זעט שוין קיינעם נישט. רואיק אַרום, ווי אין וועלט אַנהייב. איך שטיי אויפן הויף, שפּעטער זעץ איך זיך אַוועק אויף אַ קלאָץ. איך פיל, אַז פון די אַלע צרות האָב איך מיין ווילן פאַרלוירן. עס איז מיר אַלץ איינס, אויבן אין די צימערן, אָדער אונטן אין דעם קעלער. איצט איז וואַרעמער הערבסט. די בעסטע צייט פאַר דער פאַרגיפּטיקער מעלאַנכאָליע און דאָ דאַרף מען זיך אַזוי פיל קליגן און אַזוי פיל קעמפן, כדי איינצוהאַלטן דאָס ביסעלע לעבן. איך בין נישט צום קאַמף, איך וואָלט וועלן אַוועקגיין פון אַלץ און פון אַלעמען און מקנא בין איך דעם קליינעם, גרויען שפּערלינג, וועלכער שפּרינגט נעבן מיר אויפן גראָז. אַך! ווען ער באָרגט מיר אויס זיין קאַליבריי־וווּקס מיט זיינע גרויע פליגעלעך, וואָלט איך געפלויגן אַזוי, געפלויגן... אַריבער איין גרענעץ, דעם צווייטן גרענעץ...

חלומות...

און פון די חלומות וועקט מיך אויף די סירענע, זי שרייט שוין ווידער, אַלאַרם! דער טויט פליט צו אונדז אויף זיינע שטאָלענע פליגלען און פון אַלע נאָענטע הויפן, פון אַלע טרעפּ לויפן מענטשן אין שוץ־קעלער. פרויען מיט קינדער, מיט די פּיצעלעך קינדער, די אַלטיטשקע מיט די יונגע אויגן, דער ייד מיטן טשעמאָדאַן — אַלע, אַלע לויפן זיי זיך באַהאַלטן, איך בלייב זיצן אויפן קלאָץ. איך בין מיד, די גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. איך בין צעבראָכן פון שרעק און פאַרפאָלגונג. איך וויל שוין גאָרנישט פון לעבן. איך וויל בלויז זיצן אויף דעם פּלאַץ און זיך וואַרעמען אויף דער זון. און אויב עס פליען אַעראָפּלאַנען און עס גייט אויף מיר און אַנדערע דער טויט — טאָ זאָל ער...

די וועלט פאַרגעסט זיך. אפילו אַזאַ שרעקלעכע וועלט. דאָס איז אַ טייערע מינוט פון רעזיגנאַציע און גלייכגילטיקייט. איצט וואָלט עס גוט געווען, ווען דער טויט וואָלט מיט מיר זיינס אָפּגעטון...

אָבער די מענטשן האָבן דאָך גוטע הערצער. צוויי פון זיי, צוויי געזונטע מענער לויפן צו צו מיר. זיי דערלאַנגען מיך א הייב אויף פון מיין פּלאַץ און מען פירט מיך אין קעלער אריין. עפּעס רעדן זיי פון סכנה און איך ווייס, אז עס איז נישטאָ קיין סכנה, ווען א מענטש איז רעזיגנירט.

איך שטיי ווי א שאָטן צווישן שאָטנס. איך זע צעשראָקענע פּנימער, האַלבע פּנימער, פּראָפילן, איך פיל די אָנגעשראָקנקייט פון דער עדה און דאָס וועקט מיך צום באַוואוסטזיין. דאָס וועקט מיך צו אייגענע שרעק און פון שרעק קומט פאַרלאַנג זיך צו ראַטעווען פון שוידער. איך ווער ווידער פול מיט אומרואיקייט, דאָס לעבן נעמט מיך אין זיינע הענט און שלעפּט צו זיך, לאָזט נישט אָפּ... איך האָב פאַר ביידע זאַכן נישט קיין כוח, נישט פאַר רעזיגנאַציע און נישט פאַרן לעבן...

און אויף דער גאַס קנאַקט די צעשטערונג אמאָל ווייטלעך און אמאָל גאָר נאָענט, אין קעלער זיפצט מען, אין קעלער ספּאַזמירט שוין ווידער א פרוי...

אָט אזעלכע צערייצטע טעג און נעכט.

איך האָב זיך אין ראָוונע געפּלאָנטערט צווישן טויזנטער פּליטים, געלאָפן צו זיי און אנטלאָפן פון זיי. אריין אין די מחנות, ווי א פאַליע צווישן פאַליעס. אָנגעזאַפּט זיך מיט ביטערע קלאַנגען און באַלד אָפּגע־שוווּמען אין מיין איינזאַמקייט. א שעה איז א טאָג און א טאָג איז אַן אייביקייט. מיינע צרות און זייערע צרות, אַלע רגעס זענען פאַרסמטע... וואָס וועט זיין מיט אונדז? די מלחמה דערנענטערט זיך, פון די ארומיקע שטעטלעך איז מען געלאָפן קיין ראָוונע, פון ראָוונע — צו דער רוסישער גרענעץ, וואָס איז אינגאַנצן זעכציק קילאָמעטער פון דאַנען. אָסטראָג איז א יידיש שטעטל פון דריי, אָדער פיר טויזנט איינוווינער. איצט האָט מען דערציילט, אז אין אָסטראָג געפינען זיך זעכציק טויזנט פּליטים. אויף די גאַסן אין ראָוונע איז א משוגענע באַוועגונג. שרעק און דערוואַרטונג. שרעק און פּלענער. מענטשן האָבן זיך געשושקעט. מען האָט געקויפט בשותפות עפּעס א צעבראָכענעם אויטאָמאָביל, געכאַפּט ערגעץ אביסל בענזין און געלאָפן צו דער אונגארישער, צו דער רומענישער גרענעץ. אָט אזוי האָט מען כסדר געזען, ווי פון שטאָט לויפן ארויס אויטאָמאָבילן. די פאַרבליבענע האָבן מקנא געווען: געמיינט, אז יענע האָבן זיך שוין

גערײַטעװועט. װידער איז די לופֿט געפּרעסט געװאָרן, װי עפּעס א געדיכ־טער סם און דער סם איז געקראָכן צו דיר פֿון יעדער גערײַנק, פֿון יעדן אָנבליק. איין פּישביין איז געװען צו מיר גוט, װי עס קאָן נאָר גוט זיין, פֿלעגט דערלאַנגען צום טיש אַלץ, װאָס האָט זיך נאָר געלאָזן דערלאַנגען. ביינאַכט פֿלעגט ער צוגיין צו מיין געלעגער און מיך בעסער איינדעקן, אָבער גערעדט האָט ער װייניקער. זיין פֿרוי האָט אויך כמעט װי נישט גערעדט, די שכנים — אויך נישט. אַלעמען האָט געשטיקט די סכנה. פֿלעג איך װידער ארויסלויפֿן אויף דער גאַס. קוקן און האָרכן. אפשר װעט געשען עפּעס א נס. איך האָב געקוקט אויף דער מענטשן־מאַסע, װאָס האָט זיך געשטופּט אהין און צוריק, איינער איבערן צװייטן הייבט אויף דעם קאָפּ און גלאָצט מיט די אויגן תמעװאַטע אין דער װייטקייט. כאָטש אַלע װייסן, אז דאָרט איז קיין האָפֿענונג נישטאָ. װי שעפּסן צונויפֿגעדריקטע האָבן אַלע אויסגעזען. מער װי רחמנות האָבן זיי נישט ארויסגערופֿן. אַלע צוזאַמען: ארבעטער, אָנגעשטעלטע, מיליאָנערן און יחסנים. װאָס איז גע־װאָרן מיט זייער יחוס? אָט איז פֿירסטענבערג פֿון בענדין, רייך געװען, מעכטיק געװען. אָט איז זאַגאַיסקי פֿון קעלץ, לעקעך פֿון לאָדזש, א שװאָ־גער און א שותּף צו עטינגאָנען. װי זעען זיי דאָס אויס, די פֿאָרשטייער פֿון גרויסע פֿירמעס? אַלץ איז אַנולירט געװאָרן, אויסגעלאַכט געװאָרן אין דער שעפּסן־סטאַדע, אויף די גאַסן פֿון א גרויסער, פּראָװינציאַנעלער שטאָט. די ערראָפּלאַנען פֿאַריאָגן כסדר אין שעלטער אריין, די בייזע דער־װאַרטונג ליידיקט אויס די נשמה פֿון לעצטן פּיצל האָפֿענונג. הײַנט־מאָרגן. מיר זענען פֿאַרלוירן.

אין דער פֿרי, אַכט אַזייגער, זענען מיר אַלע אין שעלטער. דאָ רעדט מען שוין גאָרנישט. מען שװייגט שוין מיט רעזיגנאַציע. מען שװייגט... אַזאַ שװייגן איז ערגער װי דאָס שרעקלעכסטע שרייען. יעדער איינער האָט שוין גוט געמאַכט דעם חשבון: נאָך א מעת־לעת, אָדער עפּעס מער, אָדער װייניקער, װעט אריינקומען דער דייטש און ער װעט מאַכן דאָס, װאָס אים װעט זיך װעלן מאַכן...

אין אַזאַ רגע לויפֿט אריין אין שעלטער די דינסט פֿון אונדזער פּיש־ביין. ביז איצט איז זי געװען אויבן אין קיך, זי האָט נישט געהאַלטן פֿון קיין שעלטער. איצט איז זי אריינגעלאָפֿן פֿאַרסאָפּעט און אָנגעהויבן דער־

צײַלן. דער ראַדיאָ איז דאָך אָפֿן די גאַנצע צײַט. האָט זי געהערט, ווי מאָסקווע האָט גערעדט, אַז די סאָוויעטן־מאַכט האָט באַשלאָסן צו פֿאַר־נעמען די מזרח־געביטן. הײַנט וועלן דאָ שוין זײַן די רוסן. אויף זיכער, אויף זיכער. זי האָט אַליין געהערט. אויגן און אויערן האָט מען אָנגע־שטעלט, מען האָט נאָך אָבער נישט געגלויבט. שפּעטער אביסל האָט זיך אין שעלטער אַרײַנגעכאַפּט אַ פּוילישער אָפֿיציר און ער האָט אויך דער־ציילט דאָס זעלבע. דערווײַל האָט זיך געענדיקט דער אַלאַרם. מען איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שעלטער, געלאָפֿן צו דער הויפּט־גאַס. איינער ביים צווייטן האָט געפֿרעגט:

— ס'איז אמת, די רוסן קומען?

— ווײַזט אויס, אַז עס איז אמת, דער ראַדיאָ פֿון מאָסקווע האָט אָנגעזאָגט!

מען האָט אָנגעהויבן מער צו רעדן, אַנדערע האָבן געשמייכלט, מען האָט שוין איצט אָפּגעגעסן מיט אַ בעסערן אַפּעטיט. אָבער איין פֿישביין, אַ ייִד אַ רייכער און אַ ייִד, וואָס קאָן חשבונען, איז געזעסן ביים טיש אַ שווײַגנדיקער. שפּעטער האָט ער דאָס שווײַגן איבערגעריסן און זיך גע־ווענדט צו מיר:

— ווי רעכנט איר?

— איך רעכן גאָרנישט, מען וועט זען.

דערווײַל איז נאָך די לאַגע נישט קלאָר געווען. די אַלאַרמס האָבן נישט אויפֿגעהערט. יעדע פֿופֿצן מינוט זענען געפֿלויגן די דײַטשע אַעראָ־פּלאַנען. ביים וואָקזאַל און נאָך אין עטלעכע דערווײַטערטע ערטער האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפֿן באָמבעס. ערשט איינס אַזייגער האָט עס אויפֿגעהערט. מען האָט געלאָזט דעם ריינעם הימל זײַן ריין, מען האָט געלאָזט די שטיל־קייט זאָל שווײַגן. דער ראַדיאָ האָט שוין איצט נאָך אַמאָל באַשטעטיקט: די רוסן קומען. אויף די גאַסן — די גאַנצע שטאָט מיט אַלע פּליטים. אַ ים מיט מענטשן זענען דאָס געווען. באַרואיקטע און נישט באַרואיקטע, אָבער נײַגעריקע ביז גאָר. אַלע האָבן זיך געפֿרעגט: צוליב וואָס קומען די רוסן? צי קומען זיי העלפֿן די פּאָליאַקן אָדער קעגן די פּאָליאַקן? קלאַנגען האָבן זיך געוועבט. ליגנס, השערות, פֿאַנטאַזיעס. אין דער אמתן האָט עס אויסגעזען, ווי אַן ערב־יום־טובדיקייט. פֿון נעכטן ביז הײַנט איז אַנדערש

געוואָרן, פון אין דער פרי ביז איצטער האָט זיך די וועלט געביטן: דער דייטש וועט אהערצו נישט אריינקומען, דאָס איז געווען דער עיקר. מיט דעם איז מען געגאנגען מונטערער אויף דער גאַס און מען האָט כסדר געפרעגט:

— ווען, ווען וועלן זיי שוין קומען?

איך האָב געשוויגן און געוואַרט. איך האָב געהאַט אין דער הינזיכט מיין אייגענעם חשבון. איך האָב עס אָבער געלאָזן אויף שפּעטער. די וועלט דרייט זיך איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, און זאָל זי זיך איבערדרייען. איך וועל עס שפּעטער באַטראַכטן...

דריי אַזייגער בייטאָג. פּונקט דריי אַזייגער האָבן זיך אין שטאָט אַריינגעגליטשט די ערשטע סאָוויעטישע טאַנקען. איינס נאָכן אַנדערן. אויף יעדן טאַנק אַ רויט פענדל און זעלנער באַוואָפנטע מיט די ביקסן גרייט. דערנאָך פוס־גייער, דערנאָך אַרטילעריע, קאַוואַלעריע. שעה נאָך שעה, שעה נאָך שעה, דער שטראָם איז געגאַנגען. אַנדערע פון עולם האָבן געשריגן „אורא", אַנדערע האָבן געשוויגן. מען האָט געקוקט מיט דער טיפסטער נייגעריקייט אויף די דאָזיקע מחנות. צענדליקער יאָרן איז אַ גרענעץ געווען פאַרמאַכט. פאַר די דאָזיקע יאָרן איז דאָרט אַן אַנדער לעבן געגאַנגען, אַן אַנדער אָרדענונג איז דאָרט איינגעפלאַנצט געוואָרן. איצט איז די גרענעץ אויפגעפּראַלט געוואָרן, און איצט שטראָמט די נייע וועלט אויף די אַלטע גאַסן פון ראַוונע. די זעלנער, די פּנימער... עכטע סלאַווישע טיפּן און טאָטערישע פּנימער, קאַלמיקן, מאָנגאָלן, יידן. אַלע אין איין מין זעלנער־אוניפאָרם. ערנסטע, שווייגנדיקע, נישקשה אָנגעטון, מען זעט דיסציפּלין. מען זעט גרויסע, גאָר גרויסע טאַנקען און ריזיקע האַרמאַטן. דער שטראָם איז בלויז דורכגעגאַנגען ראַוונע. אָפּגעשטעלט אין שטאָט האָבן זיך בלויז קליינע אָפּטיילונגען. מען האָט זיי גוט אויפגענומען, וואַרעם, הייס, ענטוזיאַסטיש. אייגנטלעך האָט דאָך קיינער נישט געוווּסט, צוליב וואָס זיי זענען אַהערצו געקומען. מען האָט עס אויף אַזוי פיל נישט געוווּסט, אַז אַפילו די פאַרשטייער פון פּוילישן שטאָט־ראַט זענען זיי אַרויס באַגעגענען אויפן שאָסיי מיט רעדעס, מיט באַגריסונגען און בלומען. מען האָט גערעכנט, אַז זיי זענען געקומען זיך פאַראייניקן מיט די פּאָליאַקן.

מען האָט געראָכנט און נישט גערעכנט. דער עיקר: דער דייטש וועט נישט אריין, דאָס איז געווען די אמתע שמחה...

פישביין האָט געשוויגן, זיין פרוי איז אָבער יאָ געווען פריילעך. איך געדענק, ווי זי איז צוגעלאָפן צום פענסטער און גענומען רייסן פון די שויבן דאָס שווארצע פּאַפּיר, דאָס פארפינסטער־פּאַפּיר. איצט באַדאַרף מען דאָס שוין נישט. אויף דער ערד האָבן זיך די שווארצע פּאַפּיר־בויגנס געוואַלגערט, אין צימער איז אריין מער ליכט, א סך ליכט. און וואָס איז אין מיין נשמה? איך האָב זיך דערמאָנט...

איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך בין א „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער“, אז די נייע מאַכט וועט אויף מיר קוקן קרום און אפשר א סך מער ווי קוקן קרום. איך האָב זיך דערמאָנט. איך האָב זיך דערמאָנט מיין לעבן אין מאָסקווע, מיין אוועקגיין פון מאָסקווע, מיין שרייבן, מיין טראַכטן. און וואָס זאָל איך דאָ מאַכן? איך בין געשטעמפּלט געוואָרן ווי א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, א פארקויפטער ביי דער בורזשואזיע. א שונא פון פאָלק און פון פּראָלעטאַריאַט. איך האָב שוין דעם טיטול געהערט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק: „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער!“ צום ערשטן האָב איך געמיינט, אז דאָס איז עפּעס א שפּאַס אויף מיין חשבון. איינער וועט דאָס זאָגן, א צווייטער וועט עס זאָגן, עס וועט זיי מיאוס ווערן. אָבער מיט דער צייט איז דאָס געוואָרן אן ערנסטער ענין, און אזוי ווי איך האָב זיך פיינט צו פארענטפערן, איז דאָס אזוי פארבליבן. יאָ, איך בין א גאָרנישט, א קליינבירגער, א פארברעכער... וואָס בין איך נישט? איך האָב זיך דער־מאָנט פארשידענע נאָטיצן און אַרטיקלען איבער מיין אָרימער פּערזאָן. איך האָב זיך א סך זאַכן דערמאָנט און פון די אַלע דערמאָנונגען האָב איך פארשטאַנען, אז גוט וועט מיר דאָ נישט זיין. איך האָב ביטער גע־שמייכלט צו זיך אליין. איך האָב זיך געוואָלט מיט וועמען עס איז צו־נויפרעדן, אויסרעדן אויף אן אמת דאָס האַרץ, עפּעס אויפקלערן און דערוויזן:

— הער זיך איין, חבר! איך בין א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער? ווען האָב איך אָרגאַניזירט קעגן דער רעוואָלוציע? וווּ האָב איך מיינע געווער־אַרסענאַלן? הער זיך איין! איך בין א שונא פון פאָלק? פון ארבעטער? ווען האָב איך פאָלק באַליידיקט? ווען האָב איך באַליידיקט ארבעטער?

איך האלט דאָך אויך, אז דער וואָס ארבעט נישט, איז גאָרנישט ווערט.
איך בין אין מיין גאנץ לעבן אן אומרואיקער מענטש, שטענדיק האָב איך געזוכט דאָס בעסערע, אפשר געהאט א טעות, אפשר נישט אלץ פאר־שטאנען? אָבער קיין פארקויפטע נשמה בין איך נישט. פון חדר בין איך געלאָפן, ווייל קיין לופט איז דאָרט נישט געווען. פון טאטע־מאמע געלאָפן, פון באלעבאָס געלאָפן, פון ווייב און געליבטע געלאָפן. שטענדיק געוואָלט זיין בעסער, ערלעכער און דערפאר טייער באצאָלט... מיט וואָס בין איך א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער?

איך האָב וועגן דעם געוואָלט רעדן, נאָר ס'איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן, ווייל א סך באקאנטע האָבן זיך פון מיר אָפּגעטרייסלט. איך בין דאָך א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. א סך, א סך האָבן זיך גענומען רויטלען, און איך האָב זיך נישט געקאָנט „אויסשווארצלען". א סך האָבן אָנגעטון גראָבע שטיוול מיט פּראָסטע היטלען. איך האָב געטראָגן מיין הוט און מיין קראוואט.

האָט מען מיר אן עצה געגעבן:

— ווארף אראָפּ דעם קאפעלוש!

אין א רגע פון שוואכקייט האָב איך געפאָלגט: איך האָב אראָפּגע־וואָרפן דעם קאפעלוש און אָנגעטון א בערעט. איז מען צו מיר צוגע־שטאנען:

— דו זעסט אויס אין דיין בערעט ווי א באָהעמע־מענטש, ווי א ליידיקגייער...

האָב איך אָנגעטון אזא מין ספּאָרט־היטל. טויג ווידער נישט:

— דו זעסט אויס, ווי א פּוילישער פּריץ.

האָב איך שוין געוואָלט שרייען:

— גיט מיר א פּנים פון א פארשיכורטן קיילער, וועל איך דעמאָלט אפשר קאָנען ארויסגיין אין גאס.

דעם אמת מוז מען זאָגן, אז די אמתע קאָמוניסטן האָבן דאָס גאָר־נישט פארלאנגט, אז עמעצער זאָל אויסטון זיין הוט. זיי האָבן די אלע מאסקאראדן נישט געפאָדערט פון קיינעם. דעם טומל האָבן געמאכט די נייַ־געבוירענע, די נאָכלויפערס. זיי פארסמען אלץ, זיי האָבן קיינעם נישט געלאָזן צורו, אויף יעדן געקוקט, צי ער איז געווען כשר, צי ער וועט

ווערן כשר? די שטאָט ראַוונע האָט זיך פון שעה צו שעה געענדערט. קודם כל איז שוין נישט געווען, וואָס צו עסן, עפּעס איז אַלץ איינגעזונקען געוואָרן. אַפילו ביי פישביינען אין שטוב האָט זיך אויפן טיש באַוויזן אַ גרויסער רעטעך. אַ רעטעך אַנשטאָט פליייש, אַ רעטעך אַנשטאָט ווייס ברויט, אַנשטאָט קעז און פּוטער. די אָרימקייט האָט זיך אַ נעם געטון צו די אומגליקלעכע. אַ סך פּוילישע נידעריקע באַאַמטע זענען פּשוט פאַר־בליבן אויף דער גאַס. צווישן זיי עטלעכע טויזנט באַן־באַאַמטע. איך האָב געזען פון מיין פענסטער, ווי זיי לייגן זיך אוים פאַרנאַכט אויף אַ לאָנקע. קיין אַנדער אָרט, וווּ צו שלאָפן האָבן זיי נישט געהאַט. און די לאָנקע איז נאַס געווען, עס זענען שוין געפאַלן הערבסט־רעגנס.

די גאַנצע שטאָט ראַוונע מיט אַלע טויזנטער פּליטים, אַלע און אַלע זענען געשטאַנען אין דער רייע. יעדער איינער האָט עפּעס געוואָלט קויפן, און די רייען האָבן זיך געצויגן ענדלאָז אויף דער לענג פון אַלע גאַסן. איך בין אויך געשטאַנען אין דער ריי. עס האָט אַנדערש נישט געפּאַסט. וואָס פאַר אַ מענטש איז מען, אַז מען שטייט נישט אין דער ריי?

אָט זע איך פּעסטענבערגן, ער שטייט אין דער ריי און וואַרט אויף אַ זעכציק גראָשענעם מיטאָג. ער און נאָך מיליאָנערן. יאָ מיליאָנען, נישט מיליאָנען — מען דאַרף עסן, דאָך וואָס איז מיר הונגער? איך האָב געהאַט וויכטיקערע זאָרגן. וואָס וועט זיין מיט מיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערישקייט? מען קוקט אויף מיר מיט פאַרדעכטיקע בליקן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זייער מורא געהאַט, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַזוי מורא געהאַט. איך וויל נישט גיין אין תפיסה, צי ערגעץ נאָך ווייטער. איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. נישט געגנבעט, נישט גע־שווינדלט. איך וויל נישט האָבן די חרפה פאַררעכנט צו ווערן אַלס שונא פון פאָלק. איך בין דאָס קיינמאָל נישט געווען. איך בין אַרומגעגאַנגען מיט פאַרביסענע ליפּן און די נעכט זענען געווען בלייערנע, שווערע, יעדער טריט האָט געשראָקן, יעדער אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן, איז מיר אין האַרצן אַריינגעפאָרן. איך בין נאָך אַלץ געווען ביי פישביינען. מען האָט נאָך אַלץ פאַר מיר געזאָרגט. אַפילו אַ גלאָז מילך פלעגט מען פאַר מיר באַקומען... איך ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס איז מיר געקומען. אַ מזל פון אַ מענטשן! איך בין זיי דאַנקבאַר געווען, נאָר דאָך האָב איך

געפילט, אז איך בין צו לאסט. די זאך איז באשטאנען אין דעם, וואָס פישביין איז א בורזשוי, א רייכער וואלד־סוחר און איך בין א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. צוזאמען איז דאָס אין איין שטוב א געפערלעכער עלע־מענט. איינער באדארף זיך אָפּטראָגן, און פארשטייט זיך, אז דער איינער באדארף איך זיין. אָבער, וווהין גייט מען? אין דאָוונע ליגט מען אויף די גאסן. זאָל איך גיין אויף דער גאס? איך האָב זיך געראנגלט אליין מיט זיך. כאָטש נעם און מאך א סוף צו אלץ. איך האָב זיך כסדר געוווּנדערט, פון וואנען די כוחות נעמען זיך. בעת איך בין ארויס פון ווארשע, האָב איך געפילט, אז לאנג וועט עס נישט דויערן, איך וועל פאלן. און איצט — מען האלט זיך... דאָס האָט מיך פשוט געמאכט נייגעריק. און לאָמיר ציען ווייטער. זאָל דאָס זיין אזא שפּיל מיטן לעבן דעם אכזר. זאָל עס!

איינמאָל בין איך געלעגן ביי פישביינען אויף דער קאנאַפּע און דער ראדיאָ האָט געגרילצט. איך האָב נישט ליב אָט דאָס דאָזיקע וווּנדער־קעסטל מיטן גרילץ, דעם דאָזיקן ליגנער מיט הונדערט פארשידענע מיי־לער, אָבער דאָס מאָל האָט עס מיר געבראכט א גוטע בשורה, ביז איצט די איינציקע טובה. דער ראדיאָ האָט דערציילט, אז ליטע באקומט ווילנע און אין גיכן זאָל עס טאקע געשען. עס האָט א קלאַפּ געטון אין מוח, אין הארץ. ליטע וועט באקומען ווילנע. ליטע איז דאָך א נייטראַל לאנד און פון דאָרט וועט מען אפשר קאָנען זיך ארויסכאַפּן אין דער וועלט אריין. די פאנטאזיע האָט זיך צעשפּילט. עפּעס האָט זיך צעזונגען און צעקלונגען אין דער נשמה:

ווילנע און פון ווילנע קיין קאָוונע און ווייטער, ווייטער פון דאנענט. איך האָב פארגעסן מיין מידקייט, מיין קראנק הארץ. איך האָב אויפגע־וואכט און געלאָפן אהין, אהער, געשטאנען אין דער ריי, געוואַרט אויף פּאַפּירלעך און דערנאָך זיך געשלעפּט לאנגע מעת־לעתן אין שמוציקע וואגאָנעס. סארני, בארענאָוויטש, לידע. איך בין געקומען אין ווילנע. דאָרט באגעגנט כמעט אלע חברים, מיט וועלכע מען איז צוזאמען ארויס פון ווארשע. אין ווילנע זענען געווען די רוסן, אין ווילנע איז קיין ברויט נישט געווען. שפּעטער האָבן די שטאָט פארנומען די ליטווינער... מען האָט זיך ווידער געשטעלט ווארטן אין דער ריי, געוואָלט א דערלויבעניש ארייצופאָרן קיין קאָוונע...

## VI

# אין קאָוונע

איינמאָל, זיבן אינדערפרי, בין איך געלאָפן צום וואקזאל. נאָוועמבער פון טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק איז שוין געגאנגען צו ענדע. דער ערשטער דינער שניי איז שוין געלעגן אויף די ווילנער גאסן, נאָר ווילנע האָט געשראָקן, איך וואָלט געזאָגט: ווילנע האָט ווי געטון, ווילנע האָט נאָכגעיאָגט מיט פחד. כאָטש די לעצטע טעג איז לייכטער געוואָרן מיט עסן, די ליטווינער האָבן באזאָרגט די שטאָט מיט מעל און פוטער, מיט פלייש און צוקער, אָבער ווילנע איז פארפלייצט געוואָרן מיט פליטים און יעדער פליט האָט געבראכט זיינע בלוטיקע דערציילונגען. שווארץ איז געווען אויף דער נשמה פון די אלע מעשיות. די נשמה האָט זיך נישט געריכט, אז א מענטש זאָל ארויסגעבן פון זיך אזעלכע קאלטע גזלנים. מיר האָבן געוווּסט פון טשינגיז־כאַן, נאָר דאָס האָט אונדז אויסגעזען לעגענדאריש ווייט...

איך בין איצט געלאָפן פון ווילנע, כאָטש איך האָב גוט פאַרגעפילט, אז גאנץ אייראָפּע וועט נישט אויסמיידן דעם גורל פון ווארשע. איך פאָר קיין קאָוונע. דער ווילנער וואקזאל האָט מיך איבערראשט מיט זיין ציכטיקייט און אָרדענונג. די ליטווינער האָבן אין עטלעכע טעג באוויזן וואנדער אין דער הינזיכט. אין די בופעט־זאלן האָט געלויכטן. ביי דער קאסע איז נישטאָ קיין געדראנג. איך האָב באוויזן מיין דערלויבעניש ארייינצופאָרן אין קאָוונע און באקומען א בילעט, אָבער איצט הייסט שוין „קאָוונע" — קאאונאס. זאָל זיין קאאונאס...

איך בין געזעסן אין א געראַמען וואגאָן און ארויסגעקוקט: קליינע רואיקע וואקזאלן, צוגעפוצטע מיט ליטווישע פאָנען. די פעלדער, די וועל־

דער, אַלץ האָט עפּעס אַנדערש אויסגעזען. אַנדערש, ווי די וועלט האָט זיך מיר באַוויזן פאַר די לעצטע דריי חדשים. פריידלעכקייט איז געלעגן אויף אַלץ. נו, און דער ערשטער שניי. דער שניי האָט פיל צוגעגעבן צו דער יום־טובדיקייט. שטיקער פעלדער זענען געווען צוגעדעקט מיט דער ווייסקייט און שטיקער פעלדער זענען געווען אָפּגעדעקט: די ווייסע ליי־לעכער האָבן נישט געקלעקט פאַר אַלע פעלדער.

די ביינער זענען אָפּגעגאַנגען פון באַקוועמען וואַגאָן. קאָפּ, האַרץ און נשמה האָבן זיך אויסגערוט פון דער אומדערוואַרטער שטילקייט. האָ!... ווו איז מלחמה מיט די צעשטערטע שטעט? ווו זענען די אַעראָפּלאַנען מיט דעם טויט־פּלאַטער איבער אונדזערע קעפּ? ווו זענען די מחנות צע־שראָקענע מענטשן? דאָס קרעכצן פון די אַלטע און דאָס געוויין פון די קינדער? ווו איז דאָס אַלץ? זע נאָר, אַזאַ קליין לענדל, אַ ליטע האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון גיהנום. און איך פאָר אין דער דאָזיקער ליטע. אין קאָפּ זענען געפלויגן פּלענער און פאַרלאַנגען. איך האָב צופיל געטראַכט וועגן זיך, אָבער באַלד זיך אָפּגעקילט. איין געדאַנק וועגן וואַרשע, איין געדאַנק וועגן לאָדזש און עס איז שוין נישטאָ קיין אידיליע...

דאָס וואָס מיינע אייגענע אויגן האָבן געזען פאַר די לעצטע דריי חדשים, דאָס איז נישט קיין פילם, וועלכן מען פאַרגעסט גלייך, ווי מען גייט אַרויס פון קינאָ־זאַל. דאָס וואָס איך האָב אַליין דורכגעלעבט, איז נישט קיין גלעט פון שיקזאַל, נאָר אַ שניט אין האַרצן, אַ שניט פון וועלכן עס בלייבט שוין איבער ווייניק. איך האָב איצט דערפילט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל אין לעבן זיך נישט קאָנען פרייען מיט אַלע חושים, עפּעס האָט זיך געענדיקט. און דאָך האָט די נייע רואיקייט אַביסל באַזיגט. עס האָט מיר אויסגעזען, אַז די רעדער פון די וואַגאָנעס זענען אויסגעשמירט מיט בוימל, כדי זיי זאָלן נישט קלאַפּן. אַזוי שטיל איז דער צוג געפאָרן און אַזוי שטיל האָט ער מיך אַריינגעפירט אין דער שטאָט קאָוונע. אַ רואי־קער וואָקזאַל, אויטאָמאָבילן און דראָזשקעס. אַלץ ריין, ציכטיק. איך גיי אויף גאַסן, דאַכט זיך, אַז די גאַסן זענען פון גומי, אַזוי ווייך זענען זיי. איך זע ליכטיקע געשעפטן, שיינע וויטרינעס, שיינע קאַפעען. עס גייט אָן אַ לאַנגזאַמער לעבן, אָן אייל־עניש, מיט געשמאַק, מיט פאַרנונפט. די מענ־טשן גוט אָנגעטון... איך האָב אַ קוק געטון אויף זיך און איך האָב זיך

אַזוי פאַרשעמט. מײַנע בגדים זענען שמוציק און צעקנייטשט. דרײַ חדשים האָב איך אַ בגד נישט איבערגעטון. איך האָב אַפילו וועגן דעם נישט געטראַכט...

איך בין אַרײַן אין אַ האָטעל „קאָנטינענטאַס". אַ באַשיידענער ייִדישער האָטעל. איך האָב געבעטן, מען זאָל מיר ברענגען אַ שנײַדער, איך וויל אויספּרעסן מײַן אַנצוג. דער שנײַדער איז געקומען, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרײַסיק, מיט אַ מאַטאָוון פּנים, אַביסל אַ שווײַגער. איך האָב פאַר אים געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה:

— הערט זיך אײַן, שנײַדער! איך בין אַ פּליט, מער ווי דעם אײנעם אַנצוג האָב איך נישט. איך גיב אײַך מײַן בגד און איך וועל זיך דאָ אײַנוויקלען אין מײַן פּאַלטאָ. מאַכט מײַן בגד אין אָרדענונג, רייניקט עס אויס, פּרעסט עס אויס. איר זעט די קנייטשן, דאָס זענען מלחמה־קנייטשן. אין דעם דאָזיקן אַנצוג האָב איך געגראָבן גריבער אין וואַרשע, אין דעם בגד האָב איך זיך געוואַלגערט אין שמוציקע וואַגאָנעס, אויף די פעלדער געלעגן, אין שטאַלן גענעכטיקט און מײַנט נישט, אַז בלויז דער שטאָף האָט אַזעלכע אומבאַהאָלפענע קנייטשן, די נשמה איז אויך צעקנייטשט און דאָ וועט שוין אייער פּרעסן נישט העלפן... איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, גוט! אין צוויי שעה אַרום וועט איר עס האָבן אויסגעפּרעסט.

— וויפל וועט עס קאָסטן?

— פינף ליט... איר פאַרשטייט, אַ סך אַרבעט...

— גוט.

ער איז אַוועק און איך בין פאַרבליבן אָן אַ בגד. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט און זיך צוגעהערט. שטיל... שטיל... מען הערט נישט קיין רויש פון אַעראָפּלאַנען. שטיל... מען הערט נישט קיין „אורא" און קיין דרשות, מען זידלט נישט די בורזשויען, מען ראַטעוועט נישט די מענטשהייט. שטיל... אויף די דעכער ליגט אַ דינער שניי, איבערן שניי די קאַלטע זון. גלאַנצט דער שניי. איך קוק און טראַכט, איך דערמאָן די פאַרגאַנגענע דרײַ חדשים, ס'איז געווען וואָס צו דערמאָנען, דאָס האָט מיך אײַנגאַנצן אײַנגעשלונגען. די צוויי שעה זענען שוין אַוועק. איך האָב נישט געהערט, ווי דער שנײַדער איז אַרײַנגעקומען. מײַן אַנצוג איז אַרויסגעקומען גרויסאַרטיק. איך קוק אויפן בגד און איך קוק אויפן שנײַדער.

איך דאַנק אים מיט די בליקן. איך זע, אַז ער איז אויך צופרידן: איך זע, אַז ער האַלט אַ בוך אין זיין האַנט, זאָל ער זיך האַלטן, וואָס ער וויל, וואָס גייט עס מיך אָן? אָבער דעמאָלט ווען איך וויל אים דערלאַנגען די פינף ליט, וויל ער נישט נעמען דאָס געלט. איך קוק אים אָן. עפנט ער אויף דאָס בוך און איך דערזע, אַז דאָס איז מיינס אַ בוך, מיין „אייביק איינזאַם" מיט מיין בילד, געמאָלן פון פרידמאַן. דער שניידער ווייזט מיר אָן אויף מיין בילד און זאָגט דערביי:

— ביי אים וועל איך קיין געלט נישט נעמען.

און ער האָט טאַקע נישט גענומען ביי מיר קיין גראָשן. איך בין געוועזן איבערראַשט. איבערראַשט דערפאַר, ווייל אין די דריי חדשים האָב איך פאַרגעסן, אַז איך האָב ווען ביכער געשריבן, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן לעזער פון ביכער. איך האָב פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט איז אַ וועלט פאַראַן.

איצט האָב איך זיך איבערגעטון, געקוקט אין שפּיגל און געוואָלט צוריק ווערן אַ מענטש, מאַנעוורירט און מאַניפּולירט מיטן קראַוואַט, ווי אַ דענדי. דערנאָך געלאָפן זיך ראַזירן און ווידער אין האָטעל־צימער. גע־בראַכט צייטונגען, געלייענט און... אויסגעדרוכט האָט זיך מיר, אַז די וועלט פון גיהנום־צרות האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר אַביסל. איך בין געזעסן אין צימער און נישט געוואָלט אַרויסגיין, אַ שרעק געהאַט, אַז איך קאָן נאָך פאַר־לירן די רואיקייט, די גלייכגעוויכט, די גלייכגעוויכט, וואָס איך האָב דאָ געפּאַקט. דאָך אַרויסגעגאַנגען און שפּאַצירט אויף דער הויפּט־גאַס פון קאָוונע, אויף לייסוועננס אַלעיעס. אַ בולוואַר מיט בענק. איך האָב זיך צוגעזעצט און געקוקט אויף דער פרידלעכער שטאָט און פרידלעך לעבן. איך האָב דאָ עפּעס נישט פאַרשטאַנען. אָדער די לעצטע דריי חדשים זענען געווען אַ קאָשמאַר, אָדער דאָס איצטיקע איז אַ חלום. דער קאָנטראַסט איז געווען גרויס און אומגלויבלעך. ווי קומט די וועלט צו אַזאַ רואיקייט? און ווו? אינגאַנצן צוויי שעה פון דייטשישן גרענעץ.

איך בין אַריין אין אַ קאַפע. זויבערע טישלעך מיט טישטעכער, פריי־לינס מיט ווייסע שירצן באַדינען. וואָס פאַר אַ געשמאַקע קאַווע, קרעם, נעבעקס, זיסקייטן, אָן אַ סוף. מענטשן זיצן און פירן אידילישע געשפּרעכן.

מען רעדט אויך וועגן דער מלחמה, אָבער דאָס איז גאָר אַן אַנדער רעדן ווי אין ווילנע. דער עיקר: מען איז רואיק.

אין יענעם טאָג בין איך נישט געגאַנגען צו קיין באַקאַנטע. נישט געגאַנגען אַפילו אין דער רעדאַקציע פון דער „יידישער שטימע", נישט געזען זיך מיט קיינעם. איך האָב זיך נישט געוואָלט פאַרנעמען מיט מיינע נויטיקסטע ענינים, ווייל ענינים, יאָ, ענינים פירן אַרוים פון גלייכגעוויכט, ווייל ענינים קאָנען עפּעס דערמאָנען און איך וועל ווידער אַראָפּפאַלן אין מיין אָפּגרונט. ניין! איך וויל זיין אין קאַווענע, אין דער ציכטיקער, ליכטיקער קאַווענע. איך וויל קוקן אויף די פיינע קראָמען, אויף די זיידענע העמדער, אויף די שיינע קראַוואַטן, אויף די פיינע שיך, אויף די ענגלישע שטאָפן — איך בין אַ קליינבירגער און איך האָב הנאה פון די זאַכן...

איך האָב זיך זייער פרי געלייגט שלאָפן אין מיין האָטעל. איך האָב דעם ווייסן געלעגער געהיט. דאַכט זיך, אַז איך האָב דאָס קישן צוגעהאַלטן מיט דער האַנט. ערד און הימל! איך וויל זיך אויסשלאָפן איין נאַכט, אַ רואיקע נאַכט, און דערנאָך זאָל זיין, וואָס עס וויל. דאָ אין קאַווענע לויפט מען נישט אין קעלער, דאָ אין קאַווענע שרעקט מען זיך נישט, ווען עמעצער קלאַפּט אין טיר.

איך האָב זיך אויסגעצויגן ווי אַ גראַף, ווי אַ לאָרד, ווי אַ פּרינץ.

אָבער פּלוצלינג האָבן אויף מיר אַ קוק געגעבן אַ פּאָר שרעקלעכע אויגן. היטלערס אויגן. איך האָב גענומען טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן וועלט-מנוול און אַזוי איז שוין אוועק אַ נאַכט, נאָך אַ פינסטערע נאַכט.

ווען זיין טאַטע-מאַמע האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, איז אויף זיכער געווען אַ שוואַרצע נאַכט. איינע פון יענע נעכט, וואָס שרעקן דעם מענטש מיט טויט און אונטערגאַנג. בעת ער איז געבוירן געוואָרן, האָט אַ שוואַרצער הונט געיאָמערט אונטער זיין פענסטער און דער שוואַרצער יאָמער האָט זיך אַריינגעקראָגן אין דעם געהער פון דעם ניי-געבוירענעם. אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אוודאי געהערט אַ סך קללות פון דער שלעכטער, ברוטאַלער אַרומיקייט און דאָס האָט אים פאַרסמט אויף אייביק. ווען מען קוקט היינט אויף זיין פּנים, זעט מען, אַז אויף אַזאַ פּנים איז קיינמאָל קיין שמייכל נישט געלעגן. מיט אַזעלכע אויגן קוקט מען נישט אויף דעם זאַפטיקן גראָז, אויף די קאָלירן פון בלומען...

ניין! מיט אזעלכע אויגן זעט מען נאָר די שטיינער, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד. אזא נפש האָט זיך קיינמאָל נישט געשפּילט מיט קינדער פון די שכנים, ער האָט זיך בלויז מיט זיי געשלאָגן. אין זיין נשמה איז אריין א שווארצע מהומה און דאָרט איז זי פארבליבן. אזעלכע ענדיקן שטענדיק אין א משוגעים־הויז, נאָר ער איז געקומען מיט א געשריי און מענטשן קוקן זיך שטענדיק ארום, ווען עמעצער שרייט. ער איז געקומען צווישן צוויי גרויסע מלחמות, די וועלט האָט איר גלייכגעוויכט פארלוירן, די וועלט איז געלאָפן בארג אראָפּ אין א ווילדן גאלאָפּ. ווי א ווילד פערד. איז דער נפש מיט זיינע פינסטערע אויגן ארויפגעשפּרונגען אויף דעם פערד און איז געוואָרן הערשער. מיר הערן, ווי ער שרייט אין ראדיאָ, דאָס איז א שווארצער געשריי פון א נישט היימלעכער געשטאלט. די סנאָבן פון דער וועלט זוכן דאָ כוח ביי אים, געניאַליטעט... ניין! קלוגע און נארישע וועלט... דער צופאל האָט מיט דיר א שפּיל געטון, אזא שפּיל, וועלכן דו וועסט געדענקען ביז דיין סוף. צופאל איז נישט מער ווי צופאל, א קנויל פון פאטאלע באדינגונגען האָבן א שענק־רעדנער און א בייזן אויסוואורף פון דער שטאָט־פּעריפעריע ארויפגעבראכט אויף דער אויבערפלאך פון לעבן. הערט זיך צו צו זיינע רייד, זוכט אין זיי איין באפליגלט וואָרט, איין שאַ־פונגס־וואָרט, איין אָריגינעל וואָרט, איר וועט דאָס נישט געפינען, בלויז קללות, זידלערייען, בלויז דראָאונג און זעלבסטרימעריי. דאָס זענען רייד פון דעם גאסן־מענטש און נישט נאָר פאר דעם גאסן־מענטש, נאָר אויך פאר דעם ערגסטן אָפּפאל... נו, און די אינטעליגענץ פון פאָלק? די היינ־טיקע, דעגענערירטע אינטעליגענץ, זי באהאלט זיך אונטער דער פינסטער־רער מאסע, זי שרעקט און זוכט א כּאָסטן... זי פילט שוין נישט איר חרפּה, די אינטעליגענץ: מיט געשריי, מיט שענק־זידלערייען האָט מען זי באזיגט...

אָבער איך האָב שוין נישט קיין כוח צו דער וועלט, לאָזט מיך אָפּ, איך בין אין קאָוונע... א גאָלדענע שטאָט. הארץ און חן — נישט קיין שטאָט, נאָר א גן־עדן.

אין בראזיל און אין ארגענטינע, אין ניו־יאָרק און אין באָסטאָן, אין ארץ ישראל און אין דרום־אפריקע, אין אויסטראַליע און אויף אלע פארשידענע אינזלען, אומעטום געפינען זיך הונדערטער און הונדערטער

יידן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען קאָוונע אין די ערשטע חדשים פון דער איצטיקער מלחמה. דורך קאָוונע האָבן זיי זיך פיל געראַטעוועט און פיל מאָל האָט זיי טאַקע קאָוונע גופא געראַטעוועט מיט געלט, מיט קליידער און עסן. צי געדענקען זיי, די געראַטעוועטע, צי דערמאָנען זיי די קאָוונער וואונדערבאַרע יידן? צי האָבן זיי ערגעץ־וואו געהאַט אַזאַ אויפנאַמע, אַזאַ באַציאונג? די פראַגע אינטערעסירט מיך זייער אָפּט, ווייל קאָוונע מוז ווערן אויף אייביק איינגעשריבן אין טויזנטער הערצער, ווייל די יידישע קאָוונע האָט געהאַט האַרץ פאַר אַלעמען. איך וויל דאָ נישט איבערטרייבן. איך וויל דאָ פון די קאָוונער יידן נישט מאַכן קיין מלאכים. אַלע ווייסן מיר, אַז קיין מלאכים זענען אויף דער ערד נישטאָ. עס זענען פאַראַן אַ סך שלעכטע מענטשן און ווייניק גוטע, אָבער אין קאָוונע זענען געווען נאָך אַ פּאָר גוטע און נאָך און אַ פּאָר גוטע און זיי, די דאָזיקע צוגאָב־גוטע האָבן שוין געמאַכט די גאַנצע ליטע. די איינציקע טרייסט איז רעדן וועגן זיי, דערמאָנען, דערציילן...

אויפן צווייטן טאָג, ווען איך בין קיין קאָוונע געקומען, בין איך געגאַנגען אין דער רעדאַקציע פון דער „יידישער שטימע". איך האָב זיך באַקענט מיט די מיטאַרבעטער, רובינשטיינען, דעם רעדאַקטאָר אַליין, האָב איך געזען מיט עטלעכע טעג פריער אין ווילנע. האַרציק און חבריש זענען זיי געווען מיט מיר. געוואָלט האָט יעדער איינער, אַז איך זאָל זיך זעצן אויף זיין שטול. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען אין איין ריכטונג: מען האָט מיטגעפילט צו אַ פּליט. אין קורצע מינוטן האָט זיך שוין געשאַפן אַ גוטע אַטמאָספערע און גלייך אויפן אָרט האָט מען מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל מיטאַרבעטן אין דער „יידישער שטימע". אָבער ווען איך האָב געזאָגט מיין פּרייז, האָבן זיי ברייט געעפנט די אויגן. זיי זענען צו אַזעלכע פּרייזן נישט געוווינט געווען. האָט מען זיך געווינצלט און געדונגען זיך. אין דעם איז רובינשטיין אַרויסגעגאַנגען פון צימער. געגאַנגען איז ער אין דער אַדמיניסטראַציע. אין צען מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען.

— איך האָב אַ פאָרשלאַג — האָט ער געזאָגט.

— וועלכער פאָרשלאַג? — פרעג איך.

שמייכלט ער און רעדט:

— איר וועט דאָך זיין אין קאָונע, ביז איר וועט באַקומען א וויזע ווייטער צו פאָרן?

— יאָ...

— ביז דער צייט וועט איר אַרבעטן ביי אונדז און איר וועט נעמען אין קאַסע ביי אונדז, וויפל איר וועט דאַרפן צום לעבן...

— אָ, איך האָב מורא, אז איך וועל אייך פּוסט מאַכן די קאַסע.

— מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך.

די טראַנזאַקציע איז געמאַכט געוואָרן און איך בין געלאָפן אין מיין האָטעל „קאָנטינענטאַם". איך האָב זיך אוועקגעזעצט שרייבן א פעליעטאָן פאַרן פרייטיקדיקן נומער. אָפּגעאַרבעט א שעה און מען קלאַפּט אין טיר. עס קומען אַריין צוויי. איינער איז זשאַפּער, דער מיטאַרבעטער פון דער „יידישער שטימע", דער צווייטער, א נידעריקער ייד, מיט ברייטע פּליי-צעס, מיט א גוטמוטיקן פּנים. ער דערלאַנגט מיר די האַנט און זאָגט:

— מיין נאָמען איז יצחק ליגום... וווּ איז אייער באַגאַזש?

פאַרשטיי איך נישט, ווייס איך נישט, וואָס מען וויל פון מיר. אָבער דער ייד, דער יצחק ליגום, קלינגט און רופט אַריין דעם באַלעבאָס פון האָטעל:

— וויפל קומט אייך?

ער באַצאָלט פאַר מיין האָטעל. ליגום טראָגט שוין מיין מאָגערן באַגאַזש, ער פירט מיך פון די טרעפּ און אונטן וואַרט אן אויטאָמאָביל... איינס און צוויי...

איך בין שוין אין א שטוב אויף לוקשו גאַס. מען זעצט זיך עסן מיטאָג. זשאַפּער, דער זשורנאַליסט, אויך מיט אונדז. א סימפּאַטישע פרוי, צוויי קינדער און איך בין א נייער מיטגליד פון דער משפּחה. איך האָב א צימער אויף אַלע היימלאָזע געזאָגט געוואָרן. איך האָב דאָס בעסטע פון עסן. איך האָב פריינטשאַפט און כבוד ביי דעם יצחק ליגום. איך פאַר-שטיי, ווי מען דאַרף עס פאַרשטיין: א פּליט, א שרייבער א פּליט... אָבער אין דער אמתן האָב איך זיך געקאָנט באַגיין מיט אן ערגערן צימער און מיט ערגער עסן, דער עיקר: דאָס ביסל פריינטשאַפט און אויפמערקזאַמ-קייט פון די מענטשן, דאָס האָט געגעבן כוחות. איך האָב געהאַט מזל. פון אַלע זייטן איז מיר געגאַנגען. אין דעם זעלבן טאָג האָט מען מיר

געגעבן צו וויסן, אז די רעדאקציע האָט בדעה איינצואָרדענען פאר מיר אַן אקאדעמיע, א קבלת־פּנים אזא מיטן אָנטייל פון אלע ליטעראטן אין קאָוונע. אויף אזא ארויסטריט באדארף מען דאָך א ניי בגד. גיי איך אײַנ־דערפרי קויפן שטאָף. געלט אביסל האָט די רעדאקציע געגעבן פאָראויס. קום איך אין אָנגעוויזענעם געשעפט, איך קלויב אויס שטאָף און וויל באצאָלן. נעמט מען נישט קיין געלט.

— וואָס הייסט?

— ליגום האָט געהייסן פארשרייבן אויף זיין חשבון. און אזוי אור־מעטום: ליגום איז מיר שטענדיק פארלאָפן דעם וועג און קיין גראָשן נישט געלאָזט אויסגעבן. דערנאָך די אקאדעמיע. אין יידישן פאָלקס־טעאַ־טער. א טויזנט־קעפּיקער עולם. אויף דער טריבונע אלע רעדאַרטאָרן פון די דאָרטיקע צייטונגען. די גאנצע פארוואלטונג פון ליטווישן ליטעראטן־פאראיין מיט דעם פאָרזיצער לודים גירא. רעדעס, אפּלאָדיסמענטן, פאָ־טאָגראפיעס... וואָס טוט זיך דאָ? די וועלט איז אונטערגעגאנגען, צי נישט אונטערגעגאנגען? איז פוילן צעשטערט, אָדער זי איז גאנץ מיט די דריי און א האלבן מיליאָן יידן?

עס רעדט רובינשטיין, עס רעדט לודים גירא, עס רעדן אנדערע און איך זיץ דאָ אויסגעפּוצט אין מיין נייעם בגד און איך הער די דרשות מיט לויב־געזאנגען... ניין! איך וועל נישט זאָגן, אז די דרשות האָבן מיך זאט געמאכט. איך וועל נישט זאָגן, אז איך האָב פארגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט. אויף קיין רגע נישט פארגעסן. קאָוונע איז צוויי שעה פון דער דייטשישער גרענעץ. פון דאָרט טראָגט זיך א שטאָל־קאלטער אָטעם. גלאָז־קאלטע אויגן קוקן אויף דער קליינע ליטע, און פריער, צי שפּעטער... דאָ וועט זיך אָפּשפּילן א קאפּיטל פון דער מלחמה. אין ליטע זענען פאראן רוסישע באזעס. מען ארבעט טאָג און נאכט ביי די באַ־פעסטונגען, מען האקט אוים פעלדער, מען טראָגט אראָפּ שטעטלעך... עפּעס גרייט זיך. און דאָרט אין ווארשע, דאָרט אין גאנץ פוילן... וואָס טוט זיך דאָרט? וואָס איז מיט די יידן? עס גייען קלאנגען, שווארצע, שלאנגישע, בייזע, ווי די קללות פון דער שווארצסטער נאכט. אין לאָדזש איז שוין איינגעפירט געוואָרן די געטאָ. איך האָב דאָרט אין לאָדזש צוויי ברידער

און צוויי שוועסטער מיט זייערע משפּחות. וואָס איז מיט זיי? וואָס וועט זיין מיט זיי?

ליכט אין זאַל פון טעאַטער. בלומען. א יום־טוב. פאַר וועמען? פאַר מיר? נאָך לוקאַוו. נאָך אַזוי פיל טויט און צעשטערונג א יום־טוב פאַר מיר? איך האָב דאָס געגומען נאָר נישט פאַרדייט. איך בין דאָרט געזעסן, נאָר די געדאַנקען האָבן געטראָגן אין גיהנום אריין, ארום גיהנום. איבער־געברענט זענען מיר אַלע געפילן און דאָס, וואָס מען טוט, איז עס האַלב אויטאָמאַטיש... מיט פאַרביסענע ליפּן, אפילו מיט פּחד. איך האָב זיך אין קאָוונע שטענדיק ארומגעקוקט. נישט געגלויבט האָב איך די ארומי־קייט... נישט אָנגעטרויט. צוויי שעה פון דער דייטשישער גרענעץ קאָן מען זיך נישט פילן רואיק און זיכער...

קיין סך פּליטים זענען נאָך דעמאָלט אין ליטע נישט געווען. די ערשטע, וואָס זענען דאָ געקומען, זענען געווען די רייכערע. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די פיינע האָטעלן און גענומען ארבעטן מיטן טעלעגראַף. עס זענען געפלויגן דעפּעשן וועגן געלט און וויזעס. אנדערע זענען גלייך אוועקגעפאָרן דורך לעטלאַנד קיין שוועדן און פון דאָרט ווייטער. אָבער ביסלעכווייז זענען די פּליטים אריין אין קאָוונע. מיט דערלויבעניש, צי אָן דערלויבעניש. א גרויסער טייל פון די ווילנער פּליטים איז אריבער אין קאַאונאַס — אין קאָוונע הייסט עס אויף אונדזער לשון. געצויגן האָט די פּליטים קיין קאָוונע, ווייל דאָ האָט מען געקאָנט שנעלער ארבעטן וועגן פּאַפּירן און וויזעס. געצויגן האָט אויך קאָוונע דערפאַר, ווייל דאָ האָט מען געקאָנט לייכטער הילף באַקומען. קאָוונע האָט געהאַט א גאָלדן האַרץ פאַר די פּליטים. וועגן דער דאָזיקער גוטהאַרציקייט וועט מען נאָך לעגענ־דעם דערציילן. נעמט אַזאַ פאַקט: דער יידישער אַדוואָקאַט דימיטראָווסקי, אַן אַלטער בחור, האָט געאַרבעט און געזאַמלט געלט, האָט ער אָנגעזאַמלט ביז א פופציק טויזנט ליט, וואָס דאָס איז געווען כמעט צען טויזנט דאָלאַר. דאָס געלט האָט ער גוט אָפּגעהיט, נאָר בעת די פּליטים האָבן זיך גענומען שטופּן קיין קאָוונע און יעדער פּליט מיט זיינע צרות, האָט דימיטראָווסקי געזאָגט, אַז די אַדוואָקאַטן־פּליטים נעמט ער אויף זיך. ער האָט זיי באַ־קליידט, געלט געגעבן, וויזעס געמאַכט... און צום סוף פלעגט ער שוין פאַר זיך אַליין באָרגן א פינף ליט. דימיטראָווסקי איז נישט געווען דער

איינציקער. ליטע און קאָוונע האָבן אויסגעהאַלטן פּרעכטיק דעם עקזאמען פון מענטשלעכקייט. דער ווינטער ניין און דרייסיק־פערציק איז געווען זייער א קאַלטער, די אַלע פּרוכט־ביימער פון ליטע זענען פאַרפרוירן גע־וואָרן ביזן לעצטן, נאָר די הערצער זענען ביי די יידן פאַרבליבן ווארעם. איך האָב זיי געזען, די יידן פון קאָוונע. איך האָב געפילט אויף זיך זייער גוטסקייט און דערפאַר ווילט זיך אָן א סוף רעדן וועגן זיי...

מיין יצחק ליגום האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב אים כסדר גענאַרט. געזאָגט, אז איך בין איינגעלאַדן אויף מיטאָג, אויף נאַכט־עסן. איך בין כסדר געלאָפּן פון זיין טיש, ווייל דער טיש איז צו גוט געווען, מיין געלעגער צו גוט. איך בין עטלעכע מאָל געפאָרן קיין ווילנע צו די חברים פון דער ליטעראַרישער פאַראייניקונג. אין ווילנע איז נישט געווען קיין זאַטקייט און אין ווילנע איז נישט געווען די קאָוונער רואיקייט. די ליטווישע רעגירונג האָט פאַרשלאָסן אַלע גרענעצן און אויף די וועגן האָבן זיך געוואַלגערט פּליטים פון וואַרשע. מען האָט אַנדערע פון זיי ווי נישט איז דורכגעשמוגלט און א סך זענען אויסגעגאַנגען אין וועג. א סך זענען פאַרפרוירן געוואָרן. מען האָט געפונען טויטע מוטערס נעבן לעבעדיקע קינדער, אָדער פאַרקערט. אין ווילנע זענען געווען א מאַסע פּליטים, צענ־דליקער טויזנטער. אין ווילנע האָט מען געקרעכצט און געיאָמערט פון די ידיעות, וועלכע זענען אָנגעקומען פון פּוילן... אין קאָוונע האָט מען ווייניקער געקלאָגט, נישט דערפאַר, ווייל מען איז שלעכט געווען, נאָר דאָרטן איז עס נישט אזוי שנעל דערגאַנגען. קאָוונע איז מער געווען פאַרנומען מיט די פּליטים גופא. און ליכטיק איז אין קאָוונע געווען, טעאַטער, מוזיק, פאַרווייל ונג. מען איז נישט געווען איבערגעפרעסן עגאָאיסטיש, נאָר קיין חשבון האָט מען זיך אויך נישט אָפּגעגעבן...

אָפּט פּלעג איך מיינען, אז איך פאַרגעס זיך אויך, אָבער עס איז געווען גענוג באַגעגעניש. אָט כאַפּט מען מיך אָן פאַרן אָרעם. איך דריי אויס דעם קאָפּ, אַן אומבאַקאַנטער שמייכלט צו מיר און רעדט:

— איך פּלעג אייך זען אָפּט אין וואַרשע, אין לאָדזש, איר מיך קענט נישט, אָבער דאָס מאַכט נישט אויס...

ער האָט גלייך גענומען רעדן וועגן זיינע איבערלעבונגען, געלאָפּן, געליטן, געהונגערט, געקרענקט, דורכגעגאַנגען צרות פאַר צען קאַטאָרזשנע

און געקומען קיין קאָוונע. איצט שטייען מירביידע אויף דער ברייטער ליסוועגם אַלייע און מיר קוקן זיך אָן. וואָס ער זעט אין מיינע אויגן, ווייס איך נישט, נאָר אין זיינע אויגן זע איך מידקייט און אָפּגרונט, אויס־געלאָשנקייט, בלויז איין פונק, דער לעצטער פונק פון צער. איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזעלכע אויגן קאָנען שמייכלען. אמת, ער שמייכלט זייער טרויעריק, ער רעדט:

— איך בין פול מיט צרות, מיט צרות רבים און מיט אייגענע צרות. איך וואָלט אייך וועלן זען, רעדן מיט אייך, דערציילן א סך, א סך זאכן, אפשר וועט לייכטער ווערן.

גוט. איך רעד מיט אים אָפּ אויף א באשטימטן טאָג אויף א באַ־געגעניש...

ער וויל שוין גיין, דאַן דערלאַנגט ער ווידער א קוק אויף מיר:

—איך געדענקט: ווען די דייטשן זענען אריין אין לאָדזש, האָבן זיי אין קאפע „אסטאָריא" ארעסטירט דרייסיק מענטשן, פופצן האָבן זיי דער־שאָסן און די איבעריקע פופצן האָבן געגראָבן די קברים פאר די דערשאָ־סענע, איך בין איינער פון די באַגרעבער, איך וויל אייך דאָס דערציילן, איר זענט א שרייבער, און א שרייבער דאַרף אַלץ וויסן...

ער איז אוועק. איך האָב אים נאָכגעקוקט דעם באַגרעבער, ביז זיין סילועט איז פאַרשוווּנדן. מיט זיין צוגיין צו מיר און מיט זיין אוועקגיין פון מיר איז אויך אוועק דער בלויער הימל, די זון, די באַוועגלעכע גאס...

איך האָב דאָרט אין קאָוונע אויסגעהערט א סך מעשיות פון די פּליטים און געזען א סך טיפּן.

## VII

# אין קאַראַהאַר פון די פּליטים

איינער האָט מיר דערציילט אַן עפּיזאָד פון יענע טעג, ווען וואַרשע איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון די דייטשישע עראָפּלאַנען און פון דער מעכטיקער אַרטילעריע:

די זון האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם לעצטן שלייער. זי ברענט נאַקעט. זי ברענט מיט אַ פּאַרשפּעטיקט פייער. עס איז דאָך שוין הערבסט, די ערד קילט זיך אין די לענגערע נעכט. ס׳איז אַ ליכטיקער הערבסט, עס איז וואַרעם און רואיק. אָבער ווי צו דער רואיקייט, זי איז בלויז אין דער הויך און בלויז אין דער ווייט. אין אונדזערע גרויסע אומגליקן ווערן מיר גאַנץ אָפט אין כעס אויף דער נאַטור פאַר איר גלייכגילטיקייט צו אונדזערע צרות...

יאָ, הערבסט. יאָ, רואיקייט...

אָבער איבער וואַרשע קלאַפּט און זעצט, הייזער הונדערט־יאָריקע ווערן צעשפּאָלטן, זיי פאַלן איין אינגאַנצן, אָדער עס רייסן זיך אָפּ פון זיי שטיקער און די שטיקער צעשיטן זיך. עס רייסן זיך אָפּ גאַנצע ווענט, גאַנצע עטאַזשן, עס הענגען די קלעצער פון הייזער, דראָטן, טרעפּ, און אַלץ זעט עס אויס אַזוי שרעקלעך, אַזוי אומגעלומפּערט. דעם מענטשנס אויג זעט עס, דעם מענטשנס האַרץ פרעגט אין איילעניש, אין לויפעניש: „צו וואָס?”

עס הייבט זיך אויף אַ געדיכטער שטויב און עס לייגט זיך אַוועק אַ שטויב, עס קראַכט, עס ברעכט זיך אַ וועלט און דו ווייסט שוין אפילו נישט, צי עס לוינט אפילו צו שילטן אַזאַ וועלט פון צעשטערונג.

הויך און ווייט איז רואיק, ווי גאָרנישט...

די ליכטיקייט קימערט זיך נישט מיטן גורל פון די, וועלכע געניסן פון דער ליכט. די ליכטיקייט באַלויכט אַלץ, אפילו די פרישע ריגעלעך בלוט באַלויכט זי אויך... די נאַטור האָט זיך איר וועג אין ווינטער און זילבערנעם שניי. נאַט אייך פּראָסט! גליטשט זיך, שפּילט זיך, טוליעט זיך, באַהאַלט זיך אין וואַרעמקייט. אין פרילינג פרייט זיך מיט בלומען, מיט בליאונגען, אין זומער שניידט דאָס קאָרן פון די פעלדער...

אין הערבסט נאַט אייך רואיקייט!

נאָר איר ווילט עס נישט, איר ווילט צעשטערן — איר ווילט בלוט און אונטערגאַנג. דאָס איז שוין נישט מיין זאַך, איך, נאַטור, בין רואיק. זעט ווי ליכטיק מיין זון שיינט.

עס פעלן אויס דאָקטוירים און סאַניטאַרן פאַר די פאַרוווּנדעטע...

דאָס איז אויף איין גאַס און אויף דער צווייטער גאַס שפּילן זיך אַ מחנה קינדער אין מלחמה. שטיפערישע געשרייען, קינדערשער, קלינגענדיקער געלעכטער. דאָ איז מען חבר מיט דער זון, דאָ איז כמעט האַרמאָניע צווישן זון, גאָט און קינד... אָבער פּלוצלינג...

אין דעם שרעקלעכן אויפרייס ווערט קינדער־געלעכטער פאַרשווּנדן און די קינדער אַליין ווערן אויך פאַרשווּנדן. פון די הויפן לויפן אַרויס טאַטעס און מאַמעס. זון ליכטיקע! דו ווערסט אפילו נישט אויף אַ האָר טונקעלער, ווען דו זעסט אַזעלכע אויגן פון צעשראָקענע טאַטע־מאַמע. אין דער רגע וואָלט שוין די זון געמעגט נישט לייכטן. ווי איז צום לעבן, ווען אַזוי פיל טויט באַפאַלט אים. די מאַסקעס פון די מענטשן ווערן פאַר־שטיינערט — שטיין קאָן אַלץ אויסהאַלטן. די מענטשן זענען צוגעקומען צום אָפּגרונט פון די צרות. אָפּגרונט אַליין שווייגט, טאָ זאָל אויך דער מענטש ·שווייגן. דער מענטש, וואָס דער טויט האָט אים אויסגעמיטן צו־פעליק... און ווער וואָלט עס גלויבן? מיט אַ גאַס ווייטער, דאָרט שפּילן זיך אַנדערע קינדער. דאָס לעבן טרייבט זיי אויף דער גאַס, די ליכטיקייט רופט און פאַרנאַרט זיי אויף דער גאַס, די זעלבע גאַס, וואָס קאָן יעדע רגע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בית־עולם. זעט עס אויס, ווי אַ שפּיל אַזא צווישן טויט און לעבן.

און דער ייד מיט זיין האַנט־וועגעלע! וואָס וויל ער דאָ אויף דער דאָזיקער גיהנום־גאַס? עפּל האָט ער געבראַכט. רויטע, זאַפטיקע עפּל, אויף

אַן אמת, זיי רייצן, זיי רופן. ער האָט אויסגענוצט די צייטווייליקע רואיקייט און זיך דורכגעגנבעט אהער פון די ווייטע קוואַרטאַלן. ער האָט עפּל צו פאַרקויפן. ער מוז זיי פאַרקויפן... פון די טויערן איילן צו אים קונים. היינט זענען זיי מילדער, זיי דינגען זיך נישט...

דאָס מאָל האָט עס בלויז דעם דאַך אַראָפּגעריסן פון א דריי־שטאָקיק הויז. דער דאַך איז צעפלויגן געוואָרן אויף נאָענטע און ווייטערע פּלעצער. עטלעכע מינוט שרעק אין דעם גאַנצן קוואַרטאַל, אָבער עס פּראַלן אויף די טירן, מען לויפט פון די טרעפּ, מען טאַנצט איבער שטיקער בלעך, איבער ציגל, איבער בערגלעך פון צעשמעטערטן גלאָז. אָנגעשראָקענע מענטשן, אָבער שוין נישט אַזוי צעשראָקן ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, שרעק האָט אויך א גרענעץ, און ווער עס גייט אַריבער די גרענעץ, יענעם איז שוין בעסער. ער באַקומט נייע שותפים: רעזיגנאַציע און גלייכגילטיקייט. מען אַנטלויפט פון אומגליק, דאָך שוין נישט מיט אַזאַ אימפּעט, מען אַנטלויפט שוין נישט, ווו די אויגן טראָגן. ניין! איצט שטעלט מען זיך שוין אָפּ אפילו, מען קוקט זיך אַרום, מען מאַכט פאַרשידענע זיגזאַגן אין לויפן. די מענטשן זענען שוין חבר מיט אומגליק, און זיי ווייסן שוין בעסער ווי אים אויסצומיידן...

און א דאַך האָט דינאַמיט אַראָפּגעטראָגן, און א הויז איז געבליבן שטיין אָן א קאָפּ, און זיי, די מענטשן, זענען פאַרבליבן שטיין אויף דער צווייטער זייט פון דער גאַס. נייגעריק געווען צו באַטראַכטן א געקעפּט הויז. נאָך א טאָג, נאָך צוויי טעג, און די אַלע שווידערלעכע געשעענישן וועלן ווערן דערעסן, מען וועט זיך צוגעוווינען און אפילו לאַנגווייליק וועט עס ווערן, לאַנגווייליק צוזאַמען מיטן טויט, וואָס לויערט אויף אַלעמען. פריער זענען געשטאַנען גאַנצע טויערן. עס זענען געווען אָפענע קלייטן מיט באַוועגלעכע פרידלעכע גאַסן, איז מען שוין צו דעם גלייכגילטיק געוואָרן. איצט איז יעדעס צווייטע הויז א רואינע־סקעלעט. מען שפּרייזט אויף גלאָז, מען קריכט איבער ציגל־בערג, עס קראַכט, עס פאַלט איין די שטאָט און מען איז שוין באַלד צו דעם אויך גלייכגילטיק. ס'איז דאָ א נייער עיקר אין לעבן — ווו נעמט מען אביסל וואַסער? ווו פּאַקט מען עפּעס א זיכערן פּלאַץ זיך אויסצושלאָפן? און דאָס איבעריקע זאָל גיין מיטן פייער.

פון דעם אויפרייס איז נאָר דער דאך אראָפּ. אָבער אין דעם זעלבן הויז האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אראָפּ. שפּיגלען זענען צע־שמעטערט געוואָרן, געשיר צעבראָכן, בילדער זענען פון די ראַמען ארויס, אַלץ צעשפּרונגען, צעשמעטערט, פון דעם אויפרייס איז אויך א שטייגל צעשמעטערט געוואָרן און א קליין פייגעלע, א קאנאריק, האָט זיך געראַ־טעוועט, ער איז גאנץ פארבליבן און פון פענסטער איז ער אויף דער גאס ארויס און גלייך איז ער געפלויגן צו דער גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן מיט האלבער נייגעריקייט באטראכט דעם נייעם חורבן. דער קאנאריק צו די מענטשן און די מענטשן האָבן אים באמערקט:

— זעט נאָר, א קאנאריק...

אומגליק, מלחמה, צעשטערונג... אַלץ איז אויף א רגע פארגעסן געוואָרן... א קאנאריק, א דראָבנער פויגל, א פּיצעלע לעבן אין אויסגע־פּוצטע געלע פעדערן. ער איז געשפּרונגען פון איין מענטש צום צווייטן, אויף די אקסלען ביי זיי זיך געשטעלט, אויף די קעפּ און דערביי קיין קלאנג נישט ארויסגעלאָזט. שטום, שטום געטאנצט איבער די מענטשן, ווי א געלע פּילקע צוגעשפּרונגען און אָפּגעשפּרונגען. אזא לייכטס מיט אזוי פיל אונטערטעניקייט. ער איז פון די מענטשן נישט אָפּגעטרעטן, פּונקט. ווי ער וואָלט זיך אין זיין שטומקייט געבעטן:

— פריער בין איך געווען ביי אייך אין א פיין צימער, אין א שיין געפלאָכטענער שטייג, פריער האָב איך געזונגען פאר אייך, איצט האָט אן אומגליק פּאסירט פאר אַלעמען, פאר אייך און פאר מיר. ראטעוועט מיך... לאָזט מיך נישט אליין. ווער וועט מיר געבן קערנדלעך? ווער וועט מיר געבן וואסער?

און די מענטשן האָבן זיך געוויילט, געקוקט אויפן קאנאריק און געלאכט. א רגע פארגעסונג האָט ער זיי געבראכט, און אָפּטרעטן האָט ער נישט געוואָלט. און ווען די מענטשן לאָזן אים, וואָלט ער זיך ביי עמעצן פון זיי אין א קעשענע באהאלטן. ביי עמעצן אין בוזעם, אין האַרץ אריין און דאָרט זיך צוגעטוליעט, שטום־שטום געווען, שטיל־שטיל געווען...

אין אזא שרעקלעכער צייט, ווען גרויסע הייזער ווערן צעשאָטן אויף מיסט...

מענטשן האָבן זיך געוויצלט:

— ער זעט אויס ווי א לעבעדיק בלימל, א געלם פון די מאי־לאָנקעס...

— ער זעט אויס, ווי א פיינער ציטרין, וואָס שפּרינגט, א שפּילצייג אזא...

— כאַפּ אים און זאָלץ אים איין — האָט זיך א מיזאנטראָפּ אָפּ־געדופן...

איבער דער שטאָט האָבן טעמפּ געזעצט די הארמאטן, מיט א פּאר־ביסענער עקשנות האָבן זיי חרוב געמאכט גאסן און טויערן, און דאָ האָבן מענטשן אויף א רגע אלץ פארגעסן. א געל נשמהלע האָט געטאנצט איבער זייערע קעפּ און עפּעס געבעטן, געבעטלט... פּלוצלינג האָט דער קאנאריק זיך ארויפגעכאפּט אויף א יונג מיידלשן קאָפּ און דאָרט לעננער געבליבן שטיין, און פּלוצלינג האָט דער קאנאריק געעפנט ס'קליין פּיסקעלע און גענומען זינגען. אָט דאָ אויף דער גאס צווישן די חורבות. ער האָט גע־טרעלט מיט זילבער, מיט קלינגנדיקן מעטאל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אורעלט, אָן זיין אינזל, רייך פון לעבן און וועלט־באשאפונג, טרויער און אונטערגאנג, פון עלנט און מאכטלאָזיקייט. אלץ האָט מענטש דער־קענט אין די העלע טענער פון א דראָבנע פייגעלע, וועלכעם האָט איצט גע־פונען דעם פּלאץ, ווו אויסצוזינגען דאָס לעצטע ליד פון לעבן און שיינקייט...

דאָ אויף דעם פּלאץ פון אונטערגאנג, ווו אויף דער צווייטער גאס האָט א שפּיטאָל מיט די פארוווּנדעטע אינאיינעם געברענט, ווו אויף א דריטער זענען געקראָכן מענטשן מיט שווערע וווּנדן, מיט די לעצטע כוחות זיך געשלעפּט אויף אלע פיר... טאָמער וועט ער זיך ראטעווען? דער קאנאריק האָט זיך אין זיין זינגען אָפּגעזעגנט מיט דער שיינקייט פאר א סך, פאר א סך לעבנס. דאָ פייער, דאָרט רויך, דאָ קראך און דאָרט קרעכץ און אינ־מיטן אויף איינער פון די ווארשעווער טראגישע גאסן האָט א קאנאריק זיך צעזונגען.

שפּעטער אביסל האָט זיך דערהערט א שווידערלעכער קנאק, א הויכע, בלינדע וואנט פון נאָענטן מויער האָט זיך גענומען וואקלען, ווי א גרויסע כאַליע פון ים, וואָס הייבט זיך לאנגזאם אויף... איינער פון די מענטשן האָט עס באמערקט און ער האָט אויסגעשריען וועגן דער סכנה. אלע זענען

זיך צעלאָפּן. עס האָט ווילד געזעצט איבער די מויערן און גאַסן. שטויב האָט זיך אויפגעהויבן און אין דעם שטויב איז די זון מיט אירע שטראַלן געקראָכן. זי, די זון, זי מוז אומעטום זיין — זאָל פון דער גאַנצער וועלט א בית־עולם ווערן און זי מוז אומעטום זיין מיט איר ליכטיקייט...

---

אין קאָוונע האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט א סך טיפּן. יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט עפּעס דערציילן. די איבערקערעניש פון דער וועלט האָט זיי רעדעוודיק געמאַכט.

פילאָזאָפן באַשאַפן די צייט, און די צייט באַשאַפט אויך פילאָזאָפן. מיין נייער פילאָזאָף איז א געוועזענער לאָדזשער פאַבריקאַנט. פון די גרויסע פאַבריקאַנטן, איצטער קליין — א פּליט. האַלב טונקל. אויף דער גאַס שפּאַצירן פּאָרלעך. נישט ווייט ביי דער אָפּערע האָבן זיך צעבליט די קאַשטאַנעס. שיין, אפשר שענער ווי אַלעביימער, בליט דער קאַשטאַן־בוים. עס לויכטן די וויים־זילבערנע קאַנדעליאַברען אין שאָטן פון די ברייטע פריש־גרינע בלעטער. עס איז יום־טוב פון דער נאַטור אין אַלע אירע ווינקעלעך, נאָר נישט אין די ווינקעלעך פון מענטשנס האַרץ. מיין מיטזיצער האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. ער קוקט אויף דער ערד און רעדט דאָס זייניקע. מען קאָן נישט זאָגן, אז ער איז איצט אומרואיק. גיכער פילט זיך באַרואיקונג אין זיינע ווערטער. דאָס איז גיכער די באַרו־איקונג פון רעזיגנאַציע, אָבער אַלץ איינס. מען קאָן מיט אים רעדן, אויס־הערן און ענטפערן. ער איז מיט מיר זייער אָפנהאַרציק, און איך בין דערפאַר אים זייער דאַנקבאַר. אויסער דעם האָב איך דערקענט אין זיינע פאַבריקאַנטישע אויגן דעם מענטשלעכן צער. קענטיק א סך נעכט נישט געשלאָפן און א סך איבערגעטראַכט. קענטיק, אז ער איז געקומען צו געוויסע אויספירונגען:

— ווען איך קאָן שרייבן...

— איז וואָס וואָלט געווען?

— איך וואָלט עפּעס אָנגעשריבן וועגן זיך אַליין, אין ליד צי אין פּראָזע, אין קאָמעדיע צי אין דראַמע, נאָר נישט אין דער פאָרם גייט עס, גיכער אין נאָמען. מיין שרייבעכץ וואָלט איך א נאָמען געגעבן: „איז געווען אַמאָל א נאַר״, דאָס איז זייער צוגעפּאַסט פאַר א מענטשן, וועלכן

ער אליין און אנדערע האָבן געהאלטן פאר א קלונן און צום סוף איז זיין גאנץ לעבן געווען געטונקט אין סאמע נארישקייטן. א שאָד, צו שפּעט זיך געכאפּט...

ער קוקט כסדר צו דער ערד. איך זע נישט זיין פּנים, נאָר דאָס קול האָט אונטערטעניקייט און געבראָכנקייט. איך גלויב דעם דאָזיקן קול און דערפאר ווער איך אויפמערקזאמער צו זיינע ווערטער. ער איז פאר מיר איצט א נייגעריקייט, כאָטש ביים אָנהייב פון אונדזער באגעגעניש האָב איך געוואָלט, ער זאָל זיך פון מיר וואָס גיכער אָפּטראָגן.

איצט לאָז איך אים רעדן:

— מיינע טראגעדיעס... עס איז צו לאכן פון וואָס איך האָב אמאָל געליטן. שטעלט זיך פאָר: מיט פינף יאָר צוריק האָט מען מיך מער נישט אויסגעוויילט אין דער פארוואלטונג פון סוחרים־פאראיין. איך האָב דערפילט, ווי די גרעסטע באליידיקונג, דאָס לעבן איז מיר נישט איינגעגאנגען. לאכט ווי איר ווילט, אָבער דאָס איז געווען פאר מיר אן אומגליק. איך בין נעכט נישט געשלאָפן און די האָר אין די שלייפן האָבן גענומען האָסטיק גרוי ווערן... לאכט, איך לאַך אויך פון דעם. אָבער דעמאָלט האָט עס געדריקט און געשטיקט. דערנאָך, אין צוויי יאָר שפּעטער, האָט מיין עלטסטע טאָכטער זיך פארליבט אין מיינעם אן אָנגעשטעלטן. א דונער איז עס געווען, ווען זי איז אוועק פון שטוב און חתונה געהאט און בייזער בין איך נאָך געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אז זי איז גליקלעך מיט יענעם. איך האָב עס דורכגעקרענקט און א נאר געווען, ווען איך האָב זיך געהאלטן פאר אן אומגליקלעכן מענטשן, א נאר, א נאר... און דערנאָך איז געקומען די מלחמה. איך בין געווען פארנומען אין פאבריק, צו די קלאנגען פון דער גאס זיך צוגעהערט און אפילו אביסל זיך געשראָקן, נאָר די פאבריק, די ארבעט אין פאבריק האָט מיך איינגעשלונגען. האָט מען מיך גערופן צום טעלעפאָן. איך בין דאן געשטאנען אין ווערבעריי. די צוויי הונדערט וועב־שטולן האָבן גערוישט און צוגעקלאפּט. איבערן רוים האָבן זיך געצויגן די טראנסמיסיעס, איך האָב געקוקט, ווי די פעדים ציען זיך אין די קעטעס...

פלוצלינג ווינקט א מענטש צו מיר, פון מיין קאנטאָר, איך זאָל צוגיין צום טעלעפאָן. מיין פרוי האָט גערעדט. איך האָב צום אָנהייב נישט

געהערט גוט, נישט פארשטאנען גוט, וואָס זי רעדט צו מיר: — די שטאָט אנטלויפט, אלע אנטלויפן, קום שוין אהיים.

אומגליק צעטומלט דעם געדאנק, אָבער אומגליק באלויכט גאנץ העל די שרעקלעכע סיטואציע, אין וועלכער דו ביסט פּלוצלינג ארייננגע־פאלן. ווי פארטון איך בין נישט געווען אין מיינע געשעפטן, איך האָב גלייך אלץ פארשטאנען. איך האָב גענומען לויפן אהיים. איך בין אהין געקומען, מיין פרוי און מיינע צוויי טעכטער זענען געלאָפן פון איין שראנק צום צווייטן. א טראגעדיע: מען קאָן זיך נישט באשליסן, וואָס מיטצונע־מען און וואָס איבערלאָזן. יעדער פעלץ איז טייער, יעדעם קליידל איז א שאָד. מען האָט דורכגעוואָרפן אלצדינג, געגלעט און געטאפּט יעדע שמאט־קע... סוף כל סוף האָט מען פארפאקט א שפּאָר ביסל זעק מיט טשעמאָ־דאנעס. איך האָב געהאט צוויי גוטע אויטאָמאָבילן. מיט איינעם האָט אָנגעפירט א שאָפער, מיטן צווייטן מיין זון. מען איז געלאָפן פון לאָדזש, די עלטערע טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאט אָן מיין ווילן, האָבן מיר מיטגענומען, דעם איידעם אויך. די גאנצע משפחה האָט זיך געלאָזן פאָרן פון לאָדזש קיין ווארשע. וואָס זיי האָבן געטראכט וויים איך נישט. איך אליין האָב געטראכט דעם גאנצן וועג פון מיין פאבריק. פאר די אויגן האָבן געשוועבט די קעטעס, די נישט פארענדיקטע שטיקער סחורה, די קאנטאָר, די ביכער, די חובות, די וועקסלען און מיינע צוויי מויערן. דער טרויעריקער אמת, אז א פאבריק מיט צוויי מויערן קאָן מען נישט אריינ־נעמען אין די צוויי אויטאָמאָבילן, וואָס מען פארמאָגט. מיין פאבריק. מיין פאבריק, מיין פאָטערס, מיין זיידנס פאבריק. איך האָב די פאבריק אָפּגע־היט. נישט קיין נייע פאבריק פון אן אויפגעקומענעם, נאָר דערפאר איז די אלטקייט געווען פארזאָרגט און אונטערגעהאלטן, סאָליד און זיכער...

אין ווארשע האָבן מיר גלייך דערזען, אז מען מוז ווייטער לויפן, איז מען געלאָפן. נאָך אָטוואָצק האָט די מיליטערישע מאכט רעקווירירט איינעם פון אונדזערע אויטאָמאָבילן מיטן שאָפער אינאיינעם. די פעק האָבן זיי אונדז צוגעוואָרפן, אָבער ווי נעמט מען ארויף אזוי פיל פעק אויף איין אויטאָמאָביל? דאָס איז דאָך פשוט אן אומגליק. מיין טייערער! דאָס זענען דאָך נישט געווען קיין געוועגלעכע פעק. ווייבערישע האָפע־

גונגעו און חלומות, גיבער וועט די זון זיך פארלעשן, איידער די פרוי וועט זיך שיידן מיט א טייערן פעלץ.

פונדעסטוועגן...

די זון האט זיך נישט פארלאָשן, דאָך א טייל פון די פעק האט מען איבערגעלאָזט אויפן שאָסיי, הפקר פארן צופעליקן פארבייגייער, אָדער מאראָדער. מיט גרויס מי און פאר גרויס געלט האט מען געפונען א פויער מיט א שוואכער פורל. מען איז געפאָרן דריי קילאָמעטער א שעה, מען איז געווען אין סכנה. איך וואָלט געקענט אוועקגעוואָרפן דאָס פורל מיט די פעק, אָבער די ווייבער, זיי האָבן זיך אָן דעם געהאלטן מיט די נעגל, ווי די טיגערס. איך האָב זיך אָנגעהויבן פארטראכטן: צו וואָס באדארף מען אזוי פיל שראנקען מיט קליידער און צו וואָס באדארף מען אזוי פיל פעק. אָן די פעק איז דאָך דעם מענטשן לייכטער צו שפּרייזן. מיר זענען דערנאָך געגאנגען צו־פוס, א סך, גאָר א סך קילאָמעטער. איך האָב געשלעפּט פעק, מיין זון און מיין איידעם, מיינע דריי טעכטער מיט מיין פרוי האָבן אויך געשוויצט און זיי האָבן אויסגעפירט: א טייל פון זייערע בגדים האָבן זיי געבראכט קיין ראָוונע, און דערנאָך קיין קאָוונע. זיי האָבן זיך מיט דעם געפרייט ווי קינדער. גליקלעך זענען זיי די ווייבער. קיין פאבריק איז שוין נישטאָ, אָבער דערפאר איז געראטעוועט דער ברוינער קאראקול, דער פראנצויזישער קאָטיק און נאָך אזעלכע טייערע זאכן. היינט זענען מיר דאָ. מיר לעבן אין ענגשאפט. מיינע טעכטער נייען שוין אליין איין קנעפּ־לעך אין זייערע קליידער, דאָס איז א גרויס געשעעניש, עס וואָלט נישט געשאדט, זיי זאָלן זיך נעמען צו א פאך און צו דעם וועט דאָך פריער אָדער שפּעטער קומען. דערווייל בלאָזן זיי זיך נאָך אביסל פון זיך און ווארטן אויף נסים. איך ווארט נישט אויף קיין נס. איך האָב באטראכט מיין לאגע און זיך אונטערגעגעבן. אויב איר ווילט, בין איך אפילו צו־פרידן פון דער נייער לאגע. עס איז מיר לייכטער געוואָרן צו אָטעמען: איך האָב נישט קיין פעק אויף מיינע פּלייצעס. א פאק איז געווען די פאַ־בריק, א פאק איז געווען די גאווה, דער נארישער שטאָלץ פון יחוס און רייכקייט, יעדער טאָג איז געווען א פאק...

ער האָט אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין אין מיין בליק, צי איך גלויב אים. איך האָב אים געגלויבט. א מענטש מוז

מען גלויבן, כל זמן מען כאַפּט אים נישט ביי א ליגן, אָבער איך האָב אים געמוזט שטעלן א פראגע:

— ליבער פריינט, ווי וואָלט עס אויסגעזען, ווען היינט צו טאָג, אָדער מאָרגן־איבערמאָרגן באַקומט איר צוריק אייער פאבריק מיט די מויערן? ווי וואָלט עס דעמאָלט אויסגעזען?

— אָ, דאָס איז די וויכטיקסטע פראגע, וואָס איר האָט געקאָנט און באדארפט שטעלן. איך האָב אליין וועגן דעם געטראַכט און גאָר א סך געטראַכט. קלאָר און ריכטיק אייך ענטפערן קאָן איך נישט און איך וועל אייך אויך קאטעגאָריש זיכער קיין תשובה נישט געבן. איך טראַכט אָבער, אַז נאָך אַלע מיינע איבערלעבונגען און איבערטראַכטענישן וואָלט מיר געווען שווער אריינצוגיין אין די אַלטע האַלאַבליעס, דאָס וואָלט געווען א שקר קעגן זיך אליין, ווייל א סך חדשים לעב איך מיט א נאָגנדיקער אויפריכטיקייט צו זיך אליין. איך ארבעט זיך איבער, איך זאָג זיך אָפּ פון דעם אַלטן וווילטאָג און די אַלטע נארישקייטן. איך האָב געלעבט ווי א קרעט אין דער ערד, געארבעט און געזאַמלט, כדי אין א שיינעם טאָג דאָס צו פארלירן... ניין! אין דער שטיל וועל איך אייך זאָגן, אַז איך פיל זיך איצט בעסער, פרייער. ווען איך קוק זיך איין, ווי מיינע טעכטער פארצירעווען די זאַכן, זע איך אין דעם א דערגרייכונג, ווייל צו פּוסט און ליידיק איז געווען זייער לעבן. מיר האָבן געזינדיקט, איך און אַזעלכע ווי איך האָבן געזינדיקט קעגן די אייגענע קינדער. מיר האָבן זיי צופיל לוקסוס געגעבן, צופיל באַקוועמלעכקייטן. פאַר דאָס נויטווענדיקסטע לוינט צו האָרעווען, פאַר איבעריקע באַקוועמלעכקייטן איז א זינד צו פטרן דאָס לעבן און דערפאַר בין איך געווען א נאַר. טאָ שרייבט טאַקע אָן א זאַך מיט אַזא נאָמען. איך בין נישט דער איינציקער. מען דאַרף די מענטשן לערנען, כסדר באַדאַרף מען זיי לערנען און אָנווייזן, אַז זיי בלאָנדזשען און נארן זיך אָפּ.

לאַנג האָט דער מענטש פאַר מיר זיך מתודה געווען און דערנאָך האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און שפּאַצירט אויפן טראָטואַר. ווייט און נאָענט, אַהין און צוריק. ער האָט ווידער גערעדט:

— איך האָב נאָך אביסל געלט, ביי זיך און אין אויסלאַנד. מיר לעבן זייער באַשיידן, נאָר דער געוועזענער מיטאָג האָט איצט א בעסערן

טעם. ברויט האָט א בעסערן טעם, טיי, צוקער. פריער איז אַלץ געווען רייך, אָבער אָן א טעם. אין שטוב ביי מיר האַלט איך זיך אין איין צע־קריגן מיט די ווייבער. איך שריי, אַז איצט איז אַלץ בעסער, געשמאַקער און זיי פּישטשען מיט די אויגן, עס חלומען זיך זיי די גוטע צייטן... פאַר־געסט, מיינע טייערע, עס איז אונדז צו גוט געווען, מען מוז פאַרגעסן. איך האָב שוין פאַרשטאַנען די גרויסע חכמה פון באַנוגענען זיך, זיי מוזן דאָס אויך פאַרשטיין, און ווי איז ביי אייך?

ער שטעלט זיך און באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

— ווי איז ביי אייך? אפשר דאַרפט איר אביסל געלט, קיין סך נישט, אָבער מען איז דאָך אין גלות, איינער דעם צווייטן באַדאַרף העלפן.

— ניין! ליבער... איך בין אויך פון די, וואָס באַנוגענען זיך, איך בין נאָך גרייט זיך צו באַנוגענען מיט ווייניקער, אבי עס זאָל גוט זיין...

מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

פאַר די אויגן האָב איך געהאַט א צווייטן נפש. דעם האָב איך גוט באַטראַכט. אָבער דאָ מוז איך עפּעס פריער דערציילן:

מיט יאָרן צוריק האָב איך לענגערע חדשים פאַרבראַכט אין די ביאַלאָוועזשער וועלדער. דער אוראַלטער אָטעם פון דער נאַטור האָט מיר אַן אַנדער לעבן געגעבן. הלוואי וואָלט איך פון אַזא לעבן נישט אוועק. אויפשטיין באַגינען און נישט זען קיין מויערן — וואָס פאַר א פרייד דאָס איז, גיין ביינאַכט שלאָפן און מיטנעמען אויפן געלעגער די רואיקייט פון דער נאַכט — וואָס פאַר א געַנוס דאָס איז! איך האָב די טעג פון אַזא וואַלד־לעבן געזאַמלט, ווי איינער זאַמלט פּערל, אָדער גאָלדענע רענ־דלעך. מיט איין אונטערשיד, וואָס אַזא מין רייכקייט וויל קיינער נישט אוועקגנבענען, פּשוט דערפאַר, ווייל די קאַרגע און גנבים זעען דאָס נישט און פאַרשטייען דאָס נישט.

איך וויל דאָ נישט אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ באַשרייבן, ווי אַזוי די זון צעגליט דעם פּעך אויף די סאָסנע־ביימער און ווי אַזוי טויזנטער מאַי־זשוקעס באַפאַלן אַן אַלטע דעמבע און מאַכן פאַר זיך א סעודה פון די ברייטע בלעטער. וויפל טענער עס טראָגן זיך אין וואַלד פון די אַלטע און יונגע נאָר וואָס געבוירענע פייגל. אָפט טראַכט זיך אין אַזא געדיכטעניש

פון וואלד, אז מעשה בראשית הייבט זיך אָן אויף דאָס ניי. עס גייט אָן פרייד, געזאנג און קלאנג...

געווינט האָב איך דאָרטן אין א טארטאק, ביי א באקאנטן, וועלכער האָט מיך אראָפּגעבראכט פון ווארשע. צו מיין גליק איז דער טארטאק דעמאָלט געשטאנען. די גאטאָרס האָבן די ברעטער נישט געשניטן, עס האָט נישט גערוישט, עס איז אלץ פארנומען געוואָרן פון דער שטילקייט. דאָרטן נעבן דעם טארטאק איז געווען א קליין דערפל, איינגאנצן א צענדליק הייזער. איינמאָל האָט דאָרט געטומלט. עטלעכע צענדליק מענטשן, קליין און גרויס, האָבן זיך צונויפגעזאמלט אויף איין פונקט און אויף דעם פונקט האָבן זיי זיך שטארק געלאָזט הערן. וואָס איז געשען? די דאָרפסלייט האָבן געכאפּט א וואָלף...

א וואָלף האָבן זיי געכאפּט, א לעבעדיקן, א שטארקן, מיט זיינע שארפע ציינער. זיי האָבן אים געכאפּט מיט קונץ און ספּריט. זיי האָבן, די מענטשן, אויף שנעל צונויפגעקלאפּט א הילצערנע שטייג און דאָרט דעם וואָלף אריינגעלאָזט. זאָל ער דאָרט שטיין, ביז מען וועט פון אים די פעל אראָפּנעמען. זאָל ער דאָרט שטיין, ווי א טראָפעי. זאָלן די קינדער זיך פרייען, זאָלן די הינט ארום זיגעריש בילן, זאָל א זייטיקער פארבייגייער זען, וואָס פאר א העלדן עס זענען די איינוווינער פון אזא קליין דערפל...

דער וואָלף איז געווען אין שטייג. דורך די שפּארעס פון זיין שטייג האָט ער געזען די מענטשן, די הינט און די וועלדער ארום. די וועלדער, אין וועלכע ער האָט פריי געלעבט זיין וועלפיש לעבן. דער וואָלף האָט געהאט אומעטיקע אויגן פון א פארמשפּטן. איך בין, ווייזט אויס, א שוואכער מענטש, איך האָב נישט געקאָנט קוקן אין די וועלפישע אומעטיקע אויגן. רחמנות האָב איך אויף אים געהאט און עס האָט מיך אויף אן אמת געפרייט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אז ביינאכט האָט זיך דעם וואָלף איינגעגעבן ארויסצוקריכן דורך א שפּארע. ער איז אוועק צוריק אין וואלד — אין זיין וואלד.

---

די מעשה מיטן וואָלף האָב איך זיך איצטער דערמאָנט, ווען איך האָב אין א קאפּע דערזען נאָך איינעם פון לאָדזש, א באוווּסטן פּאברי-

קאַנט. ער איז געווען זייער רייך, ער האָט געצאָלט גרויסע שטייערן, האָט אויסגעקויפט אַלערליי פּאַטענטן, פאַר וועלכע מען באַדאַרף גרויס געלט אָפּגעבן, נאָר אויף איין שטייער איז ער קאַרג געווען. דעם שטייער פון מענטשלעכקייט און מענטשן־ווירדע, דעם שטייער פון העלפן א צווייטן. איך זע אים איצטער יעדן טאָג, א נידעריקער מיט א פּלעבעאישע טעמפּע פּלייצע, מיט וועלפישע אויגן... אָבער דאָס איז שוין נישט דער זעלבער. נישט אַזוי האָט ער געהאַלטן זיין קאָפּ אין לאָדזש. דאָרטן, ווו זיינע פאַבריקן זענען געשטאַנען, נישט אַזוי האָט ער געשפּרייזט, נישט אַזוי האָט ער גערעדט. איצט איז ער צעבראָכן, קיין סימן פון זיכערקייט אין זיך. און אפילו די אויגן, די גרויע, זיי האָבן אין זיך איינגעקוואַרטירט א טרויער. אָבער אויך דער טרויער זיינער איז קאַלט, ווי פריער איז קאַלט געווען זיין גאווה, זיין גדלות. הייסט עס, אַז ער איז אויך אין אומגליק. ער איז צעבראָכן און יעדער צעבראָכענער מענטש רופט ארויס מער אָדער ווייניקער מיטגעפיל. איך קוק אויף אים און א גראַנגל קומט אין מיר פאָר. מיטפילן מיט אים? רחמנות האָבן אויף אים? ער איז דאָך געווען זייער קאַלט צו אַנדערע, שלעכט געווען, קאַרג געווען. איצט גייט ער ארום פאַרכמורעט. אויף זיין גלאַט, קאַלט פּנים האָבן זיך באַוויזן קנייטשן, א סך קנייטשן, קענטיק, אַז ער לעבט געגוג איבער, קענטיק, אַז ער שלאָפט נישט אין די נעכט און, ווען איך קוק אים אָן, דערמאָנט זיך מיר כסדר יענער וואָלף. דער געפאַנגענער וואָלף פון די ביאַלאָוועזשער וועלדער און דעם אמת מוז איך זאָגן, צו יענעם האָב איך געהאַט מער מיטגעפיל, ווייל יענער איז געווען א וואָלף פון וואַלד מיט א חיהשן אינסטינקט און געבענקט האָט ער נאָך איין זאַך: נאָך זיין פרייהייט. דער דאָזיקער, דער פאַבריקאַנט, בענקט נאָך זיינע פאַבריקן, נאָך זיין רייכקייט. ער בענקט נאָך זיין פריערדיקן לעבן, און געווען איז זיין לעבן זייער נישט סימפּאַטיש. ער איז קאַרג געווען:

מיט עטלעכע יאָר צוריק זענען צען טויזנט יידן אריבערגעוואָרפן געוואָרן פון דער דייטשער אויף דער פּוילישער ערד. זיי אַלע האָבן זיך געוואַלגערט אינעם גרענעץ־שטעטל זבאָנשין. זיי אַלע זענען געווען אין א שרעקלעכער לאַגע. הערבסט, רעגן, נעץ און הונגער. יידן פון גאַנץ פּוילן האָבן זיך אָפּגערופן. לאָדזש האָט דעמאָלט זייער פיל אויפגעטון. אין מיטן

נאכט האָט מען געקלאפּט אין די אַפּטייקן — רפואות געזאמלט, אויפגע־וועקט דאָקטוירים און זיי אוועקגעשיקט קיין זבאַנשין. א טייל פון די ארויסגעיאָגטע האָט מען טאקע געבראכט קיין לאָדזש, מען האָט זיי מענטשלעך איינגעאָרדנט. דאָס אלץ האָט געקאָסט געגוג געלט, איז מען געלאָפן צו די רייכע פאבריקאנטן: געלט, געלט, געלט! מען דארף ראַ־טעווען די אומגליקלעכע. זעלטן ווער עס האָט זיך נישט אָפּגערופן. איך בין דעמאָלט געווען אין לאָדזש. איך האָב געזען, אז אין גרויסן צער פון אונדזער אומגליק איז געווען איין טרייסט: יידן רופן זיך אָפּ...

אָבער דער איינער, וועגן וועלכן דאָ רעדט זיך, דער איינער איז קאַלט פארבליבן. ער האָט גאָרנישט געגעבן. ער האָט בייז אָפּגעזאָגט. געדענק איך: עטלעכע פאבריקאנטן זענען געקומען צו מיר, אין א קאפע האָבן זיי מיך אויפגעזוכט, פארביטערטע און אויפגערעגטע:

— אזא און אזא, ער האָט גאָרנישט געגעבן אויף אזא אומגליק...

— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר?

— מען דארף שרייען, באשרייבט אזא געשיכטע, אזעלכע באדארף מען אָנלערנען!

איך האָב זיך פון דעם ענין ארויסגעדרייט. מאָראַליזירן — דאָס איז נישט מיין פאך. און צו וואָס באדארף מען שרייען וועגן איינעם א שלעכטן, דעמאָלט ווען גאָר א סך, די גרויסע מערהייט האָט דעם עקזאמען יאָ אויס־געהאלטן און זיי האָבן פיין און מענטשלעך זיך אָפּגערופן?

אָבער א שטילער שונא בין איך אים געוואָרן. ווען איך פלעג אים באגעגענען, פלעגט מיין הארץ נישט ליב רעאגירן. איך האָב רעכט פיינט צו האָבן און ליב צו האָבן וועמען איך וויל און א קארגער, פארביסענער באדארף אויף קיין ליבע זיך נישט ריכטן.

אזעלכער פארמשפּט זיך אליין. אזעלכער, וואָס קאָן זיך נישט אָפּ־רופן, איז א מענטש מיט א פינסטערער נשמה, עפּעס איז דאָרט אויסגעלאָשן אין זיין נשמה...

איצט איז ער מיט אונדז. אָן א היים און אוודאי אָן פארמעגן. אפשר האָט ער אויך וועמען פון זיינע נאָענטע פארלאָרן, דער געוועזענער מי־ליאָנער? יאָ, אים איז ערגער פאר אנדערע, ווייל מען דערמאָנט אים נישט צו גוטן. מען געדענקט זיין קארגשאפט. ער האָט קיין גוטע זאך אין לעבן

נישט געטון און א גוטע זאך צאָלט זיך אמאָל אָפּ.

איך קוק אויף אים און קאָן אַלץ נישט באגרייפן, צי באדאַרף מען אויף אים רחמנות האָבן ווי אויף די אנדערע אומגליקלעכע. אמת, אויף דעם וואָלף פון וואלד האָב איך יאָ רחמנות געהאט, אָבער ד ע ר וואָלף איז דאָך מער ווי א וואָלף. ער איז א וואָלף פון דער מענטשן־משפחה...

איך וויל נישט זיין שלעכט צו אים, נאָר עס איז מיר אויך שווער צו זיין גוט צו אים. דאָס הארץ פּראָטעסטירט קעגן דער דומהייט און בייזקייט פון דעם קארגן. קעגן דער איינגערעדטער זיכערקייט און פאריסנקייט פון א בן־אדם. אביסל מוז א מענטש צווייפלען אין זיך, אין דעם כלומרשטן גליק און נישט ווארטן, אז א גרויס אומגליק זאָל אים דעם צווייפל ברענגען...

מען מוז זיין בעסער...

איך דערמאָן זיך א בילדל, וואָס איך האָב אמאָל געזען אין ווארשע אויף דער נאַוואַליפּקי. דאָס איז געווען אין א נאסן פארנאכט. א צעקנייטשטער ייד איז געשטאנען מיט א קויש בייגל און געשריען צום עולם, מען זאָל ביי אים קויפן זיין סחורה...

נאס געווען, האלב פינסטער געווען, אין דער קבצנות פון דער נאס האָט א נישט הייטלעכע שטימונג געשוועבט. די לופט האָט געשטיקט, די אטמאָספערע האָט געיאָגט פון דאָרטן. פּלוצלינג איז נאָך ערגער געוואָרן: א כוליגאן איז אונטערגעקומען און מיט א שטויס האָט ער איבערגעקערט דעם יידנס קויש, אלע בייגל אויסגעשאָטן, אלע בייגל האָבן זיך געקייקלט אין דער שיטערער, צעטראָטענער בלאָטע. דער ייד האָט דערזען, וואָס מען האָט געמאכט פון זיינע בייגל, האָט ער זיך פארן קאָפּ געכאפּט און גענומען וויינען, ווי א קינד... זיין גאנץ פארמעגן איז פאר אים געלעגן אין בלאָטע, די וועלט איז אים אונטערגעגאנגען און אין דער זעלבער רגע איז זי פאר אים ווידער אויפגעגאנגען. איינער א פארבייגייער איז צו אים צוגעלאָפן און ער האָט אים אין האנט אריינגעשטופּט א מטבע, וועלכע האָט געדעקט דעם גאנצן שאָדן. דער בייגל־הענדלער האָט גענומען שמייכלען, און דער, וואָס האָט אים געבראכט די הילף, איז אויף שנעל פארשוונדן. דער מענטש איז אוועק, ווען דאָס הארץ האָט דאָס גוטע אָפּגעטון...

אין פארלויף פון צוויי מינוט האָבן צוויי וועלטן אָפּגעטון דאָס

זייעריקע. א גוטע וועלט און א שלעכטע וועלט. מיט א פריידיק הארץ־קלאפעניש דערמאָנען מיר דאָס גוטע. און דאָ וויל איך צוגעבן, אז יעדער שלעכטער מענטש מוז זיך פילן ווי א געפאנגענער וואָלף. ער איז נישט אין אָרדענונג מיט זיך אליין, מיט זיין געוויסן, מיט זיין ארומיקייט. פריער צי שפעטער וועט מען אים דאָס ערגעץ־ווו דערמאָנען, אָדער ער וועט דאָס אליין פארשטיין, דאן ווען עס וועט שוין צו שפעט זיין. די ביכער פון זיינע געשעפטן און פאבריקן זענען דאָרט אויף יענער זייט פון גרענעץ באשטימט שוין פארברענט געוואָרן צוזאמען מיט אלע בילאנסן, אָבער וואָס פאר א בילאנס האָט ער אין הארצן?

קארגשאפט.

מיט אזא בילאנס קאָן מען דאָך דערשטיקט ווערן פון איינזאמקייט און נישטיקייט...

## VIII

# קאפע „מאָניקאָ"

א גרויסע, ליכטיקע געביידע, הויכע ווענט, גרויסע פענסטער, ליכט בייטאָג און ביינאכט, פיינע, באקוועמע מעבל און אמתע גוטע קאווע, סמעטענע, פוטער־געבעקס און קוכן פון ערשטן בעסטן סאָרט. די קעל־נערינס יידישע און קריסטלעכע, קאָנסט רעדן צו זיי אויף אלע שפּראַכן, זיי ענטפערן דיר און באדינען ערלעך און שנעל... קאפע „מאָניקא". פּאריז און לאָנדאָן וואָלטן זיך מיט אזא קאפע נישט פאַרשעמט. אָבער ווי קומט אין פּאריז צי אין לאָנדאָן אזא מילך און אזא פּוטער? קאָוונע האָט אין דער הינזיכט איבערגעשטיגן אלע שטעט פון אייראָפּע. די קליינע ליטע האָט געהאט די בעסטע פּרעס־פּראָדוקטן.

דער ערשטער ווינטער פון דער מלחמה. פאר די פּליטים אין קאָוונע איז דאָס געווען א מאָדנער ווינטער: פון איין זייט פּחד. דער אמתער פּחד פארן מאָרגן. שרעק און שוידער פון נעכטן, זאָרג פאר די נאָענטסטע, וואָס זענען ביי די דייטשן פארבליבן און פון דער צווייטער זייט, אזא זאטער לעבן, אזא ליכטיקע קאפע מיט אזא טייערן קרעם צו דער שוואר־צער קאווע. קאפע „מאָניקא" איז געוואָרן די היים פאר הונדערטער און טויזנטער פּליטים. די גרעסטע צאָל פּליטים זענען געזעסן אין ווילנע, אָבער וועלכער פּליט איז דאָס נישט געקומען א צוויי מאָל אין וואָך קיין קאָוונע? מען איז געקומען צוליב פּאפּירן, צוליב וויזעס און ווו באגעגנט מען זיך? אין „מאָניקא". דאָ האָט מען זיך איינער דעם צווייטן דערציילט, וואָס מען האָט איבערגעלעבט, יעדערער האָט געהאט זיין נס, ווי אזוי ער איז אוועק פון דאָרט... און יעדער האָט געהאט זיין פּלאן, ווי אזוי ער וועט אוועק פון דאנען. דאָ אין „מאָניקא" האָט מען געשריבן אויף די טישלעך בריוו

און דעפּעשן צו דער גאַנצער וועלט, דאָ האָט מען זיך געזעגנט. אָט הייבט זיך איינער אויף, ער קושט זיך מיט באַקאַנטע, ער פֿאָרט אַוועק. אוי, איז מען אַזאַ איינעם מקנא געווען! נישט צו דערציילן, ווי די קנאה קאָן טיף און ביטער זיין. זע נאַר, אַזאַ איינער, דוכט זיך, אַז ער האָט גאָרנישט געטון, געזעסן רואיק און פּלוצלינג: ער האָט שוין אַ וויזע און פֿאָרט שוין אַוועק. פֿון קאָוונע פֿאָרט ער ביז ריגע מיט דער באַן, פֿון ריגע ביז שטאָקהאָלם מיטן אַעראָפּלאַן, דערנאָך פּאַריז און ווייטער און ווייטער. די וועלט איז גרויס. די וועלט האָט נאָך געגוג ערטער מיט רואיקייט...

און דאָ אין דער קליינער ליטע איז מען ווי אין גאָלדענעם שטייגל, יעדע רגע קאָן עפּעס פּאַסירן מיט דיר און מיט דיין שטייגל אינאיינעם. קאַלט איז געווען אויף דער גאַס, שנייען האָבן זיך ווילד געדרייט, ווי עמעץ וואָלט אויף אונדז אַלעמען אַ טויט־נעץ פֿאַרוואָרפֿן, אָבער אין די הייזער איז געווען געמיטלעך וואַרעם. וואַרעם און ליב איז אויך געווען אין „מאָניקאַ". אין מיטן איינעם פֿון די זאַלן איז געשטאַנען אַ גרויסער אַקוואַריום. דאָרט האָבן זיך געשפּילט קליינע, גאָלדענע און פּיל־קאָלירטע פֿישלעך. זיי האָבן געגעבן חן און היימישקייט דעם גאַנצן קאַפֿע... אַ קאַפֿע פֿול געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע זענען אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ פֿון גיהנום און עפּעס האָבן זיי דאָ מיטגעבראַכט פֿון גיהנום, איבערגעברענטע נערוון, צעבראָכענע רואיקייט, אָפּגעסמאַליעטן מוט, פּחד און נייע קרענק. אַ קרענק, וואָס דריקט זיך אויס אין איין געפֿיל, אין איין וואָרט: „לויפֿן". די אַלע פּליטים האָבן פּשוט געגליט אין דעם איינעם פֿאַרלאַנג: לויפֿן און וואָס שנעלער און וואָס ווייטער. די דאָזיקע קרענק באַדאַרף אויך האָבן אַ מעדיצינישן נאָמען: „וויזע", אָדער וויזע־קרענק. אַ קורץ, צווייזילביק וואָרט, וואָס האָט אַלעמען דורכגענומען... „וויזע". איינמאָל האָט עס געגלעט, דאָס צווייטע מאָל געביסן און געריסן שטיקער לייב. איבערהויפּט דעמאָלט, ווען אַ צווייטער האָט די וויזע באַקומען און נישט איך. דער פּרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן אין „מאָניקאַ" מיט וויזע און אַזוי האָט עס געזשוזשעט אַ גאַנצן טאָג ביז אין דער נאַכט אַריין...

צו ערשט האָבן די, וואָס האָבן געהאַט געלט און וויזע, געמעגט פֿרייפֿאָרן. שפּעטער האָט די דייטשע רעגירונג פּראָטעסטירט צו דער שוועדישער רעגירונג. זי האָט די שוועדן באַשולדיקט, אַז זיי לאָזן אַרויספֿליען

פון זייער לאַנד פּאַסאַזשירן אין מיליטער־עלטער. דעמאָלט האָט די שוועדישע רעגירונג דערקלערט, אַז זי וועט נישט דורכלאָזן די מענער, וואָס זענען יינגער פון פופציק יאָר. צו דעם באַשלוס האָט זיך אויך צוגעפּאַסט די ליטווישע רעגירונג. יאָ, מענער ביז אַכצן און איבער פופציק מעגן אַרויספאָרן, די איבעריקע דאַרפן בלייבן זיצן אין ליטע. האָט עס דעמאָלט געקאָכט אין „מאָניקאַ". עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט געלט און וויזעס, נאָר קיין פופציק יאָר האָבן זיי נאָך נישט געהאַט. איז געוואָרן אַ גערעג נאָך דער אַלטקייט, אַלע האָבן געוואָלט זיין עלטער, האָט מען זיך גענומען פאַרלאָזן בערד. גאַנץ „מאָניקאַ" איז געוואָרן איין באָרד. מען האָט פּשוט מיט גוואַלד געצויגן די האָר און אויסגעהאָדעוועט אַ בערדל. אַ באָרד, אַ גרויסע באָרד. איינער דעם צווייטן האָט געפרעגט:

— ווי זע איך אויס? יונג אָדער אַלט?

מען האָט כסדר געקוקט אין די שפּיגלען און די בערד זענען דערווייל געוואַקסן. אַנדערע האָבן טאַקע אויסגעזען עלטער און זיי זענען אַרויסגעפאָרן. מען האָט אויסגעקראַצט אין פּאַס די אמתע יאָרן און אַריינגעשריבן די נייע, באָרדיקע יאָרן, מען האָט אַלץ געטון און מען האָט זיך אָן עצה געגעבן. געווען צווישן די פּליטים איינער אַ לאַבענדסקי פון אַ יאָר פערציק. די באָרד איז ביי אים שוואַך געוואַקסן, אָבער ער איז געווען אַ דאַרער, אַ שמאָלער מיט אַ שמאָלן קאָפּ, כמעט יינגליש. ווען אַזאַ וועט זיין אַלט אַכציק יאָר, וועט מען אים אויך נישט גלויבן זיינע יאָרן, איז ער געגאַנגען און ערגעץ איבערגעמאַכט דעם פּאַס. איצט איז ער שוין געווען זיבעציק יאָר, ער האָט אָנגעטון קורצע הויזן מיט לאַנגע זאָקן און עפּעס אַ היטל פון אַ שילער און איז אוועקגעפאָרן אַלס... יינגל.

אין ליטע איז גוט געווען. מ'האָט דאָרט געגעסן די בעסטע סמעטענע, די בעסטע פליישן. מען האָט דאָרט געהאַט די בעסטע פריינט. דאָך, געחלומט האָט מען פון אַ וויזע. גוט איז געווען אין קאָוונע. מען האָט דאָרט ווייסן קרעם געגעסן, נאָר אין דעם ווייסן קרעם איז געקראָכן דער שווארצער פּחד. צו נאָענט איז דער דייטש און צו נאָענט איז דער רוס און צווישן די דאָזיקע צוויי קאָן מען לייכט דערקוועטשט ווערן... שרעק האָט כוח, עס קאָן פאַרשווארצן יעדע שעה און יעדע רגע. אָבער דאָס גוטע לעבן האָט אויך אַ כח. עס שלעפּט אַריין, ווי אין אַ זיסן זומפּ. אַנדערע

האָבן זיך פארגעסן, ווו מען איז דאָ אין דער וועלט. זיי האָבן זיך אינ־
גאנצן פארלאָזט אויפן מזל: „עס וועט אריבער, מען וועט דאָ איבערוואַרטן
די מלחמה". אזעלכע האָבן טייער באצאָלט פאר זייער נאכלעסיקייט. די
מערהייט האָט זיך נישט פארלאָזט אויף נסים. מען האָט געלעבט, גע־
אָטעמט און געארבעט אין איין ריכטונג: וויזעס און וויזעס...

איך האָב זיך אויך געפּלאָנטערט צווישן דעם דאָזיקן עולם. געגאנ־
גען פון טישל צו טישל, אָבער אין דער אמתן האָב איך נישט געוווסט,
וואָס עס טוט זיך מיט מיר... די וועלט פון וועלכער איך בין אוועק, די
דאָזיקע וועלט איז פון מיר נישט אוועק...

עס שוועבן פאר מיר שטעט און שטעטלעך, גאסן און געסלעך אָנ־
געפּאקט מיט יידיש לעבן. טומל, געדראנג, צער און פרייד. איך זע אָפענע
פענסטער, אין די פענסטער יידישע אויגן, יידישע קינדער, מוטערס און
טעכטער, איך זע א וועלט א גאנצע. איין וועלט, אונדזער וועלט. איך זע
די נאלעווקעס, נאלעווקער ראיאָן, אָט דער מוראשניק פון ארבעט און
האנדל, ביי די טויערן פון די גרויסע גרויע מויערן דרייען זיך ארום עט־
לעכע ליידיק־גייערס, אָבער הינטער די טויערן און הינטער די ווענט אר־
בעטן טויזנטער און טויזנטער יידן, אין די קעלערס, אין די בוידעם־שטיב־
לעך ווערט פּראָדוצירט. דאָ שטריקט מען, דאָ נייט מען, דאָ שטעפּט מען.
נישטאָ קיין מין פון דער גאלאנטעריי, וואָס דאָ ווערט נישט געשאפן. נא־
לעווקער ראיאָן ארבעט פאר גאנץ פּוילן. פאר פינף און דרייסיק מיליאָן
מענטשן. די פּראָנטן פון די רייכע גאסן קויפן העמדער און קראוואטן אין
די לוקסוס־קראָמען. אויף די „נאלעווקעס" פארקרימען זיי זיך און זיי
ווייסן נישט, אז זייער גאנצער פּוץ, די זיידענע העמדער מיט די זיידענע
קראוואטן קומען טאקע פון די נאלעווקעס...

איך זע יידישע שטעט און שטעטלעך.

איך זע לאָדזש, די לאנגע פּעטריקאווער גאס, אויף יעדן הויף גרויסע
סקלאדן פון מאנופאקטור. די שטאָט וועבט און שפּינט. צוויי הונדערט
טויזנט יידן זענען אנגאזשירט אין דער ארבעט. ארויף און אראָפּ פון די
טרעפּ, מען פּאקט פּעקלעך, מען טראָגט פּעקלעך, מען פירט פּעקלעך, פון
גאנץ פּוילן קומט מען אהער איינקויפן. אָבער די יידישע לאָדזש ארבעט
נישט נאָר פאר פּוילן. פון לאָדזש גייען פּעקלעך קיין איטאליע, קיין רו־

מעניע, קיין ענגלאַנד אפילו. לאָדזש עקספּאָרטירט קיין פּערסיע, קיין אפרי־קע, קיין כינע...

אָבער „מאָניקא" טומלט און באַקט וויזעס. נישטאָ קיין צוריק, מען דאַרף לויפן פאָראויס. דאָס איז אַ שטראָם, וואָס קאָן די וועלט מיטשלעפּן...

דער אוניווערזיטעט פון די וויזעס איז געווען די קאַפע „מאָניקא". דאָ האָט מען זיך געלערנט די וויזע־וויסנשאַפט. דאָ האָט איינער ביים צווייטן געגנבעט אַ פּלאַן, אַ געדאַנק. איינער דעם צווייטן נאָכגעפאָרשט צו וועלכן קאָנסול ער גייט, וועלכע דעפּעשן ער שיקט אין דער וועלט אריין און וועלכע בריוו ער באַקומט. אין „מאָניקא" איז מען נישט גע־זעסן אליין, ביי די טישלעך זענען אויך געווען די קאָוונער. אַ געמיש אַזא פון ליטווישע בירגער און פּוילישע פּליטים. אַ סך מאָל האָט מען נישט געקאָנט דערגיין, ווער פון זיי איז אַ פּליט און ווער נישט. אַזוי צונויפגעמישט איז מען געוואָרן, איין משפּחה. מען האָט פאַרבראַכט. געזען טעאַטער און קינאָ, געזען אַנדערע פאַרווייַלונגען, און דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך צונויפגעמישט מיט ידיעות פון איבער די גרענעצן, געציילטע פּליטים זענען געקומען, האָבן זיי דערציילט, אַז פון לעמבערג האָט מען פאַרשיקט אַ צוואַנציק טויזנט מענטשן אין די קאַלטסטע רוסישע געגנטן, פון ביאַליסטאָק האָט מען אויך פאַרשיקט. מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס די דייטשן מאַכן מיט די יידן. מען האָט זיך געבויגן פון ווייטיק און רחמנות, דאָך שווארצע קאַווע מיט טייערן קרעם האָט מען ווידער פאַרזוכט. אין „מאָניקא" האָט ביינאַכט געשפּילט מוזיק. נאָר געטאַנצט האָט מען דאָ נישט. דערפאַר האָט מען געטאַנצט אין „ווערסאַל", אין „מעטראָפּאָל" און אין אַנדערע ערטער. אַ סך פּליטים האָבן אויך גע־טאַנצט. זיי האָבן פאַרגעסן זייערע נאָענטסטע און געלאָזט זיך ווילגיין. אַנדערע פון זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז זיי טאַנצן דערפאַר, ווייל מען מוז זיך פאַרגעסן אביסל, אויב נישט קאָן מען משוגע ווערן. זאָל זיין אַזוי...

איך בין פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אין „מאָניקא". אין דער היים ביי דעם גוטן ליגום האָב איך אַלץ געהאַט, נאָר די „וועלט" איז געווען אין „מאָניקא". פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע און סטראַ־טעגיע האָט זיך דאָ געוואַלגערט ווי מיסט, אַלע זענען געווען חכמים. פאָראויסזאָגער. די, וואָס זענען די לעצטע געקומען פון וואַרשע, האָבן

דערציילט, אז דער דייטש האָט אזעלכע טאנקען און הארמאטן, מיט וועלכע ער וועט די גאנצע וועלט באזיגן... אלץ איינס: איך האָב געזען, אז איך האָב שוין נישט סיי ווי קיין וועלט, האָב איך זיך צוגעהערט, ווי אנדערע רעדן וועגן וויזעס. און „וויזע" איז פאר מיר געוואָרן עפּעס א גרויסער פויגל, אפשר וועט געשען א נס, איך וועל זיך ארויפכאַפּן אויף א פליגל פון אזא פויגל און מיטפליען, מיטלויפן... איך בין געווען מיד, אפאטיש, איך האָב זייער ווייניק געזאָרגט וועגן זיך, נאָר אָפט מאָל פלעגט דער פּחד זיך אויפהייבן פון אָרט. איך בין אויך געלאָפן אויף דער פּאָסט און טע־לעגראפירט קיין ירושלים, ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס. עס זענען אָנגעקומען בלייכע תשובות. איך האָב זיך נישט געערגערט קיין סך, איך האָב געלאָזן גיין מיט דער נאטור. דאָס איז געווען פון אָנהייב, אָבער שפּעטער האָבן די וויזע־מענטשן מיך אָנגעשטעקט מיט וויזע־נערוועאישקייט. איך בין אומגעדולדיק געוואָרן און אָנגעהויבן לויפן איבער די קאָנסולאטן. גאָר נישט אויסגעפירט און ווידער גיך מיד געוואָרן און אזוי א מידער ווידער געזעסן אין „מאָניקא", זיך צוגעהערט און צוגעקוקט... אויף יעדן איינעם, וואָס האָט עפּעס געטון פאר זיך, האָב איך געקוקט ווי אויף א העלד, איך אליין בין געווען הילפלאָז ווי א קינד.

ביינאכט, איך גיי אהיים. די ברייטע גאס איז באלויכטן און אָפּן פארן פוכיקן שניי, וואָס שיט און שיט. עס דערמאָנען זיך פארשידענע ווינטערס אין מיין לעבן. איך האָב ליב דעם שניי, איך האָב ליב די נאטור און אלע אירע דערשיינונגען, נאָר דאָרט אין קאָוונע, אויף דער לייסוועניש אלעע, האָט שניי אזוי ביטער ווי געטון... וואָס האָט דער טייוול געמאכט פון מענטש און וועלט? וואָס וועט זיין מיט אונדז אלעמען? ווי קאָן מען איצט עפּעס ליב האָבן? מיין מידער קאָפּ איז איבערגעלאָדן מיט אזוי פיל פראגן: וואָס וועט זיין מיט די יידן פון פּוילן, מיט קרובים און פריינט? וואָס וועט זיין מיט דער וועלט? וואָס וועט זיין מיט ענגלאנד? מיט דער מאזשינאָ־ליניע? די „מאָניקא" האָט מיר אָנגעשטאָפּט א פולן קאָפּ מיט פראגן, איך בין צו מיד פון דעם אלעם. דערנאָך ווען איך שטיי ביי מיין געלעגער, קוק איך אויף קישן און קאָלדרע און איך האָב עפּעס א געדאַנק, שטענדיק אין יענע טעג האָב איך געהאַט דעם זעלבן געדאנק, ווען איך פלעג צוגיין צו מיין געלעגער: אפשר וועט געשען א נס און מען וועט

פון שלאָף מער נישט אויפשטיין... אַט אַזוי זיך, אָן פּרעטענזיעס צו דער וועלט, איינשלאָפן אויף אייביק.

שפּעטער חלומט זיך מיר אַ גוטער חלום: אַ ווייסער ריזיקער אַעראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אונדז, אַלע פּליטים, אַוועקגעפירט ווייט ווייט.

פון מיינע לאַנגע חדשים אין קאָוונע האָב איך זיכער אַ העלפט פאַרבראַכט אין קאַפע „מאָניקאַ". איינזיצן אין דער היים איז זייער שווער געווען אין יענע טעג. היים איז געווען אָן אַפּצאַמונג, פאַרשלים זיך אין דיין צימער, קיינער פּלעגט נישט קומען, אָבער די אומרואיקייט איז געקראָכן דורך די ווענט. אין „מאָניקאַ" איז אויך נישט געווען רואיק, אָבער דאָ איז עס געווען געמישט מיט נייגעריקייט. די אומרואיקייט אין קאַפע איז געגאַנגען אינאיינעם מיט דערוואַרטונג. די נערוועאישע שטימונג איז געווען אַ מין נאַרקאָטיק, אָן וועלכן מען האָט שוין נישט געקאָנט לעבן. דאָ האָט מען געאָטעמט מיט דיפּלאָמאַטישע חכמות, מיט סטראַטעגישע איינפאַלן. דאָ האָט מען זיך דערוווּסט די לעצטע נייעס און די לעצטע שקרים.

און אין „מאָניקאַ" זענען געפאַלן זיפצן פון מידע אויסגעשעפּטע וואַנדערער. אין „מאָניקאַ" האָט מען זיך אויסגערעדט דאָס הארץ און די הערצער זענען געווען פאַרביטערט. יעדער איינער האָט געהאַט זיין ראָמאַן מיטן טייוול... אַט זיצט ביים צווייטן טיש אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ סימפּאַטיש געזיכט מיט אומעטיקע אויגן. ער — ביי זיין טיש אַליין. הייבט ער זיך פּלוצלינג אויף און קומט צו צו מיר, זעצט זיך אַוועק און נעמט גלייך רעדן:

— אַליין בין איך פון לאָדזש, אויף מילשע גאַס האָב איך געהאַט אַ קינאָ־טעאַטער. מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך גליקלעך חתונה־געהאַט און אַ חודש פאַר דער מלחמה האָט מיין פרוי געבוירן אַ קינד, אַ מיידעלע. געבוירן דאָס קינד און אַליין געשטאָרבן, איר דאַרפט פאַרשטיין מיין פאַרצווייפלונג, האָב איך צוגענומען צו מיין קינד אַ יונגע פרוי, אַ דייטשקע, אַז זי זאָל מיין קינד זויגן און אויסהאָדעווען. איר פאַרשטייט, און איך האָב געמוזט אַנטלויפן.

ער ווייזט מיר די פאָטאָגראַפיע פון זיין חודש־קינד. ער קוקט אויף דעם און וויינט:

— ווי טראַכט איר, איך האָב נאָך אַ קינד?

וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? אַזעלכע מעשיות און אַ סך ערגערע פלעג איך הערן יעדן טאָג און אָפטמאָל יעדע שעה. מיר דאַכט זיך, אַז צען לעבנס וועלן נישט סטייען אַלץ דאָס אויסצודערציילן, וואָס די אויערן האָבן געהערט, אַלץ האָבן זיי אַראָפּגעשלונגען טיף און טיפער, בכדי עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַנדערע מעשיות פון שוידער. איצט וועקט זיך דאָס אויף, עס קריכט אַרויס פון פינסטערן אָפּגרונט... מעשיות טראַגישע און קאָמיש־טראַגישע, מענטשן זענען געלאָפן מיט וואַליזעס און אָן וואַליזעס, און נישט זעלטן האָט מען געזען אויף די וועגן זיך וואַלגערן וואַליזעס אָן מענטשן. אוועקגעוואָרפענע וואַליזעס, ווייל זייערע אייגנטימער זענען אין וועג קלוג געוואָרן און זיי האָבן סוף כל סוף פאַרשטאַנען, אַז דאָס אָרימסטע לעבן איז בילכער, ווי די טייערסטע וואַליזע...

וועגן וואַליזעס האָב איך אין „מאָניקאַ" געהערט אַ סך דערציילונגען. דאָ ברענג איך בלויז דריי פאַקטן: בעת נעבן קאָוועל איז אַ צוג באָמבאַרדירט געוואָרן, זענען פון איין קופּע אַרויסגעלאָפן דריי דערוואַקסענע, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און פערציק און אַ פריילין פון אַ יאָר אַכצן. געווען איז דאָס אַ משפחה פון דריי. אַ משפחה מיט אַ סך וואַליזעס. די גרויסע וואַליזעס האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף הפקר. אַזוי האָבן אַלע געטון. זיי האָבן אויף שנעל געכאַפּט די קליינע וואַליזעס און גענומען שפּרינגען פון וואַגאָן און גענומען לויפן אין ווייטן פעלד אַריין. הונדערטער מענטשן זענען אַזוי געלאָפן. די משפחה פון דריי איז אָפּגעשטאַנען, צופיל פּעקלעך און וואַליזעס האָבן זיי געוואָלט אַרויסראַטעווען. זענען די פּעקלעך געפאַלן פון די הענט, זענען די וואַליזעס געשפּרונגען אויף דער ערד. האָט מען געמוזט זיך פאַרהאַלטן, אויפהייבן דעם באַגאַזש און ווידער לויפן. דערווייל איז דער צוג באָמבאַרדירט געוואָרן. פון די וואַגאָנעס איז ווייניק פאַרבליבן. צעקלאַפּט, צעשמעטערט, פאַרברענט... די פּאַסאַזשירן זענען געלאָפן עטלעכע קילאָמעטער מיטן פעלד, דערנאָך זענען זיי אַריין אין אַ וואַלד. דאָרט האָט מען זיך אָפּגערוט פון לויפן, דערנאָך איז מען ווידער געגאַנגען דורך פעלדער, געגאַנגען

שנעל און לאַנגזאַם. פּלוצלינג האָט דער מאַן, דער באַלעבאָס פון אַזוי פיל וואַליזעס, אַ געשריי געטון:

— ווּ איז מיין שמאָלע וואַליזע? די שמאָלע וואַליזע? די לעדערנע וואַליזע?

ער האָט עס געפרעגט מיט שרעק אין די אויגן. געפרעגט ביי זיין פרוי, ביי זיין טאָכטער, ביי דער גאַנצער מחנה מענטשן וועלכע האָבן געשפּרייזט אַלץ ווייטער...

— ווּ איז מיין שמאָלע וואַליזע?

ער האָט גענומען שרייען, הויך שרייען. די מענטשן האָבן זיך גע־מוזט אָפּשטעלן צוליב זיינע געשרייען:

— וואָס איז מיט אייך? וואָס שרייט איר? וואָס פאַר אַ וואַליזע?

— מיין שמאָלע וואַליזע.

— וואָס האָט איר דאָרט געהאַט אין אייער שמאָלער וואַליזע?

— וואָס האָב איך דאָרט געהאַט?

ער האָט ווילד געגלאָצט מיט די אויגן. די הענט האָט ער געהאַלטן אויפן קאָפּ. ער האָט זיך געוואָלט רייסן די האָר פון קאָפּ, נאָר געווען איז ער אַ פּליכעוואַטער...

— וואָס איך האָב געהאַט אין מיין וואַליזע? מיין לעבן האָב איך דאָרט געהאַט, מיין הויז, מיין מאַנופאַקטור־געשעפט, די האָרעוואַניע פון מיין גאַנץ לעבן האָב איך דאָרט געהאַט...

און ער האָט געוויינט, געשריען, זיין ווייב האָט אויך געוויינט. די טאָכטער האָט אויך געוויינט...

פון זיינע וויינענדיקע ווערטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז געווען קלוג, זייער קלוג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין אַ מלחמה, האָט ער פאַרקויפט דאָס הויז, פאַרקויפט דאָס מאַנופאַקטור־געשעפט און פאַר דעם געלט האָט ער זיך איינגעהאַנדלט בריליאַנטן... די בריליאַנטן האָט ער געהאַלטן אין דער שמאָלער וואַליזע...

און איצט איז די וואַליזע נישטאָ.

ער האָט געחלשט, מען האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט ער ווידער געחלשט... שפּעטער איז ער געזעסן אויפן גראָז, מען האָט אים געטרייסט...

א גרויסע מחנה מענטשן זענען געשטאַנען ארום אים. און איינער פון דער מחנה האָט געפרעגט ביי אים:

— פארוואָס האָט איר די בריליאַנטן נישט געהאַלטן אין קעשענע?

דעמאָלט האָט דער געחלשטער אויפגעהויבן די אויגן. אַזעלכע תמע־וואַטע אומגליקלעכע אויגן פון א געוועזענעם מאַנופאַקטור־סוחר.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, געטראַכט א רגע און אריינגע־רוקט די האַנט אין בוזעם־קעשענע און... ער האָט ווידער געחלשט. די בריליאַנטן זענען טאַקע געלעגן אין קעשענע. אין וועג איז ער געוועזן זייער נערוועאיש, האָט ער די בריליאַנטן כסדר איבערגעלייגט, פון קע־שענע אין דער וואַליזע און פון דער וואַליזע אין דער קעשענע.

אַלע האָבן זיך געפרייט, ווען דער פאַרלוסט איז צוריק געקומען, נאָר דער מענטש מיט די בריליאַנטן, זיין ווייב, זיין טאָכטער מיט זייערע אַלע וואַליזעס זענען שפּעטער פארשווונדן געוואָרן. ס'איז נישט גוט צו זיין צוזאַמען מיט אַזוי פיל מענטשן, וועלכע ווייסן, אַז דו האָסט בריליאַנטן.

און נאָך א וואַליזע:

אויף א צווייטן שאָסיי האָט איינער א הויכער, א דאַרער יונגערמאַן פאַרמאַטערט דעם עולם מיט זיין פאַרלוירענער וואַליזקע. ער האָט ביי יעדן געפרעגט, נאָכגעפרעגט, צי האָט איר נישט געזען א פיר־קאַנטיקע וואַליזקע, א שוואַרצע, אַן אַלטע... ער האָט געזיפצט, באַקלאָגט זיך, גע־שוויגן לאַנג און ווידער נאָכגעפרעגט:

— צי האָט איר נישט געזען א וואַליזקע?

פרעגט מען ביי אים:

— וואָס האָט איר דאָרט געהאַט אין אייער וואַליזקע?

— פּלענער.

— וועלכע פּלענער?

— פּלענער ווי אַזוי צו ראַטעווען די וועלט פון אַלע אומגליקן און פון אַלע מלחמות...

מען האָט גלייך געזען, אַז מען האָט צו טון מיט א צעמישטן. פון די אעראָפּלאַנען מיט די באָמבעס קאָן מען טאַקע צעמישט ווערן.

נאָר אויף זיכער זאָגן, אַז דאָס איז געוועזן א משוגענער האָט מען

נישט געקאָנט. אנדערע האָבן געטראַכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ וויכטיקער לץ... וואָס האָט געחוזקט פון אַלעמען.

די דריטע געשיכטע, וואָס איך האָב געהערט אין „מאָניקא" וועגן וואַליזעס איז מער טראַגיש, און ווי רואיק מען זאָל דאָס נישט דערציילן, בלייבט אַ קאַלטער שוידער פון איר.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע. מחנות־ווייז איז מען געלאָפן פון פּוילן. די גרענעץ פלעגט מען אַריבער־גיין ביים טייך בוג. אַ שיין ביסל מענטשן זענען דאָרטן דערשאָסן געוואָרן, דערטרונקען געוואָרן. אין דער לענג פון טייך זענען געווען אַ סך דייטשע קאָנטער־פּונקטן און דאָרט האָט מען די מענטשן רעווידירט. אנדערע האָט מען דורכגעלאָזט און אנדערע האָבן שוין מער די ליכטיקע וועלט נישט אָנגעזען. און אין „מאָניקא" איז געזעסן אַ ייד פון אַ יאָר פערציק און האָט דערציילט זיין געשיכטע:

— נישט ווייט פון ברעג איז געשטאַנען אַ גרויס הילצערן הויז, דאָרט איז געווען אַ יונגער דייטשער לייטענאַנט מיט אַ מאָנאָקל אין אויג און מיט אַ שפּיץ־רוט אין האַנט. ער האָט געשריען:

— ווער עס האָט גאָלד, בריליאַנטן אָדער וואַלוטע, זאָל עס פריי־וויליק אָפּגעבן, און ער וועט קאָנען פריי אַריבער דעם טייך. אָבער דער וואָס וועט וועגן דעם נישט מעלדן, יענער וועט דערשאָסן ווערן...

ער האָט געשריען דער דייטש. צוויי בייזע זעלנער זענען געשטאַנען נעבן אים. איך בין צעטומלט געוואָרן, נישט געוווּסט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט מיר טוט זיך און איך האָב נישט געמאָלדן. ביי מיר אין וואַליזע איז געווען באַהאַלטן איין אַסיגנאַציע פון טויזנט דאָלאַר, צווישן די וועש איז עס געווען באַהאַלטן און די דייטשן האָבן עס געפונען. דער אָפיציר האָט מיר גלייך דערלאַנגט מיטן שפּיץ־רוט אין די אויגן און אַ שטויס געטון צו דער וואַנט... פייער־פונקען האָב איך דערזען, שרעק, טויט־שרעק האָב איך דערפילט און אַ שריט פון מיר האָט מען שוין באַזוכט אַ צווייטן יידן, ביי אים האָט מען גאָרנישט געפונען. דערווייל האָט מען צום אָפיציר געקלונגען דורכן טעלעפאָן. ער איז אויף שנעל אַוועק. מען האָט אים באַ־שטימט ערגעץ אַרויסגערופן. פאַר דעם אַוועקגיין האָט ער אָפּגעגעבן צוויי באַפעלן. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם ייד, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר:

— דעם דאָזיקן באַפרייען.
און אויף מיר האָט ער אויך אָנגעוויזן:
— דעם דאָזיקן גלייך צום קאָמענדאַנט.

אָבער דאָ איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע זאַך, אַן אומפאַרשטענדלעכע. די זעלנער האָבן פאַרביטן די באַפעלן. יענעם ייד, ביי וועלכן מען האָט גאָרנישט געפונען, האָבן זיי אוועקגעפירט צום קאָמענדאַנט, און מיך האָבן זיי באַפרייט. מען האָט מיר דערלאַנגט דעם צווייטנס וואַליזע און פשוט ארויסגעשטופּט פון דער געביידע. „גיי שנעלער יודע!" בין איך געגאַנגען, אַן פּיס, צי מיט פּיס, אָן קאָפּ, צי מיטן קאָפּ, איך בין געגאַנגען און אין עטלעכע מינוט שפּעטער בין איך שוין געזעסן אין אַ פישער־שיפל, אַרי־בערגעפאָרן דעם בוג, און איצט בין איך דאָ מיט אייך. איך ווייס נישט, וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם צווייטן ייד. איך האָב אים נישט געקענט און איך האָב זיין נאָמען נישט געוווּסט. איך האָב נאָך אַלץ זיין וואַליזע, אביסל קליידער, אביסל וועש. איך האָב עס געבראַכט פון גרענעץ די וואַ־ליזע זיינע, ביז קאָוונע געשלעפּט און ווער ווייסט, ווי לאַנג איך וועל זיך מיט דעם ארומשלעפּן. אפשר אויף אייביק.

אזעלכע מעשיות... און אזא איינער, ווי איך האָב דאָס אויסגעהערט. אפילו אַ טראַכט געטון אמאָל: „איי גוט, איך האָב גאָרנישט מיטגענומען, די קלענסטע וואַליזע נישט, גאָרנישט, איך האָב דאָך זיך געוואָלט ראַ־טעווען און מער גאָרנישט". אָבער איצט טראַכט איך גאַנץ אַפּט, אז איך האָב מיטגענומען די גרעסטע וואַליזע, אזא גרויסע, ווי די וועלט. איך האָב אַ פול הארץ מיט בענקשאַפט צו דעם נעכטן, צו יענע גאַסן, צו יענע יידן. אזא בענקשאַפט, וואָס וועט שטאַרבן מיט מיר. איך האָב ביי זיי לידער גענומען און לידער געגעבן, איך בין פון זייערע גאַסן קיינמאָל נישט אראָפּ. איך האָב דאָרט אַלץ געפונען און אַלץ געהאַט פאַר זיך אַלס ייד, מענטש און דיכטער. איך האָב זיי פאַרשטאַנען און גליקלעך געווען, ווען זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען. אָ, די וועלט מיינע, אונטערגעגאַנגענע וועלט! ביסט מיר שיין געווען אין דיין אָרימקייט, בוך מיינס, וואָס איך האָב שטענדיק געלעזן, בוך מיינס, וואָס איך האָב שטענדיק געשריבן, מיין מיליאָן לעזער... מיינע געסלעך און גאַסן, די זון און דער שאָטן פון דאָרטן, אַלץ איז מיר אזוי בלוטיק און טייער. „גלות ייד". ערגעץ־ווו האָבן טרו־

קענע מוחות דיך אזוי אָנגערופן: גלות־ייד, געוואָלט דיך פּארקלענערן, פּארמיאוסן... דיך, פון דורות אויסגעפּרוווטן, אויסגעהאלטענעם און גלויביקן גלות. איז דען נאָך פאראן אזא געהייליקט וואָרט?

ניין! איך האָב קיין וואליזע מיט בריליאנטן פון דאָרט נישט מיטגענומען. צער לייגט מען נישט אין קיין וואליזע... איך האָב מיטגענומען יידישע בליקן, טיפע בליקן.

דער ייד, דער לאנג־געקליידטער, דער ייד אין דער שווארצער קאַפּאָטע, א קאפּאָטע ביז צו דער ערד. א קליין היטעלע מיט א קליין קאָזירעק, דאָס איז זיין גאנצער מלבוש. אָט אזוי גייט ער און פלאָנטערט זיך אין לעבן, טויזנטער און צענער טויזנטער זענען אָנגעטון אין א שאבלאָנעם בגד. מיט זיין אויסזען טיילט ער זיך אויס פון דער ארומיקייט אויף א מאָדנעם אופן, ער פארזיגלט מיט זיין אויסזען די אָפּשטאמונג. קוקסט אויף אים יאָ אָדער נישט — אים גייט עס נישט אָן. ער האָט צוליב זיין קאפּאָטע שוין גענוג געליטן, אומעטום באליידיקט געוואָרן מיט אלע מיאוסע צונעמענישן. אין עפנטלעכע ערטער איז אים אין אזא בגד פארבאָטן אריינצוגיין, פון שטאָט־גאָרטן פאריאָגט, אָבער די בייזע אויגן האָבן אים קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן. די אָפּגעטרונענע, די אסימילאציע האָט געקעמפט קעגן זיין קאפּאָטע. די יידישע אינטעליגענץ האָט פיל מאָל פון דעם שטארק געליטן: צוליב וואָס זיך אָנטון אין אזא בגד? דער ייד אין דער קאפּאָטע האָט קיינעם נישט געפאָלגט. הונדערטער מאָדעס האָבן זיך געביטן, אָבער נישט פאר אים. די קאפּאָטע, דאָס איז א בגד — א צוים, א בגד — א גרענעץ, אן אָפּגעזונדערטקייט. עס זענען געווען גאנצע גאסן און געסלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען שווארץ פון דער שווארצער קאַפּאָטע, וועלטן און וועלטלעך פון איין געשטאלט. מענטשן — מוראשקעס. די שונאים און ביליקע פיינשמעקער האָבן בלויז געזען די קאפּאָטע, זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אריינקוקן אין די שווארצע אויגן פון די דאָזיקע קאפּאָטע־טרעגערס. מזרח־אויגן, שווארצע, טיפע אויגן, אויגן אויף אן אמת פול מיט חכמה, אויגן אויף אן אמת פיל קליגערע פאר יענע שפּאסיקע אויגן פון די אָפּלאכער, אויגן פון אייגנארטיקע, גאָר באזונדערע אריסטאָקראטן. סקעפּטיקער און פילאָזאָפן קוקן אזוי. אָבער איך וואָלט נישט געזאָגט, אז אין אזעלכע אויגן איז געווען פארצווייפלונג;

ספק, אָדער רעזיגנאַציע. דער סקעפּטיציזם איז געווען אין איין ריכטונג, אין דער ריכטונג פון אַזוי גערופענעם אייראָפּעאיזם.

מיט זיין בגד האָט זיך דער פרומער ייד אָפּגעגרענעצט פון דער גרויסער, באַנאַלער וועלט און פון אַלע פאַרגעניגנס, וואָס אַזאַ וועלט גיט. פון אים האָט מען כסדר געלאַכט, נאָר איך טראַכט, אַז ער האָט געלאַכט דער ערשטער. אים האָט „אייראָפּעאישקייט" נישט באַפרידיקט. זיין אינערלעכע וועלט איז באַשטאַנען פון עפּעס טיפערס: גלויבן אין גאָט, ריינער פאַטריאַרכאַלער פאַמיליען־לעבן, אָט דאָס זענען געוואָרן זיינע אטריבוטן, זיינע עקזיסטענץ־קוואַלן און אַלץ איבעריקע איז שטות, ליידיגע זאַכן, פּאָזע, דברים בטלים און מער גאָרנישט.

עס האָט פיל מאָל אויסגעזען, אַז ער שעמט זיך מיטן לעבן פון די איבעריקע יידן, עס עקלט אים פון זיי און ער וויל נישט, מען זאָל אים פאַרמישן מיט זיי, ער אַנטלויפט פון זיי. גערעכט, צי אומגערעכט? אָבער אין זיין אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט איז געווען אַ סך העראָאיזם, גאַנצקייט און געגנוג זיכערקייט אין זיך. אין זיין אָפּגעשלאָסנקייט איז נישטאָ קיין שרעקעוודיקייט און קיין געפיל פון מינדערווויכטיקייט אוודאי און אוודאי נישט. גיכער פאַרקערט. ער, דער קאַפּאָטע־ייד, האָט געהאַט דעם מוט זיך אויסצוטיילן. ער איז אריין אין זיין קוואַרטאַל און צו קיינעם נישט געקראָכן, ער האָט די פרעמדע לידער נישט געזונגען, ער האָט זיך אויסגעקליבן זיין לעבנס־נוסח, האָט ער באַדאַרפט אַ באַשיידן בגד, אַ פּשוט בגד, אָן געשריי, אָן פאַררעסנקייט. אַ בגד — אַ דאָקומענט, אַ ציינגעניש! דאָס בין איך. דאָס געטאָ איז דאָך דעמאָלט נישט געווען, ער האָט זיך אַ פּריוויליקע געטאָ גענומען, אַליין מיט זיין בגד, זיך אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. וואָס מער די אַסימילאַציע האָט זיך געפּוצט אין פרעמדע פאַרבן — אַלץ שוואַרצער האָט אויסגעזען די קאַפּאָטע, פּונקט ווי דער ייד וואָלט וועלן מיט דעם אויסרופן — דערקענט מיך אומעטום און אין יעדער צייט, איך וויל נישט זיין ענלעך צו אַנדערע און איך וויל זיך ביי קיינעם נישט איינקויפן, עס וועט גאָרנישט העלפן, איך האָב די דערפאַרונג פון דורות...

איך וויל נישט גלאָריפיצירן די קאַפּאָטע, איך בין אַ זון פון אַ מתנגד, אָבער איך בין זיך מודה, אַז די עקשנות, וואָס דער קאַפּאָטע־ייד

האָט ארויסגעוויזן, פלעגט מיך שטענדיק איבערראשן. איך האָב אים נישט פארשטאנען, איך האָב נישט פארשטאנען, צוליב וואָס מענטשן מאכן זיך קליין, שאבלאָן, קליין... קלענער, ווי מען איז אין דער ווירקלעכקייט. די קאפּאָטע אלס א בגד פארשמעלערט און דערנידעריקט יעדעס געשטאלט. דער דאָזיקער קאפּאָטע־ייד איז פיזיש גוט געבויט, זיינע טיפּע מזרח־אויגן האָבן קיינמאָל נישט פארלוירן פון זייער גלאַנץ און בלויז די קאפּאָטע האָט אים לעבערלעך געמאכט, זי פלעגט עם ליפערן מאטעריאל פאר קאַריקאטור און שפּאס. מען האָט זיי, אָט די אלע קאפּאָטע־יידן, אָפּגעזיגלט מיט א שטעמפּעלע: „פאנאטיקער", אָבער פאנאטיזם איז אָפּטמאָל דער העכסטער אויסדרוק פון א טיפן גלויבן אין דער אייגענער גערעכטיקייט... איך וויל דאָ נישט אָפּשאצן די קאפּאָטע, דאָס איז פאר פאַרשער. איין זאך איז פאר מיר גענוגנד: דער פּוילישער ייד איז קיינמאָל נישט געגאנגען אויף פשרות, ער האָט זיך בלויז אָפּגעזונדערט: „איך בין א ייד, איך וויל קיינעם נישט אָפּנארן מיט מיין אָפּשטאם, איידער איך באַווייז מיין פּאַס־פּאָרט, ווייסט מען שוין ווער איך בין". דאָס איז נישט די גאווה פון באַרימעריי, דאָ איז אפשר פאראן פיל מער פון יאוש. דאָס איז אַן איינגעשפּארטער נישט־גלויבן אין קולטור און פּאָרשריט. צו וואָס זיך אויס־פּוצן און זיך צופּאסן צו די אנדערע? פריער אָדער שפּעטער — דער זעלבער פּסק...

איז ער גערעכט געווען, צי אומגערעכט? וואָס איז דאָס? די ביטערע דערפארונג פון אַן אלט פאָלק, אָדער אַן אומזיסטע עקשנות פון דורות? שווער צו ענטפערן... אָבער די עקשנות איז גרויס, פארן טויט רופן טאטעס די בנים זייערע און יענע מוזן שווערן, אז די קאפּאָטע וועלן זיי נישט אויסטון... איך האָב געהאט באקאנטע און פריינט, יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געטראָגן דאָס קליינע היטעלע מיט דער לאנגער קאפּאָטע. זיי זענען נישט געווען קיין אָפּגעשטאנענע מענטשן. זיי האָבן געלייענט אַלטע און נייע ביכער. זיי האָבן דיספּוטירט וועגן אַלע פראגן, וואָס דאָס לעבן האָט ארויסגערוקט, אויף קאָנצערטן האָט מען זיי געזען, אין טעאַטער געזען, אָבער שטענדיק אין דער קאפּאָטע. פרעגט מען ביי אזא: — צוליב וואָס טראָגסטו די קאפּאָטע? —איך האָב מיין טאטן פארן טויט צוגעזאָגט, אז איך וועל מיין בגד נישט בייטן. — אָבער דאָס ברענגט א

סך אומאנגענעמלעכקייטן, אפשר... — אָבער א וואָרט איז געגעבן געוואָרן און דאָס וואָרט מוז מען האלטן ביזן סוף.

אָט אזוי דורות גאנצע אין זייער אייגנארטיקייט. און די וועלט, די אייגענע און די פרעמדע וועלט, קרימט זיך, קריטיקירט און לאכט אוים... די שווארצע קאפּאָטע איז ווי פון אייזערנע פעדעם געוועבט... מען וויל פון דעם דאָזיקן פּאנצער נישט ארוים און מען לאָזט קיינעם צו זיך נישט צו. דאָ האָט נישט געהאָלפן קיין דיסקוסיע, קיין ארגומענט. די שווארצע קאפּאָטע האָט זיך צוגעשפּיליעט און קיינעם גאָרנישט געענטפערט... די שווארצע קאפּאָטע... א בגד פון זעלבסטשוץ...

פּרץ האָט זיי אידעאליזירט, אנדערע האָבן איבערגעטריבן אין זייער קריטיק און אָפּשפּאסונג. דאָס איז דאָך אָבער א וועלט פון גרויסער גלות־ירושה, פון געטאָ און רדיפות. אין זייערע נשמות זענען פארבליבן צופיל קנייטשן פון דער אינקוויזיציע און וואַנדן וועלכע קאָנען זיך נישט פארהיילן. פון דאנען איז טאקע די פארשלאָסנקייט אין זיך אליין, דעריבער האָט זיך יעדער איינער איינגעוויקלט אין א שווארצן כאלאט, א שווארצער גרענעץ זאָל זיין ארום אים, ער אנערקענט נישט קיינעם, בלויז זיין גלייכן. אלע צוזאמען מאכן זיי א שטארקן איינדרוק. טויזנטער אזעלכע אויף איין פּלאַץ זעען אוים ווי א מיסטעריע. ווער עס האָט אין זיין לעבן נישט געזען א גרויסע חסידישע לויה, אָדער ווי זיי באגעגענען דעם רבין אויף א וואקזאל, דער קאָן נישט פארשטיין, ווי אָפּגעזונדערט און ווי אנדערש זיי זענען... ווער האָט זיי געשטויסן צו דער דאָזיקער אָפּגעזונדערטקייט, ווער איז אין דעם שולדיק? זיכער: די צרות פון גלות, דער גלות אליין.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָב איך זיי געזען אויף „זייערע" גאסן. זיי זענען געשטאנען ביי די טויערן פון די הייזער. עפּעס האָבן זיי אויסגעזען העכער, ווי זיי זענען, דאכט זיך, זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט און זיך גרייט געמאכט אויפצונעמען א נייעם בארג מיט צרות. די ליפּן פארשטייפט, די בליקן קאָנצענטרירט אין זיך און אויב זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן אויף אזא איינעם, וואָס גייט פארביי מיט א מאָדערנעם העלן הוט און מיט א מאָדערנעם קראוואט, האָבן די דאָזיקע אויגן, דאכט זיך, דערצײלט: — העי, דו איינער דאָרט! דו ביסט אוודאי

פון די יעניקע, וואָס גלויבן אין פּראָגרעס. קוק זיך נאָר איין אויף דעם פּראָגרעס, וואָס דיינע פּראָגרעסלייט האָבן געמאכט.

א געשריי פון דער סירענע. מענטשן לויפן אין די טויערן, אין די קעלערס, די וואָס טראָגן א לאנגע קאפּאָטע, די לויפן אויך, זיי לויפן און די קאפּאָטע לאָזט נישט, זי פּלאָנטערט איין דעם גוף, זי צוימט דעם וועג. די גאס ווערט ליידיק און די ליידיקייט איז פול מיט אנגסט, מיט בייזן אָנזאָג. שרעקלעך געווען צו קוקן אויף די מענטשן מיטן גדאנק, אז אין א מינוט ארום קאָנען זיי שוין נישט זיין, ביטער געווען צו טראכטן, אז די דאָזיקע הייזער, די נעסטן פון א סך נפשות קאָנען באלד צעשאָטן ווערן אין מיסט. אָבער נישט איינמאָל האָב איך באגעגנט א בליק פון יידישע אויגן, א בליק, וואָס איז שטארקער פון אלץ. גלויבן־עקשנות, אָדער לעבנס־עקשנות. איך ווייס נישט, וואָס פאר א בליק דאָס איז — איך האָב אים בלויז דערפילט אין דער טיפקייט פון זיין נשמה, ווי א בריליאנטן־בליץ פון בטחון. פון ווארשע איז מען געלאָפן, ווי פון א גיהנום. עס זענען געלאָפן יידן און קריסטן, יונג און אלט. מען האָט געלאָזט דאָס טייערע ווינקעלע פון דער היים און היימישקייט. אנדערע האָבן נאָך פארכאפּט קלייניקייטן פון פארמעגן, די צווייטע האָבן אויף אלץ א מאך געטון מיט דער האנט, מען האָט זיך געלאָזט אין א וויסטן מארש. אך, איז דאָס געווען א קנויל, א צונויפמיש פון מענטשן, א קאלידאָסקאָפּ פון יסורים. די שרעקלעכע מלחמה־לאפּע האָט זיי א דריק געטון און צעקנייטשט גייסטיק און פיזיש. זיי האָבן איבערגעלאָזט טאטע־מאמע, ברידער האָבן איבערגעלאָזט שוועסטער, מענער האָבן איבערגעלאָזט פרויען, עלטערן האָבן פארלאָזט אין איילעניש זייערע קינדער. מען קאָן קיינעם נישט באשולדיקן. דער שוואכער מענטש איז פּשוט נישט געווען צוגעגרייט צו אזא גיהנום אויף דער ערד...

אָבער דער אין דער לאנג־לאנגער, שווארצער קאפּאָטע און אין זיין קליינער, נישטיקער היטעלע איז נישט געלאָפן. אין זיין פּשוטער קאפּאָטע, אין זיין געשטאלט פון א ייד מיט זיין באָרד און פּנים, האָט ער זיך געשטעלט אנטקעגן אלע צרות. ער איז פון טויער נישט ארויס, און פון זיינע טרעפּ נישט אראָפּ. ער האָט זיין הויז־געזינד און זיין בית־תפלה נישט פארלאָזט. הארמאטן און עראָפּלאנען האָבן טויט געוואָרפן. טויערן זענען

איינגעפאלן און נישט איין משפחה פארשאָטן און באגראָבן. אָבער די אנדערע זענען נישט געלאָפן...

דער ייד אין דער שווארצער קאפּאָטע איז נישט געלאָפן. אויף די שאָסייען פון פוילן, אין די שטעט און שטעטלעך פון דעם פּליטים־מאַרש האָט מען זייערע געשטאלטן נישט געזען. אויף דעם אלטן אָרט זענען זיי פארבליבן, ווייל דאָרטן זענען געווען זייערע משפחות, זייערע בית־עולמס, זייערע געבעט־הייזער. דאָס איז דאָך אַ פאקט: זיי האָט מען אין וועג נישט געזען, אלע ווי איינער זענען זיי אויף די ערטער פארבליבן. יסורים און שוידער, עמעצער מוז דאָך די צרות איבערטראָגן, זענען זיי אלע פאר־בליבן... און פארשוואונדן...

## IX

# ביים פאַרפרוירענעם ניעמאַן

דער ווינטער פון ערשטן מלחמה־יאָר האָט זיך לאַנגזאַם געררוקט. קיין גרויסע שלאַכטן זענען נישט געווען. די גאַנצע ענערגיע האָט דער דייטש אוועקגעלייגט כדי צו פייניקן די יידן. מיר האָבן שוין געוווּסט וועגן דער לאָדזשער געטאָ. מיר האָבן שוין געוווּסט וועגן די צרות אין וואַרשע און אין אַנדערע פּוילישע שטעט. איך האָב געזען געראַטעוועטע יידן, אַזעלכע, וועלכע זענען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס, באַשפּיגן געוואָרן פון געמיינע צוויי־פיסיקע ברואים. איך האָב געהערט זייערע שוואַרצע דערציילונגען, איך האָב אפילו די פאַרבליבענע וווּנדן געזען אויף זייער לייב... די נשמה פלעגט מיר ערגעץ טיף אַראָפּפאַלן פון די דאָזיקע מעשיות. לעבן פאַרלירט יעדן חן, און שוואַרץ זעט אויס דער שניי אויף די קאָווּנער רואיקע גאַסן. דאָך שפּרייזט מען, דאָך לעבט מען... אָפט טראַכט מען ביטער, אַכציק מיליאָן זענען זיי די דייטשן. אַ דערצויגן פאָלק, אַן אַרבעטזאַם פאָלק. מען האָט זיי גערופן „דאָס פאָלק פון די פילאָזאָפן און דיכטער".

איין גזלן איז ער. זיין נאָמען איז היטלער. האָט דער גזלן געזאָגט: „וואַרפט אַלע אַוועק אייערע אַלטע סענטימענטן און ווערט אויך גזלנים!", זענען זיי געוואָרן גזלנים. און נאָך וועלכע גזלנים? זיי האָבן זיך אַריינגעריסן צו די שכנים און גענומען מאָרדן און ראַבעווען, ברענען, פאַרסמען, דערשיסן און הענגען, זייערע טויט־מעטאָדן שטייגן אַריבער אַלע געשיכטעס פון מאַסן־מאָרד. זיי, די דייטשן, דאָס פאָלק אינגאַנצן, די הענט פון פאָלק, זייערע הענט זענען נאַס און קלעפּיק פון בלוט... אַכציק מיליאָן זענען זיי, אַן „איידל פאָלק", אַ פאָלק פון אָרדענונג און דיסציפּלין. קיין

אנאַלפאַבעטן האָבן זיי שוין לאַנג נישט געהאַט. „קייזער, קיכע און קירכע“, מיט דעם האָבן זיי געאָטעמט, עס האָט אויסגעזען צו זיין רואיק און מענטשלעך, עס האָט געלעבט מיט סענטימענטן. עס האָט געליבט מוזיק און געזאַנג. זיי האָבן דאָך געגעבן די גרעסטע מוזיקער פאַר דער וועלט... ווער איז דאָ איבעריק, היטלער צי בעטהאָווען? וואָס איז דאָ דער טעות? די האַרפע צי דער הארמאַט? ווער איז דאָס דער געבענטשטער אינעם דייטשן פאָלק? קרופּ אָדער געטע?.

מאָרד און מאָרד. זיי שעכטן מענטשן, ווי מען שעכט שעפּסן. זיי שעכטן סיסטעמאַטיש. זעלנער פאַרבלוטיקטע פאָרן אויף אורלויב, זיי קושן זיך מיט זייערע מאַמעס, מיט זייערע שוועסטער און ווייבער און זיי, די קרובים מוזן דאָך וויסן, וואָס זייערע זין, מענער און ברידער האָבן אָפּגעטון... ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, וואָס אַלע שווייגן זיי? אכציק מיליאָן שווייגן. קיין איין רעוואָלט, קיין איין פּראָטעסט, קיין איין פּרוּוו און ווידערשטאַנד, קיין איין אַטענטאַט נישט. היטלער פירט און זיי גייען נאָך, זיי פאָלגן געהאָרכזאַם. מיר זעען די סטאַדע... אַ מאָדנע און שרעקלעכע סטאַדע... פאַר היטלערן איז דאָס אַ סטאַדע פון געהאָרכזאַמע שעפּסן, פאַר אונדז איז עס אַ סטאַדע פון ווילדע וועלף. די סטאַדע זעען מיר, אָבער ווּ איז דאָס פאָלק? ווּ איז די ווירקונג פון די דיכטער און פילאָזאָפן? די ווירקונג פון דער קירכע? די ווירקונג פון דער מוזיק? ניין! נישטאָ קיין גוטע דייטשן. פאַראַן זענען געהאָרכזאַמע מערדער. היטלער האָט זייער גייסט און זיי האָבן היטלערס גייסט, אַנדערש וואָלט נישט געווען מעגלעך אַזוי האַרמאָניש דורכצופירן אַלע שרעקלעכע נידערטרעכטיקייטן. אַטאַוויזם... די אוראייניקלעך האָבן נישט פאַרגעסן דעם רויבער־אינסטינקט פון די אַלטע טעווטאָנען. עס האָט זיי קיין זאַך פון אונדזער קולטור נישט באַאיינפלוסט. די ווילדע חיות פון די אייראָפּעאישע וועלדער האָט מען פאַרטיליקט — די ווילדע מענטשן פון אייראָפּע זענען פאַרבליבן.

דער ניעמאַן איז פאַרפרוירן געווען, דאָס אייז פאַרשאָטן מיט שניי, אַ שטיק ווייסע, שטומע וועלט. אַמאָל פלעג איך אויף דעם קוקן און בענטשן, איצט פלעג איך דאָ קומען שילטן. איך האָב געקוקט אין דער ווייטקייט, געקוקט אויף דעם פאַרגליווערטן טייך, געטראַכט פון מענטש און

אוממענטש. געטראכט און גאָרנישט אויסגעטראכט. מענטשן האָבן געזאָגט, אז כל זמן דער טייך שטייט און כל זמן דער ווינטער דויערט, וועט גאָרנישט פּאַרקומען. דער פראָסט שטערט זיי אין די קעגנזייטיקע שחיטות... האָב איך שטיל געבעטן די הימלען, אז די וועלט זאָל אינגאַנצן פארגליווערט און פארפרוירן ווערן, דעמאָלט וועלן זיי אויפהערן צו שעכטן איינער דעם צווייטן...

דעמאָלט איז די וועלט נאָך געווען אָפן. מען האָט געשיקט בריוו און באקומען ענטפערס, אפילו פון ווארשע האָט מען באקומען בריוו. פון לאָדזש אָבער, ווו איך האָב איבערגעלאָזט צוויי ברידער און צוויי שוועסטער מיט זייערע משפחות, פון לאָדזש האָב איך קיין איין בריוו נישט באקומען. און אזוי ביז היינט. פון דער ווייטער ארגענטינע האָט מארק טורקאָוו טעלעגראפירט און געשריבן צו מיר הארציקע בריוו. ער האָט געטרייסט און צוגעזאָגט צו העלפן. מיין אלטער פריינט יוסף טונקעל האָט אויך צו מיר געשריבן. די מלחמה האָט אים פארכאפּט אין בעלגיע, אין בריסל און פון דאָרט האָט ער צו מיר געשריבן. אָבער ווי קומען צו אים אזעלכע בריוו? טונקעל איז א גאנץ לעבן געווען א גוטמוטיקער אָפּלאַכער פון אלץ און פון אלעמען. איך האָב מיט אים שוין פארבראכט אין א סך שטעט און אין א סך לענדער, אויך אין דער ערשטער מלחמה זענען מיר אין פיל שטעט געווען צוזאמען. אלטע פריינט געווען און דאָך האָב איך אָפּט מורא געהאַט פאר זיין אויסלאכן... און פּלוצלינג א בריוו פון אים, א בריוו, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיבן מאָל „טייערער!" זיבן מאָל, נישט זעקס. דער בריוו זיינער איז פול געווען מיט ווייטיק און סענטימענט. די נייע מלחמה האָט אינגאנצן צעבראָכן זיין אויסלאכן. זיין בריוו האָט מיך געקאָסט געזונט. טונקעל האָט געוויינט, טונקעל האָט געשאָלטן. דער פינסטערער היטלער האָט אים אויך באזיגט. שפּעטער איז ער דורכגעגאנגען דעם גיהנום אין בעלגיע, דעם גיהנום אין פראנקרייך. איצט איז ער אין אמעריקע. ווי אזוי דער אלטער און שטארק קראנקער מענטש האָט זיך אהין דערשלעפּט, דאָס פארשטיי איך נישט, דאָס איז פון גאָטס נסים...

פון יענער צייט אין קאָוונע זענען אין זכרון פארבליבן פיל זייערע געשטאַלטן: וועגן רובינשטיינען, דעם רעדאַקטאָר פון דער „יידישער

שטימע", ווייל איך פרעגן: ווו איז דער דאָזיקער דזשענטעלמאַן? איך ווייס ניט, וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם אדוואָקאט גארפינקעל, קאָוונע און גאנץ ליטע האָבן אים ליב געהאט. ווו איז אהינגעקומען דער ד"ר מאטעס? ווו אנדערע? אזעלכע טייערע יידן, ווי דער ביבליאָטעקער און ביבליאָגראף באלאָשער. — ווו זענען זיי? זייערע ליכטיקע אויגן האָבן נישט בלויז קאָוונע און ליטע באלויכטן, דאָס איז געווען פאָלקס־צירונג. פאָלקס־נשמה און ערלעכקייט.

איך געדענק איינעם א יונגנמאן, א הויכער מיט ברייטע פלייצעס, מיט שווארצע אויגן. זיין נאָמען האָב איך פארגעסן, זיין שטעטל אויך צום באדויערן פארגעסן. אָט אין יענעם פארגעסענעם שטעטל האָבן יידן ארויסגעוויזן פיל העלדישקייט. דאָס שטעטל האָט זיך געגרענעצט מיט סוּוואלקער קרייז. די דייטשן האָבן ארויסגעיאָגט אלע יידן פון דעם סוּוואלקער קרייז. געיאָגט האָט מען די יידן מיט ביקסן, געיאָגט, געשלאָגן און געטראָטן מיט די פיס. אויף דער ליטווישער זייט זענען געשטאנען די ליטווישע זעלנער, אויך מיט די ביקסן, זיי האָבן די יידן נישט ארייננעלאָזט. געווען איז דאָס אין נעץ און אין שניי. האָבן זיך געפונען דרייסטע ליטווישע יידן, זיי האָבן אויסגעזוכט פארבאָרגענע וועגן און די סוּוואלקער יידן ממש אויף די הענט אריבערגעטראָגן. מיט דער גרעסטער סכנה אליין דערשאָסן צו ווערן פון א דייטשישער אָדער א ליטווישער קויל... און דער דערמאנטער יונגערמאַן? ער האָט אליין אויף זיינע פלייצעס אריבערגעטראָגן העכער הונדערט מענטשן איבער זומפן, איבער שנייען. איינמאָל האָט אים א ליטווישער סאָלדאט פארשטעלט דעם וועג, האָט ער זיך געוואָרפן אויפן סאָלדאט, פארשטיקט אים דאָס מויל, צוגענומען די ביקס און געבראכט דעם סאָלדאט אין שטעטל. מען האָט אים אין א שטאָל פארשלאָסן, ביז די יידן זענען נישט געראטעוועט געוואָרן. איך האָב זיך מיט אים באקאַנט, מיט דעם יידישן העלד. ער איז געווען דער פירער פון די דאָרטיקע ציוניסטן. א באשיידענער העלד, ער האָט וועגן זיך נישט געוואָלט רעדן. מן הסתם וועט מען נאָך אמאָל וועגן אים דערציילן...

איך וויל דאָ אויך דערציילן וועגן א צווייטן העלדישן מאָמענט. זייענדיק אין יענע טעג אין ווילנע, האָט מיך איינמאָל פארנאכט, אין דער האלב־פינסטערניש אָפגעשטעלט א הויכער קריסט, א פויערשער טיפ מיט

הויכע שטיוול. אָבער ווי קומט א פּויער מיך אָנצורופן ביים נאָמען? איך האָב אין ווילנע נישט געהאט קיין באקאנטע פּויערים, קוק איך זיך גוט צו און דערקען א פריינט:

— צאנין! —רוף איך אויס— דער יונגער שרייבער און קולטור־טוער צאנין...

— יאָ, איך בין צאנין, איר האָט מיך דערקענט?

— קוים דערקענט...

— איך וויל זיך מיט אייך געזעגענען, איך גיי קיין ווארשע...

— וואָס?

— איך גיי קיין ווארשע, איך האָב צו דערלידיקן וויכטיקע געזעל־שאפטלעכע ענינים. אין צוויי שעה ארום וועל איך שוין זיין אין וועג, זייט מיר געזונט! אויב גאָט וועט העלפן, וועלן מיר זיך נאָך זען אמאָל...

מיר דריקן זיך די הענט און דער מענטש איז שוין נישטאָ. איך בלייב שטיין, ווי א צוגעשמידטער צו מיין פּלאץ. איך קאָן דאָ עפּעס נישט ארומנעמען: קיין ווארשע גייט דער מענטש? אין גיהנום גייט ער, מענ־טשן באצאָלן פיל מיט זייער לעבן פאר וועלן זיך ארויסרייסן פון דאָרטן. קיין ווארשע גייט ער? קאלט ווערט פון דעם געדאנק, שווארץ ווערט פאר די אויגן. דער מענטש איז דאָך שוין א פארפאלענער, איך וועל אים שוין מער נישט זען.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס איז שוין דאָס דריטע מאָל ביי אים. צום ערשטן מאָל איז ער געגאנגען קיין ווארשע צוליב פערזענלעכע ענינים, צום צווייטן מאָל איז ער געגאנגען צוליב דער אונ־טערערדישער ארבעט און איצט, צו דעם דריטן מאָל, איז ער געגאנגען מיט געלט פון „דזשאָינט" פאר די הונגעריקע יידן...

אָבער ער איז יאָ געקומען צוריק. מיר זענען א צייט געווען צוזא־מען אין קאָוונע און היינט איז ער אין תל־אביב.

א העלדישע נשמה. איך האָב א טיפן דרך־ארץ פאר אים. אזא דרך־ארץ ווערט קיינמאָל נישט פארמעקט. אין יענע טעג, דאָרט ביים פארפרוירענעם ניעמאַן, האָט זיך זיין געשטאלט און אנדערע געשטאלטן איינגעשמידט מיט גאָלד־שטראלן אין מיין נשמה. מען קאָן דאָס נישט פארגעסן. מען קאָן אויך נישט פארגעסן דעם שיינעם קאָפּ פון ראָזאָוו־

סקין. ראָזאָווסקי, דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון קאָוונער „האיאס”. די טוויזנטער פּליטים האָבן אים געבענטשט און איך גלויב, אז זיי בענטשן אים איצט, ווען נאָר זיי דערמאָנען זיין ערלעך פּנים, זיינע גוטע ווערטער צו יעדן און צו אלעמען. קאָוונע אָן ראָזאָווסקין וואָלט נישט געווען גע־קרוינט, זיין געשטאלט האָט פארענדיקט די גוטקייט און איידלקייט פון ליטע. א סך פון אונדז האָבן צו פארדאנקען די דאָזיקע גוטע יידן זייער לעבן, זיי האָבן געזאָרגט פאר אונדז מיט עפּעס א העכערער איבערגע־געבנקייט. די דערמאָנטע געשטאלטן מוזן פאַרצייכנט ווערן. איך קאָן זיך נישט באפרייען פון די קאָשמארן, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין מיין וואנדער־וועג און אין דער זעלבער צייט וועל איך זיך נישט באפרייען פון די גוטע מאָמענטן. יעדעס פריינטלעכע וואָרט איז טייער, יעדער גע־לעגער, יעדעס ביסל וואסער, יעדע טובה. די דאָזיקע זכרונות, דאָס איז מיין קאפּיטאל, וואָס איך האָב אָנגעזאמלט אין די מלחמה־טעג. מער האָב איך נישט און מער וויל איך נישט האָבן. דער מענטשלעכער קאפּיטאל האָט מיר געגעבן כוח זיך צו דערשלעפּן אהער...

א סך מאָל האָב איך אין קאָוונע זיך אויסבאהאלטן פון מענטשן. צופיל זיך אָנגעהערט וועגן נגישות, צופיל אומעטיקע אויגן געזען, צופיל שרעק ארום... גיי איך צום פּארפרוירענעם ניעמאַן. אויף דעם אייז טאנצן שווארצע קראָען און אין דמיון טאנצן אויך שווארצע קראָען... איך פלעג מאכן דעם סך הכל פון מיינע כוחות און פון די שווארצע היטלער־כוחות. איך האָב זיך געבעטן ביי מיין הארץ:

— האלט אויס! צוליב א שוועסטער, צוליב א ברודער, צוליב פאָלק און מענטש; האלט אויס! צוליב נקמה, צוליב דעם לעצטן חשבון...

אָבער די כוחות זענען אין ערגעץ אריינגעזונקען אין א שווארצן אָפּגרונט. עס האָט זיך קיין שטראל נישט געזען... דאָך פלעגט מען זיך ראטעווען פון יאוש. מיט וואָס? בלויז מיט דעם געדאנק, אז עס זענען נאָך פאראן גוטע מענטשן, גוטע יידן, גוטע און הארציקע. איך האָב זיך צוגעקוקט, ווי מען האָט געהאָלפן דעם צווייטן און דאָס האָט מיר געגעבן גלויבן...

דער קאלטער אייז פון ניעמאַן איז שוין דעמאָלט נישט געווען אזוי קאלט און שטעכיק... וואָס איז אייז, פראָסט, וואָס איז מלחמה? איך וועל

ארייגגיין צו ראָזאָווסקין, איך וועל אים נאָכאמאָל דערציילן מיין לאגע: ער וועט שמייכלען, ער וועט ווידער אָנשרייבן א דעפּעש קיין ארץ־ישראל, אָדער קיין ניו־יאָרק. ער שרייבט פאר אלעמען דעפּעשן, ער לויפט צו די מיניסטאָרן פון דעם קליינעם לאנד, ער העלפט, ער ראטעוועט.

ער האָט א ווארעם מענטשלעך הארץ און דאָס גיט א סך טרייסט און דאָס זאָגט עפּעס צו...

איצט איז פאר מיר פארשטענדלעך דער פּחד פון די אלע פּליטים אין ליטע, זייער אומרואיקייט, זייער וויזע־זוכעניש. זיי האָבן ממש פארסמט די לופט מיט זייערע ליפּן, מיט די אויגן, מיט דער האלב־משוגענער נערוועאישקייט. איך אליין בין געווען רעזיגנירט, איך האָב נישט געהאט דעם אמתן חשק צום לעבן, און צי לוינט עס אזוי פיל צו מאטערן זיך פאר דער עקזיסטענץ? אָבער זיי האָבן מיך אָנגעשטעקט מיט זייער לעבנס־דורשט. איך בין נאָך נישט ארומגעלאָפן ווי די אנדערע, דאָך די ווייטקייט, די וועלט האָט גערייצט און געצויגן. ווו איך זאָל נישט זיין, אומעטום וועט גוט זיין, אָבער נישט דאָ, נישט אין אזא נאָענטקייט מיטן דייטש... איצט פארשטיי איך זיי, זיי האָבן געפילט די גרעסטע סכנה און יעדער איינער האָט בלויז איין לעבן...

אין ליטע איז אלץ געווען, דאָס בעסטע פון עסן און קליידונג, אפילו די דרום־פּרוכטן פלעגן אָנקומען דורך שווייץ, דורך דייטשלאנד. קאָוונע האָט געלויכטן, די שוי־פענסטער מיט זיידענע העמדער, מיט ענגלישע שטאָפן. נעבן דער „מאָניקא” איז געווען א גרויסער ליכטיקער רעסטאָראן, וואָס האָט באלאנגט צו א יידן, ראָזמארינאס. דער דאָזיקער רעסטאָראן האָט געהאט עטלעכע שוי־פענסטער, זענען דאָרט געשטאנען אין די פענסטער געפּרעגלטע גענז, ברוינע שמאלציקע, פעטע, א טויטער וואָלט געווארן לעבעדיק פון אזעלכע געשמאקע גענז. דערנאָך שטיקער פיש, מאיאָנעזן... אויסגעזען האָט עס שטענדיק, אז עס גרייט זיך א גרויסע סעודה אין קאָוונע. עס זענען געווען נאָך אזעלכע רעסטאָראנען, יידישע און קריסטלעכע. אומעטום מיט א שפּע פון פיש און פלייש. מען האָט געדארפט זען אן ערב שבת אין קאָוונע. שוין דאָנערשטיק פארנאכט פלעגן זיך אין די געבעקס־געוועלבן באווייזן פרישינקע קיכלעך לכבוד דעם קומענדיקן שבת. ליטווישע קיכעלעך, טרוקענע און געפילטע, מאָדנע פלאָ־

דנס מיט ראַזשינקעס און מיט עפּל. דאָס באַקן איז אין ליטע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קונסט. די ליטווישע יידן זענען עקשנים און זיי האָבן עס מיט זייער עקשנות דערפירט, אַז זייער פלאָדן איז געוואָרן דער בעס־טער. פרייטיק פלעגן די געפלאָכטענע חלות אַרויסקוקן פון די געבעקס־געוועלבן. דאָס זענען נישט געווען קיין חלות, נאָר עפּעס גרויסע שטיקער צירונג, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. עס האָט זיך שטאַרק געפילט דער ערב־שבת. די גאַס האָט זיך אַליין גערופן צו רואיקייט און צו אידיליע... און דאַכט זיך, אַז עס איז טאַקע רואיק. דער שניי איז רואיק געלעגן אויף די ביימער און אויף די בענק פון לייסוועס אַלעע, יידישע ווייבער קויפן קיכלעך און חלות, אַלץ איז גוט.

ניין! דער פּחד איז שוין געקראָכן אומעטום, ער איז נאָכגעגאַנגען די מענטשן. ער האָט זיי אָפּגעשטעלט און פון שלאָף אויפגעוועקט.

איינמאָל ביינאַכט, שפּעט אין מיטן נאַכט, ערב פאַרטאָג... איך בין נישט געשלאָפן. אָבער וועמען גייט עס אָן ווען אַ מענטש שלאָפט נישט? אפשר האָט פאַרדראָסן וואָס איך שלאָף נישט און אַנדערע שלאָפן יאָ? פּלוצים קומט ליגום צו מיר אַריין אין צימער:

— איר שלאָפט נישט? איך קאָן אויך נישט שלאָפן...

— וואָס איז געשען? — פרעג איך.

ער צינדט אָן דעם לאָמפּ, ער זעצט זיך אויף מיין בעט. איך קוק אים אָן. דער מענטש האָט גרויסע אויגן, שרעק־אויגן...

— איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן, האָב איך זיך גענומען צום רעכענען און געמאַכט אַ סך־הכל.

— וואָס פאַר אַ סך־הכל?

— מיר זענען אַלע פאַרלוירן, אָט דאָס איז דער סך־הכל.

אין אַ פינסטערן ווינטער־פאַרטאָג, ווען פראָסט און ווינט איז אויף דער גאַס, ווען מען איז נאָך דערצו אַ פּליט... דעמאָלט מאַכן אַזעלכע ווערטער אַן איינדרוק...

— פאַרוואָס זענען מיר פאַרלוירן, פּאַניע ליגום?

איך האָב זיך אוועקגעזעצט און געקוקט אויף זיינע גרויסע אויגן און אויף דעם שרעק פון זיינע אויגן. דער מענטש איז אויף אַן אמת געווען ווי צעדולט פון אַ גרויזאַמער איבעראַשונג.

— איר פארשטייט? איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן, האָב איך געמאכט א סך־הכל: דער דייטשישער גרענעץ איז פון אונדז א פערציק־פופציק קילאָמעטער, ביי אונדז אין ליטע האָבן די רוסן מיליטערישע באזן, מען האקט אוים וועלדער, מען טראָגט אראָפּ שטעטלעך און מען מאכט באפעסטיקונגען. צוויי ביטערע שונאים זענען זיי: דער דייטש און דער רוס, איינער געטרויט נישט דעם צווייטן. הייגט, מאָרגן, איינער פון זיי וועט נישט אויסהאלטן און א שפּרונג טון אויפן צווייטן און פון אזא שפּרונג וועלן מיר צעריבן ווערן.

ער איז שטיל געוואָרן. איך האָב אויך נישט גערעדט. דער דאָזיקער נאכט־וויזיט פון רואיקן יצחק ליגום האָט מיך איינגעוויקלט אין פּחד...

ער האָט ווידער גענומען רעדן:

— פארוואָס זענען מיר אלע אזוי רואיק? פארוואָס אנטלויפן מיר נישט? און איר? איר... פארוואָס לויפט איר נישט? איר האָט דאָך נישט קיין פרוי און קיין קינדער, פארוואָס אנטלויפט איר נישט, דאָ איז די גרעסטע סכנה.

— אין מיין נישט־לויפן זייט איר אויך אביסל שולדיק, פּאניע ליגום!

— איך?

— יאָ, איר האָט מיך אריינגענומען צו זיך אין א ווארעמער היים. איך בין דאָ איינגעזונקען געוואָרן אין זיסן זומפּ, איך האָב זיך פארגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט.

אין דער מינוט האָט ער פארגעסן זיין שרעק, די שרעק פאר זיך. ער האָט געזאָגט:

— טוט אלץ, וואָס איר קאָנט, אנטלויפט פון דאנען. געלט וויפל איר וועט דארפן, וועל איך אייך געבן...

שפּעטער, ווען ער האָט פארלאָזט מיין צימער, האָב איך דערפילט די סכנה. א שרעק איז מיך באפאלן, ווי איך וואָלט נישט האָבן איין לעבן, נאָר הונדערט לעבנס. דורך דער וואנט איז נישט דערגאנגען קיין גערויש פון דער גאס. פראָסט איז געווען, שניי איז געלעגן, אין הארץ האָט געגליווערט, כאָטש אין צימער איז געווען ווארעם.

דעמאָלט האָט זיך איבערגעריסן אנטגילטיק מיין לעצטע ביסל רו־

איקייט. ליגומס באזוך האָט פאַרטיפט מיין אייגענעם פּחד, וועלכער האָט זיך כסדר געוואָלט באהאלטן אין פאַרשידענע איינרעדענישן. אין דעם זעלבן טאָג בין איך אריין אין דער רעדאַקציע פון דער „יידישער שטימע״. איך האָב גערעדט מיטן רעדאַקטאָר רובינשטיין:

— ווי זעט אויס אונדזער לאַגע?

— איך רעכן, אז מיר וועלן זיך ארויסדרייען מיט שלום.

ער איז געווען אַן אָפּטימיסט ביז דער לעצטער רגע. איך געדענק, ווי ער האָט דעמאָלט ארויסגענומען פון זיין שופלאָד א פּעקל בריוו מיט דעפּעשן.

— איר זעט, מען רופט מיך קיין דרום־אפריקע, קיין ארץ־ישראל, קיין אמעריקע. איך האָב גוטע פריינט.

— פאַרוואָס פאָרט איר נישט?

— איך קאָן די יידן פון דאנען נישט פאַרלאָזן. איך לויף יעדן טאָג אין אלע מיניסטעריומס, איך האָב שוין א סך פּליטים געראַטעוועט... ניין! איך טאָר פון דאנען נישט אוועק.

רובינשטיין האָט טאַקע זייער פיל געארבעט פאַר די פּליטים. ער האָט זייער פיל אויפגעטון. ער און ראָזאָווסקי פון „האיאס״, דער אדוואָ־קאַט גאָרפינקעל, ד״ר ראבינזאָן און ד״ר מאַטעס. וואָס פאַר א טייערע יידן, מען וועט זיי נאָך דערמאָנען... עס האָט זיך געוואָלט בלייבן מיט זיי, אין זייער ווארעמער סביבה, אָבער אויף דער נשמה איז קאַלט געווען פון אייגענעם און פרעמדן פּחד. אין קאַפע „מאָניקאַ״ איז די לופט אלץ מער געשטיקט געוואָרן. דער וויזע־פּיבער האָט אלץ פאַרסמט, כאָטש די קאַווע, די פּוטער, די ליכטיקע זעמל מיט די קוכן — אלץ איז נאָך גוט און געשמאַק געווען. דער פראָסט אָבער איז געגאַנגען פון רוסישן צפון און פון דייטשן מערב...

איך בין דאן צוגעפאָרן קיין ווילנע, גערעכנט, אז דאָרטן וועל איך עפּעס דערגיין וועגן ארויספאָרן. עס איז דאַן אָנגעקומען קיין ווילנע א פּאַק מיט אמעריקאנער וויזעס פאַר אינטעלעקטועלע מענטשן, האָב איך געוואָלט זיין אינטעלעקטועל, כאָטש אביסעלע אינטעלעקטועל... אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די וויזעס האָט מען שוין צעטיילט פאַר אנדערע.

אין ווילנע איז געווען נאָך ערגער מיטן פּחד, ווי אין קאָווגע. קאָוונע

האָט מורא געהאַט מיט א רואיק פּנים, געלעבט, געגעסן, פאַרבראַכט און אין דער זעלבער צייט מורא געהאַט. ווילנע מיט אירע טויזנטער און טויזנטער פּליטים האָט האַלב געהונגערט, געוויין בלייך און אויסגעדאַרט, ווילנע האָט געקוקט מיט שרעק אויף יעדן טריט און אויף יעדע שעה פון לעבן. אין ווילנע זענען נאָך כסדר צוגעקומען פּליטים. דורך די שנייען זענען זיי געקראָכן. זיי האָבן געדאַרפט אויסמיידן די דייטשע, די רוסישע און די ליטווישע פּאַטרולן. דאָרטן האָב איך אויסגעהערט מעשיות פון מענטשלעכע יסורים. מעשיות, וועלכע איך וויל דאָ נישט דערציילן, כדי נישט צו פאַרסמען דעם פּילנדן מענטשן, כאָטש אויף אן אמת געזאָגט, האָט מען דעם זאַטן און קאַרגן געדאַרפט יעדע שעה דערלאַנגען אזעלכע געשיכטעס, ער זאָל זיך נישט גרויסן. ער זאָל ווויסן און פילן, ווי וואַקלדיק עס איז זיין גדלות. מען האָט מיר דערציילט, אז אין ווילנע, אין שפּיטאָל אויף דער זאַוואַלנער גאַס ליגן א סך מענטשן מיט אָפּגעפרוירענע גליי־דער. מען האָט זיי געפונען אין די וועלדער און אויף די פעלדער פון גרענעץ־פּאַס. איך בין געגאַנגען אין שפּיטאָל, איך האָב געזען אויגן...

די אויגן ביים מענטשן ווערן נישט אָפּגעפרוירן. דעם צער נעמט נישט קיין פייער און עס נעמט אים נישט קיין פראָסט. איך בין געגאַנגען פון איין זאַל אין צווייטן. איך האָב געקוקט אויף די קראַנקע און א פאַר־גליווערטער ווייטיק האָט אויף מיר געקוקט. דער — אָן א פוס, יענער — אָןביידע פיס, ביים דריטן איז ווייניק פאַרבליבן פון פּנים...

א פראַזע האָט מיך באַגלייט פון איינעם:

— צוויי פיס האָב איך געהאַט, און צוויי הענט... געהאַט... געהאַט...

געלאָפן א מענטש פון דעם תלין, פון טויט־סכנה, געלאָפן ביז צום גרענעץ פון א צווייט לאַנד. דאָרטן זענען זעלנער געשטאַנען מיט ביקסן און נישט געלאָזט ווייטער גיין... איז דער מענטש־ייד געקראָכן אין די שנייען, געוואָלט זיך אריינגנבענען צו אביסל ליכט און וואַרעמקייט. דער פראָסט האָט אים געכאַפּט און הענט און פיס צוגענומען...

אויסגעהערט א סך אזעלכע מעשיות אין ווילנע. געזען יסורים און ווידער געלאָפן צו דער קאָוונע. פון וואַגאָן־פענסטער ארויסגעקוקט. א ווייסער שניי, א נישט־באַרירטער שניי איז געלעגן און אויף דעם שניי איז ווידער געפאַלן א לאַנגזאַמע ווייסקייט. געקוקט אויף דעם און זיך

דערמאָנט די ווינטערס פון מיין לעבן, דעם שניי אפילו בעת איך בין ביינאכט פון חדר געגאנגען. דעמאָלט האָט עס אזוי געדרייצט און אזוי פיל צוגעזאָגט. שניי־ווייסקייט אין די רוסישע ווייטקייטן פון וואָלאָגדע און ארכאנגעלסק און שניי פון די אלפּן און טיראָלן, שניי פון זאקאפאנע און ווארשעווע... אזוי פיל ווייסקייט שוועבט אין דער פארשווארצטער נשמה, און פּלוצלינג רוקט זיך ארויס ליגומס פּנים, מיט גרויסע, גרויסע אָנגעשראָקענע אויגן.

— איך האָב געמאכט א סך־הכּל וועגן אונדזער לאגע. מיר זענען פארלוירן. דער דייטש...

איך הער גאָרנישט און זע גאָרנישט, נאָר איך פיל, ווי דער פּחד גנבעט זיך פון אלע ווינקעלעך... א גרויסער, צי א קליינער פּחד, איך קאָן אים נישט אָפּמעסטן, נאָר שטעכעדיק איז ער געווען, אָי, ווי שטעכעדיק!

איך האָב מורא געהאט, איך האָב געטראכט וועגן זיך און אין דער זעלבער צייט, ווען איך האָב געוואָלט שנעלער אנטלויפן פון קאָוונע, האָב איך אויך געטראכט וועגן די, וועלכע זענען שוין ביים דייטש... וואָס איז מיט זיי? איך האָב זיי בלויז דערמאָנט און גלייך אויפן אָרט און פּלוצלינג נעמט עס שוועבן פאר די אויגן, א וועלט מיט בערדיקע יידן, א סך, א סך, צענדליקער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער. די יידן פון ווארשע, פון לאָדזש און לובלין, די בערדיקע יידן פון הונדערטער שטעטלעך און ישוּ־בים. איך וואָלט עס געזאָגט בילדעריש: א וואלד מיט בערדיקע יידן, אויף זייערע אקסלען האָבן זיי אויסגעטראָגן א סך צרות, די וואָלינער, די פון גאליציע. ווער עס איז איינמאָל געווען אין קראָקע און געזען די יידן אין א שבת, דער וועט עס קיינמאָל נישט פארגעסן, די הויכע שטריימלעך, די זיידענע קאפּאָטעלעך און די פיינע בערד... דרך־ארץ פאר זיי... ביל־דער, פּרעכטיקע פיגורן, אויסגעהאלטענע יידן, גלויביקע, נישט פארגע־סענע געשטאלטן.

אָפּט שטעל איך זיך ביטער די פראגע: פארוואָס זענען זיי אלע נישט אנטלאָפן? יערעס לעבעדיקע נפש האָט דאָך אן אינסטינקט בעת אים דראָט א טויט־סכּנה? פארוואָס זענען די אלע מיליאָנען יידן נישט אנט־לאָפן בעת אזא בלוטיקער שטורעם האָט זיך דערנעענטערט?

## ג ע ב ר ע נ ט ע  ט ר י ט

דער ענטפער איז איינער: זיי האָבן אין זייער ערלעכקייט נישט געגלויבט, אז מענטש זאָל ווערן אזא בעסטיע. די יידן פון פוילן, די קר־בנות פון פוילן, זיי האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז די וועלט פארמאָגט אזוי פיל הינט, אזוי פיל פארברעכער, אזוי פיל גזלנים...

# X

# מיט די רוסן

בעלגיע איז געפאלן, האָלאנד איז צעשמעטערט געוואָרן, מאזשינאָ־ליניע איז דורכגעריסן און אויפן אייפל־טורעם אין פאריז פלאטערט די סוואסטיק. די דאָזיקע ידיעות האָבן צעטרייסלט די וועלט, און קאפע „מאָניקא" אין קאָוונע איז דאָך אויך געווען א קליין וועלטל. קאפע „מאָניקא" איז אין יענע טעג געווען שטענדיק איבערפולט, שטענדיק צערייצט און דענערווירט. מען האָט דיספוטירט, מען האָט באשטעטיקט, אָפּגעלייקנט און פאָראויסגעזאָגט. מען האָט נאָך אלץ געטרונקען דעם גוטן קאפע מיט קרעם, מען האָט געגעסן דעם גוטן קוכן, נאָר פּחד איז געלעגן אונטערן טישל, פּחד האָט געקוקט פון די ווענט... עפּעס וועט דאָ פאָרקומען מיט דער קליינער ליטע.

איך בין דערווייל אוועק פון ליגומען. איינמאָל ביי טאָג, בעת קיינער איז אין שטוב נישט געווען, האָב איך צוגענומען מיין אָרימען באגאזש און אריבערגעפאָרן אין האָטעל „אויסטרא", אויף דער הויפּט־גאס „לייס־וועגס אליעאס". איך האָב שוין מער נישט געוואָלט זיין קיין גאסט און איך האָב נישט געוואָלט דעם צו־גוטן לעבן דאָרט. ליגום האָט זיך זייער געבייזערט, ער האָט מיר געזאָגט, אז קיינער האָט אים נאָך קיינמאָל אזוי נישט באליידיקט. איך האָב אים צוגעזאָגט א קאָמפּענסאציע, אז יעדן טאָג וועל איך אריינקומען צו אים און איך האָב געהאלטן וואָרט.

די וועלט האָט זיך געבראָכן. דער דייטש מיט זיין אָנגעזאמלט גע־ווער איז געגאנגען פון לאנד צו לאנד, און וואָס וועט זיין מיט אונדז? ווי געבּאנגענע חיות האָבן מיר זיך געפילט. כּמעט אלץ איז דאָ צו אונדז געווען גוט און גאסטפריינדלעך. געציילטע זענען אוועקגעפאָרן, אָבער די

גרויסע מאסע פּליטים איז פארבליבן. מען איז געלאָפן פון איין קאָנסול צום צווייטן. מען האָט כסדר טעלעגראפירט אין דער וועלט אריין. דער טעלעגראף אין קאָוונע איז שטענדיק געווען באלאגערט. מיר זענען א וואנדער־פאָלק און קרובים האָבן מיר אין אלע עקן פון דער וועלט. האָט מען אפּעלירט צו די קרובים. דער טעלעגראף האָט געטראָגן בקשות פול מיט אנגסט און ווייטיק...

אין יענע טעג פון פחד, ווען מיר אין דער קליינער ליטע האָבן געזען, אז דאָס אומגליק רוקט זיך לאנגזאם אָן, זענען אָנגעקומען בריוו פון אמעריקע און ארץ ישראל. בריוו פון פּראָמינענטע געזעלשאפטלעכע טוער, וואָס האָבן געשריבן, אז ווי זיי רעכענען און ווי זיי פארשטייען, איז ליטע איצט דער בעסטער פונקט פאר די פּליטים... איך האָב אליין געלייענט איינעם פון די דאָזיקע בריוו און עס האָט זיך שטארק געוואָלט גלויבן אין אזעלכע ווערטער... צום באדויערן! נאָך אזעלכע בריוו איז מען נאָך מער געלאָפן צום טעלעגראף און ווידער דעפּעשירט טאקע צו דער זעלבער אמעריקע און צום זעלבן ארץ ישראל. איך בין אויך געלאָפן. קיין סך האָפענונג זיך ארויסצוקריגן פון דעם זיסן ליטע־שטייג האָב איך נישט געהאַט. עס זענען געווען גרעסערע יחסנים פאר מיר. די ערשטע פון די יחסנים זענען געווען די געלט־מענטשן, די וועלכע האָבן קאָנטעס אין ענגלאנד, אין דער שווייץ און אין אמעריקע. מיט זיי איז שווער געווען זיך צו פארגלייכן און קאָנקורירן. די צווייטע יחסנים־גרופּע, דאָס זענען געווען די פּארטיי־מענטשן. אלץ איינס, וועלכע פּארטיי, אבי א שטעמפּל, א קוויטל פון א מיטגלידס־אָפּצאָל און אָנגעהעריקייט. רבונו של עולם! דאָס האָב איך איינגאנצן פארזען און נישט פאָראויסגעזען, נישט פאר־זאָרגט זיך אויף דער עלטער. איך האָב געוואָלט זיין אליין, אליין טראכטן און אויסטראכטן, נישט קייען די געזייערטע פּראזן פון א פאראיאָריקער רעזאָלוציע, וואָס „מיין" פּארטיי האָט אָנגענומען. איך האָב געוואָלט אליין זיין א „פּארטיי" און דאָס האָט זיך זייער נישט אָפּגעצאָלט. כאָטש זיי, די פּארטייאישע, האָבן זיך אויך געגוג געריסן. מען האָט קאָנקורירט צווישן זיך:

— איך האָב אזוי פיל געארבעט...

— איך האָב מער געארבעט...

יעדער איינער האָט ארויסגערוקט זיינע געניאלע פארדינסטן פאר דער פארטיי, פארן פאָלק, פארן פראָלעטאריאט, פאר דער מענטשהייט, און דעריבער גיט אים וואָס גיכער א וויזע און געלט, וועט ער אוועקפאָרן און ראטעווען זיין לעבן און דערנאָך וועט ער אליין ראטעווען די גאנצע מענטשהייט. סוף כל סוף זענען די אלע פארטיי־יחסנים אוועקגעפאָרן און טאקע די ערשטע און טאקע אין די בעסטע באדינגונגען...

מיט זיי האָט זיך קיינער נישט געקאָנט פארגלייכן. פאר זיי האָט מען געזאָרגט אין אלע עקן פון דער וועלט. א פארטיי־שטעמפּל דאָס איז דעמאָלט געווען א טאליסמאן, א צויבער־שטעקל, א כישוף־מאכער...

איך און מיין גלייכן האָבן זייער ווייניק האָפענונג געהאט זיך צו ראטעווען און אז מען האָט נישט קיין האָפענונג, הייבט מען אָן אָפּט צו טראכטן, אז מען דארף גאָרנישט די האָפענונג, אלץ וועט סיי ווי גוט זיין, מען רעדט זיך איין... אמת, איך האָב אויך געשיקט דעפּעשן, געבעטן רעטונג, אָבער באקומען האָב איך אזעלכע נישט קלאָרע, בלייכע ענטפערם. די פארטיי־מענטשן האָבן א סך בעסערע תשובות באקומען.

איך האָב דערווייל געארבעט אין דער „יידישער שטימע", ארומגע־פאָרן מיט רעפּעראטן אין די ליטווישע שטעט און שטעטלעך, צוגעגרייט צום דרוק א ביכל לידער וועגן די פּליטים... יאָ, וועגן די לידער: איך האָב אין גאס געטראָפן צאנינען, האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך גיי דרוקן א ביכל לידער.

האָט ער מיר געענטפערט:

— איילט זיך צו, ווייל מיר וועלן אין גיכן האָבן געסט.

— וועלכע געסט?

— די רויטע קומען אהער, עס פּילט זיך שוין אין דער לופט...

הא... וואָס געסט? ווו געסט! איך האָב נישט ליב קיין געסט. איך האָב זיך נישט געוואָלט צוהערן צו די אלע מעשיות. איך האָב געוואָלט, אז אין ליטע זאָל בלייבן ווי געווען. „מאָניקא" מיט דעם קרעם זאָל בלייבן. די גוטע קוכן זאָל בלייבן, די געמיטלעכקייט זאָל בלייבן. גאנץ פּשוט: איך בין א מידער פּליט, א גאנץ לעבן לויף איך און דער קאָפּ ווערט שוין גרוי. מיט געוואלד האָב איך געיאָגט פון זיך אלע געדאנקען וועגן פאר־

ענדערונגען, ווייל יעדע פאַרענדערונג קאָן פּטרן מיין לעצט ביסל כּוח און מיך אײַנגאַנצן.

און איינמאָל א שבת בייטאָג. איך בין דעמאָלט געווען אין פּאַני־מוני. דאָס איז א דאַטשע־אָרט הינטער קאָוונע, פינף קילאָמעטער פון דער שטאָט. אן אלטער וואלד ביים ניעמאן, א געבענטשטע רואיקייט. א ווינטל א שבתדיקער, אָבער גלייך מיטן ווינטל לויפט פאַרביי א מענטש אן אומ־באקאנטער און ווארפט צו מיר א פראזע:

— אין קאָוונע זענען אריין די סאָוויעטן, די סאָוויעטן זענען אריין.

מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די גאָלדענע סאָסנעס, דאָך איך בין נאָך פאַרבליבן אויפן פּלאַץ. זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. די „געסט" זענען געקומען. עס וועט זיך אָנהייבן א מעשה מיט א נייער אָרדענונג. איך האָב מורא פאַר אלע אָרדענונגס־מאַכער, איך בין זיך מודה, איך האָב שטאַרק מורא פאַר זיי. פון קינדווייז אָן אזוי, אז דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן מאַכן אָרדענונג אויפן הויף, האָבן מיר שוין נישט געהאַט ווו זיך צו שפּילן...

שפּעטער אביסל בין איך שוין געזעסן אין אן אויטאָבוס. איך בין שוין געפאָרן קיין קאָוונע, אין דער נייער קאָוונע. דעם ערשטן טאַנק האָב איך דערזען ביים בריק. דריי שווייגיקע: דער טאַנק, דער זעלנער אויף אים און די ביקס אויפן זעלנער. ווען דער אויטאָבוס איז אריינגעפאָרן אין דער הויפּט־גאַס, אויף לייסוועגס אַליעאַס, האָב איך שוין די רואיקע קאָוונע נישט דערקענט. דער אספאַלט אויפן שאָסיי איז געווען צעריבן, צעריסן און צעפליקט און אויף די צעפליקטע שטיקער אספאַלט זענען געגאַנגען טאַנקען און טאַנקען, טאַנקען און האַרמאַטן. איין שנור אָן א סוף. גרויסע און קליינע טאַנקען, גרויסע און קליינע האַרמאַטן. עס האָט מאָנאָטאָנע געקלאַפּט. דאָס איז געווען אינגאַנצן ניי פאַרן אויג, נאָר אין א שעה ארום איז דאָס געוואָרן לאַנגווייליק. מען האָט שוין געוואָלט, אז זיי זאָלן דורכ־גיין און דאָס אויג זאָל צוריק דערזען די אלטע, רואיקע גאַס מיט די אלטע, מיט די ביימער, מיט די גרויסע, שיינע שויי־פענסטער. אָבער דער טאַנקען־שנור האָט זיך נישט איבערגעריסן, נישט אין דעם דאָזיקן שבת און נישט איבערנאַכט. צוויי, דריי טעג, פיר טעג, עס האָט נישט אויפגעהערט. זענען געשטאַנען גרופּעס יידן און געמאַכט אויספירונגען:

— די סאָוויעטן זענען אריין אין ליטע, ווייל אין קליינעם לאַנד איז נישט אַלץ אין אָרדענונג אין געזעלשאַפטלעכן, צי אין פּאָליטישן זין. אזא מאָטיוו איז פון זיי אָנגעגעבן געוואָרן. אָבער צו וואָס באַדאַרף מען פאַר דער קליינער ליטע אַזוי פיל טאַנקען און האַרמאַטן? הא... דאָס מיינט מען דאָך נישט ליטע, דאָס מיינט מען דאָך דעם דייטש.

די אויערן זענען פאַרשאַרפט געוואָרן. די אויגן, מער אָנגעשראָקן און מער נייגעריק.

הא! דאָס מיינט מען דאָך דעם דייטש...

אָבער געגנוי האָט מען זיך נאָך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן. עס איז געווען שבת. שבת, דעם פופצנטן יוני. די שטאָט האָט געקאָכט און געטומלט פון די אַלע נייעסן, די טאַנקען זענען געגאַנגען און צעמאָלט, צעמאָלט דעם אַספאַלט און דאָ האָט מען שוין דערציילט, אַז דער פּרעזידענט סמעטאָנאַ איז אַנטלאָפן קיין בערלין און אַז די סאָוויעטן וועלן גרינדן אַ נייע ליטווישע רעגירונג, מען וועט אויסוויילן אַ נייעם פּרעזידענט און אַלץ וועט זיין גוט. גוט צי שלעכט, מען ווייסט נאָך דערווייל גאָרנישט. אָבער איין זאַך איז געווען: שטימונג...

איך געדענק, אַז שבת־צו־נאַכט איז „מאָניקאַ" געווען פול, איבערפולט, באַלעבאַטים, פאַבריקאַנטן, סוחרים — אַלע זענען דאָרט געווען. אַלע האָבן געטומלט, מען האָט גערעדט אויפן קול כאָטש נישט אַלץ האָט מען איצט געמעגט רעדן. איך געדענק דעם אָרקעסטער, ער האָט דעמאָלט געשפּילט העכער, ווי אַלע מאָל, פון אַ געוויסער אויפרעגונג אוודאי... און איינער פון אָרקעסטער האָט צו דער מוזיק צוגעגעבן אַ ליד. ער האָט פּאַראַפראַזירט דאָס פאָלק־ליד: „וואָס דאַרף איך האָבן געלט, אַז דו ביסט מיינע". ביי דעם זינגער איז עס אַרויסגעקומען: „וואָס דאַרף איך האָבן געלט, עס איז שוין מער נישט מיינע". דער גאַנצער עולם האָט אַפּלאָדירט אויפן קול פון דער געלונגענער פּאַראַפראַזע.

אין „מאָניקאַ" האָט מען געשפּילט און געזונגען. אין „מאָניקאַ" האָט מען געלאַכט און זיך געזעגנט מיט דער בורזשואַזער קאַווע, מיט די געשמאַקע סמעטענע־קוכנס און אויף דער גאַס זענען נאָך אַלץ געגאַנגען די טאַנקען און די האַרמאַטן. שווייגנדיק האָבן די זעלנער באַגלייט זייערע

מאשינען. ערגעץ־ווו האָט ווער געשריען „הורא״, ערגעץ־ווו האָט מען געוואָרפן בלומען אויף די טאנקען, ערגעץ־ווו האָט מען געזונגען.

איך האָב געהאט מײַנע זאָרגן און אין יענער נאכט האָב איך נישט געוווסט, וואָס דאָס איז אזוינס שלאָף... איך בין געשטאנען אין פענסטער און געקוקט אויף דעם מיליטער, וואָס איז ענדלאָז געשווומען איבער דער הויפט־גאס פון דער ליטווישער הויפטשטאָט. רוסיש מיליטער, רויט־רוסיש מיליטער, געווען איז דאָס א געמיש פון פעלקער. אָבער אין די זעלבע בגדים, אלע ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק, אביסל פארכמורעט. אָבער די מאשין האָט געקלאפט, עס האָט זיך געפילט דיסציפלין און אָרדענונג. אָבער וואָס האָט עס צו מיר, צו מײַן געמיט? איך האָב נישט ליב קיין באוואָפנטע מענטשן און ווען איך זע זיי, ווער איך בטל בײַ זיך און די גאנצע וועלט פון געדאנק און געפיל, די גאנצע וועלט פון קונסט, פון שיינע ארכיטעקטור, פון מוזיק, נעמט זיך וואקלען...

געווען איז דאָס אין א נאכט פון האלב יוני. אָנהייב זומער. אין דער צייט זינגט נאָך אין קאזשימיעזש דער נאכטיגאל. ער האָט דאָרט ווו זיך צו באהאלטן, דער זינגענדיקער פויגל. די קוסטעס אין קאזשימיעזש זענען געדיכט. די ביימער רוישן דאָרט, ווי אן אָפּגעזונדערטע גרינע וועלט... איך האָב עס ליב. פארוואָס בין איך נישט דאָרטן? איך בין אזוי מיד פון די שטורעמס, וואָס זענען אריבער און נאָך מער מיד פון די שטורעמס, וועלכע רירן מיך איצטער אָן. אי, ווען א מענטש זאָל כאָטש איינמאָל באַקומען פליגל כדי צו אנטלויפן פון די מענטשן...

ראָטע נאָך ראָטע. עס קלאפּן טריט אײַנטאָניק, אויטאָמאטיש. עס פאָרן מאשינען, הארמאטן, טאנקען. בײַנאכט פאָרן זיי. וווּהין? אין וועלכן וויסטן טאָג אריין? שטארק זענען די זעלנער, שטארק זענען די טאנקען. כוח איז עס און איך האָב ליב דאָס שוואכע ווינטל, וואָס בלאָזט אין מײַן פענסטער, אָבער הײַנט איז דאָס ווינטל דורכגעזאפּט מיט בענזין. די מלחמה פארסמט אלץ.

אויף מאָרגן נאָכדעם, ווי די רויטע האָבן באזעצט ליטע און קאָוונע, בין איך ארײַנגעקומען אינדערפרי אין דער רעדאקציע פון דער „יידישער שטימע״. ארײַנגעקומען צו רובינשטיינען. ער איז געזעסן, דער רעדאקטאָר, בײַ זײַן טיש און געארבעט ווי שטענדיק. דאָס הארץ האָט מיר פאר אים

ווי געטון. איך האָב געוווּסט, אז ער וועט דאָ אין ז י י ן רעדאקציע לאנג נישט ארבעטן. מיר האָבן גערעדט, דערביי פרעגט ער ביי מיר:

— ווען וועט איר געבן אייער פעליעטאָן אויף פרייטיק?

— אויף פרייטיק? ווער ווייסט, צי ביז פרייטיק וועט זיין א „יידישע שטימע"?

ער איז בייז געוואָרן, אויפגערעגט געוואָרן און גענומען וואַרפן מיט ווערטער, ווערטער, וועלכע האָבן געהאט דעם ציל זיך אליין און אנדערע צו בארואיקן:

— זיי זענען איצט אנדערע, זיי וועלן אונדז לאָזן ארבעטן...

— הלוואי, — האָב איך געזאָגט.

דערנאָך בין איך אוועק קוקן, ווי דאָס נייע לעבן גייט אויף די גאסן. דערנאָך בין איך אוועק איבער די טעג און די טעג זענען אוועק איבער מיר. איך האָב זיך צוגעקוקט און זיך צוגעהערט. געוואָלט זיך איינרעדן, אז עס האָט זיך גאָרנישט געביטן און דאָך האָט זיך אלץ געביטן. דער פרעזידענט סמעטאנא איז אנטלאָפן. מען האָט אוועקגעזעצט א נייעם פרעזידענט, פאלעצקאס האָט ער געהייסן, א זשורנאליסט, א נייע רעגירונג האָט מען באשטימט. די גאסן זענען געווען באפוצט מיט פאָנען. די ערשטע פאָר טעג זענען אויף די רעגירונגס-געביידעס געהאנגען צוויי ליטווישע פאָנען און איין רויטע, א סאָוויעטישע. שפּעטער אין עטלעכע טעג איז עס געוואָרן אנדערש: צוויי רויטע פאָנען און איין ליטווישע, דערנאָך נאָך אביסל אנדערש: די ליטווישע פאָן איז אינגאנצן פארשוווּנדן געוואָרן...

צו ערשט האָט מען געגעבן צו ווּיסן די באלעבאטים און די אָנגעשטעלטע פון אלע געשעפטן, פון אלע פאבריקן און אונטערנעמונגען, אז אלע זאָלן זיי בלייבן אויף זייערע ערטער, ווייל אלץ בלייבט. ווי געווען. דאָך אין א וואָך ארום האָט מען די באלעבאטים אָפּגערופן אָן א זייט, מען האָט זיי דערלויבט ארומבלאָנדזשען אין זייערע אונטערנעמונגען, ווי די שאָטנס, און נאָך אין א וואָך שפּעטער האָט מען זיי געבעטן, זיי זאָלן מער נישט קומען, מען דארף זיי נישט, מען וועט זיך אָן זיי אן עצה געבן. קיין זאך איז נישט צוגענומען געוואָרן מיט געשריי, מיט טומל, נאָר לאנגזאם, איידל און שטיל. רובינשטיינס „יידישע שטימע" איז נאָך איין טאָג ארויס מיטן אלטן נוסח, אויף מאָרגן האָט מען געבעטן, די צייטונג זאָל

געשיקט ווערן אין צענזור אריין, איבערמאָרגן האָט מען אריינגעזעצט אַ יונגנמאַן, ער זאָל אכטונג געבן און נאָך א טאָג: רובינשטיין האָט שוין נישט געהאט צו וואָס ער זאָל קומען אין רעדאקציע אריין...

עס האָט זיך געביטן דאָס לעבן. די אָרימע זענען נישט רייך גע־וואָרן, אָבער די רייכע זענען שוין אָרים געוואָרן. איך מוז דאָ אָבער קאַ־טעגאָריש באַשטעטיקן, אז די רייכע האָבן נישט באַוויינט זייערע פאַר־מעגנס. איך האָב נישט געהערט אין דער היגזיכט קיין קלאָג־ליד. יעדער איינער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם נייעם גורל מיט הכנעה:

— זאָל זיך כאָטש דאָס ענדיקן מיט דעם אליין.

אמת איז, אז פיל האָבן געבעטן, מען זאָל זיי דערלויבן צו אַרבעטן אין זייערע אייגענע אונטערנעמונגען אלס אָנגעשטעלטע. פיל פון זיי האָט מען די דערלויבעניש געגעבן, אָבער שפּעטער האָט מען דאָך אלעמען פון זיי געהייסן גיין אהיים. די בורזשואזיע טויג נישט און איר שאָטן טויג אויך נישט. אין קאָוונע איז באַלד גרוים געוואָרן די מחנה פון מענטשן אָן אַ באַשעפטיקונג. אַ מחנה פון „געוועזענע", געוועזענע באַלעבאַטים, פאַבריקאַנטן, דירעקטאָרן און רייך־באַצאָלטע באַאמטע. די אַלע האָבן זיך ארומגעדרייט אָן אַ פּיצל אַרבעט. צוזאַמען מיט זיי די פּליטים. אַן אומ־פּראָדוקטיווער עלעמענט, אויף אַזעלכע קוקט די נייע מאַכט מיט נישט ליבטערע אויגן... די פּליטים זענען נערוועאישע מענטשן, זיי האָבן גע־נומען לויפן צו די קאָנסולאַטן, זיי זענען איבער די גאַסן פון קאָוונע ארומ־געלאָפן ווי פאַרסמטע. זיי, געניטע אַנטלויפערס, זענען אריינגעפאַלן אין אַ נעץ, אויף וועלכער זיי האָבן זיך אַבסאָלוט נישט געריכט. קיינער האָט זיי דערווייל נישט אָנגערירט, אָבער אין קאָוונע האָט מען שוין געוווּסט וועגן אַ „לעמבערג", וועגן אַ „לוצק" און וועגן אַנדערע פונקטן, פון וואַנען מען האָט די פּליטים פאַרשיקט ערגעץ ווייט־ווייט אין די רוסישע שנייען... און קיינעם פון אונדז האָט זיך נישט געוואָלט גיין אין דעם „ערגעץ־ווייט־ווייט"...

פון דער סאָוויעטישער מאַכט אליין האָט מען אויף זיכער נישט געקאָנט דערגיין, צי מען וועט לאָזן אוועקפאָרן אָדער נישט. די ענטפערס זענען געווען פאַרשידענע, איינמאָל אזא און דעם צווייטן מאָל אַנדערש.

— אך, יאָ! איר וועט פאָרן, מיר וועלן קיינעם נישט פארהאלטן, מיר דארפן אייך נישט.

א צווייט מאָל:

— צו וואָס פאָרן? טייערע, ביי אונדז וועט אייך גאָרנישט פעלן, ביי אונדז ארבעטן אלע, וועט איר אויך ארבעטן. און אז אזא לאָדזשער פאבריקאנט, אָדער א ווארשעווער סוחר, א פּליט אזא, פלעגט דערהערן אזעלכע ווערטער, איז אים קאלט און ווארעם געוואָרן. פארבליבן איז איין עצה: טעלעגראפירן. לויפן צום טעלעגראף־אמט און אָנשרייבן טעלעגראמעס צו קרובים, צו ווייטע קרובים, צו פריינט, צו יעדן אדרעס, וואָס מען האָט געהאַט ביי זיך. מען האָט אויסגעזוכט קרובים פון אונטער דער ערד. מען פלעגט טעלעגראפירן צו איינעם אין ארגענטינע, אז ער זאָל טעלעגראפירן צו פלוני בן פלוני קיין שיקאגאָ און דער פלוני זאָל אָנפרעגן ביי א צווייטן פלוני אין דרום־אפריקע, ווו עס געפינט זיך איצטער דער געוועזענער בערשטער פון מעזריטש, וועלכער האָט עמיגרירט פון פוילן. דער געוועזענער בערשטער זאָל איצט זיין א מיליאָנער און אויב א מיליאָנער איז ער דאָך א קרוב און אזא קרוב קאָן שיקן געלט און טאקע א וויזע אויך אמאָל. מען האָט געפּרוּווט דעם מזל. און מערקווירדיק: עס האָט א סך מאָל געווירקט, דער מזל פלעגט ארויסשפּרינגען פון אונטער דער ערד און ראטעווען... די נייע מאכט האָט אונדז געלאָזט טעלעגראפירן. די נייע מאכט איז געווען מער ווייניק ליבעראל. די קאָוונער מאכט איז פול מיט געמיט, האָט מען אזוי געמיטלעך נאציאָנאליזירט אלע אונטערנעמונגען. לאנגזאם, אָבער סיסטעמאטיש. די נייע מאכט האָט קיין זאך נישט געוואָלט צעשטערן, בלויז אלץ איבערנעמען. אין גאנצקייט. די פּראָדוקציע איז ווייטער געגאנגען. איצט האָט עס אָנגעפירט א פאבריקס־קאָמיטעט. דער באלעבאָס פון דער אונטערנעמונג איז שוין געזעסן אין דער היים. א סך פון די אונטערנעמונגען האָבן גלייך אָנגעהויבן שטארק צו הינקען, אָבער דערפאר איז שוין נישט געווען קיין בורזשואזיע...

אלץ האָט זיך געביטן.

געווען זענען אין קאָוונע עטלעכע גרויסע וווּרשט־געשעפטן פון ראָזמארינאס. וווּרשט־געשעפטן צוזאמען מיט רעסטאָראנען, כשרע רעסטאָראנען. דאָרט האָבן געארבעט א סך אָנגעשטעלטע און א סך יידישע מייד־

לעך אלס קעלנערינס. אין דער זעלבער קאָוונע זענען אויך געווען קריסט־לעכע רעסטאָראַנען פון דעם קאָאָפּעראַטיוו „וואלגים". דאָרטן האָבן אויך געארבעט א סך מיידלעך אלס קעלנערינס, קריסטלעכע מיידלעך. זיי האָבן דערלאנגט צום טיש שינקע, חזיר־פלייש און אנדערע נישט כשרע שפּייזן. האָט די נייע מאכט, צוליב העכערע גלייכהייטס־מאָטיוון, איינגעפירט א גרויסע רעפאָרם: זי האָט די קעלנערינס פון „וואלגים"־קאָאָפּעראַטיוו גע־שיקט ארבעטן אין די רעסטאָראַנען פון ראזמארינאס און די קעלנערינס פון ראזמארינאס זענען געגאנגען שניידן שינקע אין די „וואלגים"־רעס־טאָראַנען. דעם אמתן שכל פון דער גרויסער רעפאָרם קאָן איך ביז היינט נישט פארשטיין. איך קאָן א סך זאכן נישט פארשטיין, דערפאר בין איך טאקע א קליינבירגער. איך וועל דאָ אויסזאָגן נאָך א סוד: איך בין אזא אָפּגעשטאנענער אין דער היינטיקער וועלט, אז איך וויים אפילו נישט געגוי, וואָס דאָס איז א קליינבירגער... פאראַן חכמים אויף דער וועלט, פאראַן רעפאָרמאַטאָרן. איך בין זיי מקנא. אָבער לאָמיר דאָס לאָזן. דער פאקט בלייבט פאקט: ביי ראזמארינאס אין געשעפט האָבן קריסטלעכע מיידלעך דערלאנגט די געסט צו די טישלעך כשרע וווּרשט, ביי ראזמא־רינאס אין די שויפענסטער זענען געהאנגען מעלדונגען, קוויטלעך אזעל־כע, געשריבן אויף יידיש: „כשר ווי געווען". אויך אויף די ווענט פון די רעסטאָראַנען זענען געווען אזעלכע געשריבענע מעלדונגען: „כשר ווי גע־ווען"... דער ניי־געגרינדעטער קאָאָפּעראַטיוו האָט נישט געוואָלט פארלירן זיינע כשרע קונדן...

ווען איך פלעג פארבייגיין פאר ראזמארינאס רעסטאָראַן, פלעג איך זיך אָפּשטעלן אויף לענגערע מינוטן און קוקן און קלייבן נחת. אָבער נישט פון די געבראָטענע גענזלעך פלעג איך קלייבן נחת, נישט פון די פּופּיקעס און נישט פון די לעבערלעך, דאָס זענען טאקע געווען קונסט־ווערק פון בראָט־אויוון. די געבראָטענע גענזלעך און לעבערלעך זענען נאָך אלץ גע־ווען אין קאָוונע. ליטע האָט עס נאָך געהאט פיל; עס האָט נאָך געקלעקט. איך האָב אָבער געקוקט אויף דער מעלדונג, וואָס איז געהאנגען אין פענ־סטער און פון דעם טאקע געקליבן נחת. „כשר ווי געווען". דאָס איז א טייערע זאך. מענטשן, וואָס פארנעמען זיך מיט אזעלכע סענטימענטן, זענען מיר ליב, וועל איך אפשר אויך זיין ליב ביי זיי? די מעשה איז באשטאנען

אין דעם, וואָס איך בין דאָ געווען נישט אינגאנצן כשר. איך האָב זיך דערלויבט אמאָל צו טראכטן אָט אזוי ווי איך האָב געוואָלט: שרייבן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט. איז איצטער מיר שווער געווען, איך האָב אביסל מורא געהאט און אפשר א סך מורא געהאט: טאָמער וועט זיך עמעצער דערמאָנען און מיר טון א טובה...

דערפאר האָב איך זיך אזוי געפרייט מיטן „כשר ווי געווען". מיין חשבון איז געווען א פשוטער: אויב מען דערלויבט מענטשן צו עסן כשר, פונקט ווי זיי האָבן עס פריער געגעסן, וועט מען אפשר אויך מיר דער־לויבן צו טראכטן אומאָפּהענגיק און פריי, אזוי ווי איך האָב פריער גע־טראכט. מער וויל איך דאָך נישט. איך האָב זיך געטרייסט, איך האָב זיך איינגערעדט, פריילעך איז מיר נישט געווען אויף דער נשמה, כאָטש די זון האָט געשיינט און זומער איז געווען. איך האָב דעמאָלט געענדיקט דרוקן מיין ביכל, אָבער די דרוקעריי איז פארזיגלט געוואָרן און דאָס ביכל איז פארלאָרן געגאנגען. אין דרוקן דאָס ביכל האָב איך אריינגעלייגט מיין גאנץ געלט, בין איך איצט פארבליבן אָן א גראָשן און אָן פארדינסט. די „יידישע שטימע" האָט שוין געהייסן „קאָוונער אמת", דאָרט זענען גע־זעסן נייע מענטשן מיט נייע אידעען און איך בין דאָך אזא אָפּגעשטאָ־נענער... אָט גייט ער, דער געוועזענער רעדאקטאָר פון דער „יידישער שטי־מע". אָט איז ער דער ראובן רובינשטיין. מיר באגעגענען זיך אויף דער לייסוועס אליעאס. „לייסוועס אליעאס" הייסט אויף ליטוויש די פרייהייטס־אלעע. איצט האָט מען עס איבערגעמאכט אויף „סטאלינאס אליעאס" — באגעגן איך דאָרט רובינשטיינען. שווייגנדיק איז ער געוואָרן, אָבער ארים־טאָקראטיש ערנסט. מען רעדט עפּעס און פון געשפּרעך בלייבט די לעצטע פראזע:

— איך רעכן, אז לאנג וועל איך אזוי נישט שפּאצירן, אפשר נאָך היינט, זייט געזונט!

איך פארקירעווע צו מיין האָטעל און ער גייט זיין וועג.

אין אָוונט בין איך אין קאפע „מאָניקא". עמעץ גייט צו צו מיר און מורמלט אריין אין מיינע אויערן:

— רובינשטיין איז מיט א שעה צוריק ארעסטירט געוואָרן.

איך וויל פרעגן: „פארוואָס?" נאָר דאָס וואָרט פארגליווערט זיך.

א דזשענטלמאַן, א מענטשן־פריינט, א געבילדעטער, א גוצלעכער מענטש. פאַרוואָס האָט מען אים צוגענומען? שפּעטער האָט מען נאָך עטלעכע באַקאַנטע אַרעסטירט. אָבער קיין מאַסן־אַרעסטן זענען נישט פאָרגעקומען, צו עסן און צו טרינקען איז געווען אין קאָוונע. נאָר די שטימונג איז געווען א תליה־שטימונג. מענטשן האָבן מורא געהאַט. מען האָט פאָרגעפילט די מלחמה צווישן דייטש און רוס. מען האָט עס פאָרגעפילט און מער פאַר אַלעמען האָבן עס פאָרגעפילט די פּליטים. זיי זענען געווען באַרסמטע פון שרעק און מיט זייער שרעק האָבן זיי אַלץ און אַלעמען פאַרסמט. מען האָט זיי געדאַרפט זען אין קאַפע און אויף דער גאַס. קוקן אין זייערע אויגן, הערן זייערע ווערטער. די וועלט פאַר זיי איז הונדערט מאָל א טאָג אונטערגעגאַנגען... אָבער פאַראיבל טאָר מען אויף זיי קיינעם נישט האָבן, ווי קאָמיש דער מענטש זאָל נישט זיין אין זיין שרעק און ווי שרעקלעך ער זאָל נישט זיין אין זיין שוואַכקייט, איז ער דאָך געראַכט געווען דער ייד. איצט, ווען מיר ווייסן שוין, וואָס דער דייטש האָט אָפּגעטון מיט מיליאָנען יידן, איז שוין דאַכט זיך גענוג פאַרשטענדלעך די שרעק פון יעדן איינעם, וואָס האָט געוואָלט לויפן וואָס ווייטער און ווייטער פון גיהנום. און די, וואָס זענען אַנטלאָפן, האָבן זייער האַרץ, געזונט און די נערוון סיי ווי איבערגעלאָזט אין וועג — מעג מען זיי פאַרגינען זייער ביסל טרוי־עריק לעבן...

פון מיין האַרציקן יצחק ליגום בין איך אַוועק און דער האָטעל „אישראַ", וווּ איך האָב געהאַט א צימער, איז רעקוויזירט געוואָרן פאַר באַאַמטע, בין איך איבערגעפאָרן צום העברעאישן לערער שאַכעטמאַן. ער האָט געהאַט אַן אייגן הויז, עטלעכע טריט פון ניעמאַן. פון מיין פענסטער האָב איך געזען א שטיקל טייך און אין א טייך קאָן מען זיך דאָך דער־טרינקען, האָב איך אָפט געטראַכט פון די דאָזיקע זאַכן. שאַכעטמאַן מיט זיין פרוי, רואיקע, זייער סימפּאַטישע. זיי זענען געווען זייער פאַרטרויערט, שווייגנדיק. שאַכעטמאַן האָט פאַרלוירן זיין אַרבעט און דאָס הויז איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס מיט זיי וועט מאָרגן זיין, איך האָב אויך נישט געוווּסט, וואָס מאָרגן וועט זיין, האָט אונדז איין טרויער פאַראייניקט און אָפּטמאָל האָט מען זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ.

מיט מיר איז גאָרנישט פריילעך געווען, איך האָב געבלאָנדזשעט

איבער קאָוונע אַן אָנגעשראָקענער. איך האָב זיך נישט געריכט אויף עפּעס גוטס פון גורל און פון מענטשן אוודאי נישט. א סך פון מיינע באקאנטע האָבן זיך פון מיר אָפּגערוקט. עס האָט נישט געלוינט צו האָבן צו טון מיט מיר. די דאָזיקע זענען איצט געוואָרן יחסנים. זיי האָבן געארבעט אין פאַרשידענע אמטן, זיי האָבן געהאט פּרנסה און איך האָב געהאט א שלעכטן נאָמען, א „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער" רחמנא ליצלן...

אין „קאָוונער אמת" האָבן זיך גענומען באווייזן בריוולעך, קאָרעספּאָנדענציעס אזעלכע, פון ליטווישע און לאַטווישע שטעט און שטעטלעך. אלע כמעט אין זעלבן נוסח, איין שאַבלאָן: „פון אונדזער ביבליאָטעק האָבן מיר היינטיקע וואָך ארויסגעוואָרפן די ביכער פון די פאשיסטישע שרייבער שלום אש און ז. סעגאלאָוויטש", אָדער: „מיר זענען שוין פּטור געוואָרן פון די פאשיסטישע שרייבער", און ווידער די זעלבע צוויי נעמען, שטעט און שטעטלעך... דווינסק, ריעזשיצע, ליבאווא. מער קיין זאָרג האָבן זיי שוין נישט געהאט. פּאניעוויעזש, שאוועל, ווילקאמיר, יאנאווע, ווילקאווישקי, זיי האָבן ארויסגעוואָרפן פון זייערע ביבליאָטעקן שלום אשס ביכער, איז ער דאָרט געזעסן, מיין קאָלעגע אש, אין אמעריקע און די זאך איז אים אָנגעגאנגען ווי א ווייטער ווינט... אָבער איך בין געווען אין קאָוונע און וויערזשבאלאווא דערציילט פאר דער גאנצער וועלט און פאר דער גרויסער רוסלאנד, אז ענדלעך איז מען פּטור געוואָרן פון מיינע ביכער און דערביי ווער איך געשטעמפּלט אלס פאשיסט. דאָס האָט פארדראָסן און א סך מער ווי פארדראָסן. דאָס האָט אויך געשראָקן. פון אזעלכע בריוולעך לעקט מען נישט קיין האָניק און דאָך האָב איך געשמייכלט אין זיך מיט ווייטיק: מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך דאָך געווען איינגעלאדן אין די זעלבע שטעט און שטעטלעך, מען האָט מיר גרויס כבוד אָפּגעגעבן, איך האָב דאָרט געלייענט מיינע „פאשיסטישע" ווערק און מען האָט מיר אפּלאָדירט, שטארק און גאָר שטארק אפּלאָדירט, באנקעטן האָט מען פאר מיר איינגעאָרדנט און רעדעס געהאלטן, געלויבט און באגריסט, און איצט מיטאמאָל: „פאשיסט!" טייערע בחורים און מיידלעך! מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? מיט וואָס בין איך פאשיסט? פארוואָס און פאר וועמען פארשווארצט מען מיין לעבן? מיטן זעלבן רעכט האָט מען מיך דאָך געקאָנט

אָנרופן: „דזשעק דער בויך־שניידער", אָדער „דיסעלדאָרפער מערדער" און רייצן, אָנרייצן אויף אן אומשולדיקן מענטשן...

איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן ווי א פאַריאָגטע היה, כסדר זיך ארומ־געקוקט און נעכט נישט געשלאָפן. יעדעס ראָד אויף דער גאס האָט גע־שראָקן, יעדער טריט אויף מיינע טרעפ האָט געמאכט שטאַרקער קלאַפּן דאָס הארץ. איך האָב זיך געריכט אויף „גוטע זאכן" און אינדערפרי בין איך ווידער אין קאפע „מאָניקא". אין „קאָוונער אמת" שרייבט מען טאקע וועגן מיר נישט קיין היימלעכע זאכן, מען רופט מיך אָן „פאשיסט", אָבער אין „מאָניקא" זיץ איך מיט קאָמוניסטן און מיט קאָמוניסטישע סנאָבן, נאָכלויפערס און נאָכמאכערס. עטלעכע פון זיי זענען געקומען פון די ווייטע רוסישע שטעט, געווען פאָליטרוקן און אָפיצירן. געווען אין דעם קרייז עטלעכע זייער סימפּאטישע מענטשן, איבערהויפּט יענע, וועלכע זענען געקומען פון די ווייטע רוסישע שטעט. אמתע רוסן מיט דער גאנצער שיינקייט פון נשמה־פארנעם. גוטע מענטשן, זיי האָבן אין קאָוונע געזוכט געזעלשאפט. זיי האָבן מער גערעדט וועגן דער אלטער רוסישער ליטעראַ־טור, ווי וועגן פּאָליטיק. מען האָט גערעדט וועגן א גוטן בגד, וועגן עסן. נו, אמאָל פלעגט מען מאכן א כוסה. מען פלעגט גיין צו גאסט צו דעם יונגן סודארסקי, צו די סעגאלסאָנס. געטרונקען האָט מען דאָרט בראָנפן פון טיי־גלעזער, נאָר שיכור איז מען נישט געוואָרן. קיין אוואַנטורעס נישט געמאכט.

איך האָב אויף מיין גלאָז בראָנפן מער געקוקט און ווייניקער גע־טרונקען. איך האָב אָפט מורא געהאט, אז איינער פון דעם קרייז וועט צו מיר אויסשרייען: „העי פאשיסט!" אָבער ווו און ווען? זיי האָבן מיין „פאשיזם" אין זינען געהאט ווי דעם פאראיאָריקן שניי און איך האָב זיך אומזיסט געשראָקן. ליבע יונגען זענען זיי געווען די רוסן פון די ווייטע שטעט, אָבער די ניי געבוירענע קאָמוניסטן, זיי האָבן נישט גערוט, יעדער איינער פון זיי איז געוואָרן א משגיח אויף עמעצנס נשמה, אָדער אויף אלע נשמות אינאיינעם. איינער אן אָשעראָוויטש, א געוועזענער מיטאַר־בעטער פון דער „קאָוונער שטימע", איז ער לייכט געוואָרן א מיטארבעטער פון „קאָוונער אמת" און צו מיר האָט ער געהאט פּרעטענזיעס כסדר פאר־וואָס איך שטיי פון דערווייטן. שפּעטער האָב איך באקומען אן איינלאדונג

פון רעדאַקטאָר שאַכעט, איך זאָל ארויפקומען אין „קאָוונער אמת". איך האָב זיך געמאכט נישט ווייסנדיק, איך בין אהין נישט געגאנגען, נישט געהאט פּשוט קיין כוח צו רעדן מיט זיי דאָרט, בעסער אינגאנצן נישט גיין...

דערפאר בין איך געגאנגען אין א צווייט אָרט, דאָרט האָב איך גע־מוזט גיין. אויף מיין טיש האָב איך געפונען א צעטעלע געשריבן אין ליטוויש. דער ניי באשטימטער קאָמיסאר פון פּליטים־קאָמיטעט האָט מיך געבעטן צו זיך אויף מאָרגן, אויף איינס דעם זייגער. איך האָב געוווּסט, אז דאָס איז א קאָמיסאר א משגיח... און צו וואָס רופט ער מיך? רעדן מיט מיר? אויסשטראָפן, אָדער פאַרלייגן איידל צי נישט איידל, אז איך זאָל נישט ארומגיין ליידיק, אז איך זאָל אָננעמען וועלכן ס'איז אמט?

איינס אזייגער בין איך שוין געווען אין פּליטים־קאָמיטעט. מיט א קלאַפּעדיק הארץ אָנגעקלאַפּט אין א טיר. און אָט איז ער, דער קאָמיסאר פון פּליטים־קאָמיטעט, א נידעריקער יידישער יונגערמאן, אביסל דיק, דאָס איז פון לאנגע יאָרן זיצן אויף איין אָרט. איך האָב שוין געוווּסט, אז ער איז זיבן יאָר געזעסן ביי די ליטווינער אין תפיסה און די רוסן האָבן אים באפרייט. ער האָט געהאט א גרוי־געלן פּנים, אויסגעמאַטערט פון תפיסה. איך האָב מיטגעפיל צו אזעלכע. ער האָט געטראָגן ברילן, אָבער אזעלכע דיקע גלעזער האָב איך קיינמאָל נישט געזען...

— זעצט זיך!

איך האָב זיך געזעצט.

— דאָס האָט איר אָנגעשריבן די „ווילדע צילקע"?

— יאָ!

— און וואָס טוט איר איצטער?

— גאָרנישט...

— טאָ פון וואָס לעבט איר?

— עס איז טאקע שווער...

— אפשר באדאַרפט איר געלט?

— איך פארשטיי נישט אייער פראגע.

כאַפּט ער דאָס טרייבל פון טעלעפאָן:

— איך וועל אָנקלינגען, וועט מען אייך געבן געלט, איר באדארפט דאָך צום לעבן...

— יאָ, אָבער געלט נעם איך פאַר ארבעט.

— טאָ פארוואָס ארבעט איר נישט? שאָבעט האָט אייך געשיקט רופן און איר זענט נישט געקומען.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך שעם זיך ארויפצוגיין צו שאָכעטן אין רעדאקציע. איך האָב נישט וואָס צו דרוקן, ווייל איך ארבעט נישט, איך בין קראַנק...

— איר זענט קראַנק, וועל איך אייך איינאָרדענען אין א סאנאַ־טאָריום...

און דער קאָמיסאר כאַפּט זיך ווידער צום טעלעפאָן.

— ניין! קלינגט נישט...

— פארוואָס?

— ווייל קראַנקע מאַכן אויף מיר א שווערן איינדרוק און איך וועל אין סאנאַטאָריום נאָך מער קראַנק ווערן...

אַלץ וואָס איך האָב גערעדט און געענטפערט איז דורך מיין עקזאַ־מענאַטאָר פארשריבן געוואָרן. א פּאָר מינוט האָט ער געשוויגן. מיטאַמאָל רייסט ער איבער זיין שווייגן און מיטאַמאָל פרעגט ער ביי מיר אזא אומ־געריכטע פראַגע:

— איר וואָלט געוואָגט חתונה צו האָבן מיט א קריסטלעך מיידל?

איך קוק אים אָן, איך פארשטיי נישט צוליב וואָס ער פרעגט דאָס, אָבער ענטפערן מוז מען. ענטפער איך:

— איך ווייס נישט, נישט געווען די געלעגענהייט.

און איך גיי חתונה האָבן מיט א ליטווינקע, איך פרעג נישט ביי קיינעם. א שיין מיידל, מען דאַרף אביסל רעדן מיט איר...

ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און א גאַנצע שעה האָט ער גערעדט מיט זיין „ליטווינקע". גערעדט האָט ער אויף ליטוויש. איך האָב א וואָרט נישט פארשטאַנען. איך האָב געוואַרט און זיך דער־וואַרט. ער האָט איבערגעריסן דאָס געשפרעך מיט זיין כלה און א שפּרונג געטון מיט די גלעזערנע אויגן אויף מיר:

— איר זענט א בונדיסט?

— ניין! די בונדיסטן האָבן מיך שוין גענוג געזידלט, זיי האָבן אפילו גערופן, מען זאָל מיינע ביכער נישט לעזן...

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט... זיי זאָגן, אז איך בין א ציוניסט...

— הא! דאָס איז אינטערעסאַנט, איר זענט טאַקע א ציוניסט?

— ניין! די ציוניסטן האָבן אויך צו מיר פּרעטענזיעס...

— פאַרוואָס?

— זיי זאָגן, אז איך בין א בונדיסט...

דער בחור האָט אָנגעשטעלט אויף מיר די אויגן. געקוקט אויף מיר און געשוויגן. איך האָב געוואַרט מיט פּחד און פּלוצלינג דערהער איך גאָר אזא פראַגע:

— וויפל באַדאַרף א מענטש העמדער?

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. איך האָב געמיינט, אז דאָס איז עפּעס א טיף דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע פראַגע און באַלד וועל איך אין א נעץ אַריינפאַלן. איך האָב געשוויגן. דער בחור רעדט אָבער ווידער צו מיר, ער רעדט ווייכער, אינטימער:

— זאָגט מיר, וויפל באַדאַרף א מענטש העמדער? איך גיי דאָך חתונה האָבן. איך מוז אַלץ איינקויפן.

עס איז מיר געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. איך ענטפער:

— צען העמדער באַדאַרף א מענטש...

— אַלע זיידענע?

— ניין! זיידענע איז גענוג דריי. דערביי גיב איך זיך א בויג צו אים. איך באַריר זיין קראַוואַט און איך רעד צו אים, ווי דער גרעסטער קראַוואַטן־אויטאָריטעט אויף דער וועלט:

דעם קראַוואַט אייערן זאָלט איר נישט טראָגן אזוי אָנגעצויגן און נישט אזוי סימעטריש גלייך. עס איז שענער, ווען עס איז אביסעלע קרום, א קליין ביסעלע, דאָס גיט צו חן דער זאַך און איבערהויפּט זאָלט איר נישט טראָגן קיין גרינלעכע קראַוואַטן, ווייל איר זענט צו לאַנג געזעסן אין תפיסה און אייער פּנים איז בלייך, טויג עס נישט אזוי, קויפט א קראַוואַט מיט רויטע פּעדעם, אָדער מיט רויטע אַרבעסלעך, איר פאַרשטייט?

— יאָ...

דער מענטש האָט מיך אָנגעקוקט מיט ווייכע אויגן, די גראָבע גלעזער זענען דינער געוואָרן, די אַטמאָספער פון צימער איז אַנדערש געוואָרן.

מיר האָבן גערעדט וועגן העמדער און קראוואטן, אפילו וועגן זיידענע שקאַרפּעטן גערעדט.

שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט:

— איך האָב נאָך היינט אַ סך אַרבעט, איך וועל צו אייך אינגיכן צושיקן אַ צווייטע איינלאַדונג און דעמאָלט וועלן מיר רעדן וועגן אונדזערע און אייערע ענינים...

אינגיכן בין איך געווען אויף דער גאַס. עס האָט געגאָסן אַ רעגן, נאָר איך האָב געמיינט, אַז דאָס גיסט זיך דער שווייס פון מיר. דער קאָמיסאַר פון פּליטים־קאָמיטעט האָט צו מיר קיין צווייטע איינלאַדונג נישט צוגעשיקט, נאָר אויף דער גאַס האָב איך אים פיל מאָל באַגעגנט און טאַקע מיט זיין „ליטווינקע". ער פלעגט מיך באַגריסן זייער פריינטלעך, ווי מען באַגריסט אַ גרויסן יחסן. איך מיין, ווי מען באַגריסט אַ מבין אויף קראַוואַטן.

מער האָט ער מיך שוין נישט גערופן, אָבער אַנדערע קאָמיסאַרן האָבן מיך יאָ גערופן און געפירט מיט מיר שמועסן, געגעבן עצות, איך זאָל זיך נעמען צו וועלכער עס איז אַרבעט, איך זאָל ווערן גוט און פרום. איך וויים נישט צוליב וואָס זיי האָבן געדאַרפט די גאַנצע מיסיאָנערישע אַרבעט, איך וויים נישט צוליב וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, איך וויים נישט און איך וויל גאָרנישט וויסן און איך וויל גאָרנישט רעדן וועגן דעם...

וואָס קריכן מיר די מענטשן אין מיינע געדאַנקען? וואָס בראָטן זיי מיין האַרץ אויף זייער פאַן? איך האָב געוואָלט בלייבן „איך" ווי נישטיק און קליינבירגערלעך כ'זאָל נישט זיין. מיט וועלכע רעכט זענען זיי מיר נעקראָכן אין דער נשמה? איך האָב זיך געבויגן פון ווייטיק און איך האָב געזען, ווי מען וויל מיך איבערמאַכן און מיט דעם לעצטן ביסל כוחות — איך האָב זיך נישט געלאָזן, איך בין נישט קיינעמס קעגנער, אָבער איך וויל זיך אַליין אויסקלויבן מיין וועג.

איך וואָלט נאָך וועלן אַמאָל רעדן וועגן דעם... איך בין דעמאָלט שוין באַלד געווען אַ זעכציקער, שוין דורכגעלעבט מלחמות און רעוואָלוציעס, נאָענט דורכגעלעבט. שוין אַ סך געזען, געווייטיקט און געליטן און דאָרט, אין יענע טעג אין קאָוונע, האָב איך פיל מאָל געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ חדר־ייִנגל וויל מיך פירן אין חדר...

# XI

# אויטאָביאָגראַפיעס

עס ווילט זיך נישט שרייבן... גאַנץ אָפט רוק איך אָפּ פון זיך דאָס פּאַפּיר און יעדער חשק גייט אוועק צו רעדן וועגן די זאַכן, ווי אַזוי מען האָט געלעבט אין אַ ראָוונע, צי אין אַ קאָוונע. דער מענטש זעט בלויז די בונטע, שרייאיקע פאַרבן, דער גרויסער עולם פאַרנעמט בלויז די גאָר הויכע טענער פון דער סימפאָניע, דאַגעגן די שטילע האַלב־קלאַנגען ווערן פאַר־לוירן. וואָס ווייסט ווער און וואָס וועט ווער וויסן פון אַ צוויי הונדערט און פופציק נעכט אָן שלאָף און אָן רו? מיינע נעכט און די נעכט פון נאָך טויזנטער פּליטים. נעכט און טעג פון פּחד, איינגעהילט אין ווייטיקלעכער גרויקייט. אַ שטומע, מאָנאָטאָנע דערוואַרטונג פון עפּעס שלעכטס, געמישט מיט אַ ווילן זיך צו ראַטעווען. און דערצו נאָך קנאה. פון אַלע שלאַנגען איז די קנאה די ערגסטע שלאַנג.

אַז די וועלט וועט אַמאָל אויסגעלייזט ווערן, וועט זי דאָך אַוודאי פּטור ווערן פון אַלע פּאָנען, עמבלעמס, אָפּצייכענונגען. זי וועט דאָך אַוודאי פּטור ווערן פון איין קאָליר, פון דעם טאָטאַלן און אָפּיציעלן קאָליר, וואָס מאַטערט אַזוי די אויגן, טאָג נאָך טאָג, אומעטום, אויף יעדן טריט, אויף יעדן הויז און אויף יעדן באַלקאָן. אַ פּאָן האָט שוין אַזאַ איינגעשאַפּט: זי פּאַראַלעמיינערט. אונטער דער פּאָן איז פאַראַן אַ פּראָגראַם, אין פּראָגראַם האָדעווען זיך פּונקטן, טייערע פּונקטן, הייליקע פּונקטן און אייזערנע פּונקטן, פּרוּוו זיי ווידערשפּעניקן, וועסטו פילן דעם טעם פון אייזן. דערנאָך גייט געזאַנג. אַלע זינגען איין ליד און דאָס דאָזיקע ליד מוז זיין אָבלי־גאַטאָריש. דערנאָך פּאַראַדן, אָדער איין פּאַראַד פאַר אַלעמען. איין גע־דאַנק פאַר אַלעמען, איין ציל. אַנדערע מיינען עס ערלעך, ווייל מער קאָנען

זיי נישט מיינען, אנדערע זענען באוווסטזיניקע נאָכמאכערס, צופּאסערס און איך? וואָס פּלאָנטער איך זיך דאָ אין מיטן? איך האָב זיך איינגערעדט עפּעס א פרייהייט און איך וועל שוין פון מיין איינרעדעניש נישט אָפּטרעטן. איך וועב אליין מיין פאָן. איך ווייס, אז יעדן געדאנק, וואָס איך בין געצווּנגען צו באהאלטן, וועל איך פריער, צי שפּעטער, מוזן ארויסזאָגן, אויב נישט, וועל איך דערשטיקט ווערן. דאָס געצווּנגענע שווייגעניש און פארשווייגעניש איז מיין תפיסה. דאָס ליגט זיך ווי א וואָלקן אויף מיין נשמה. הימל און ערד, מענטש און פריינט! דאָס איז דאָך דאָס טייערסטע, וואָס מיר פארמאָגן: טראכטן, פאנטאזירן און שאפן מיטן געדאנק, זיין פרייוויליק, איינשטימען און ווידערשפּעניקן...

אָבער דאָ זיץ איך אין קאפע „מאָניקא". מיין באקאנטער דערציילט וועגן די טאָג־ענינים. ער זאָגט נישט דעם אמת און ער ווייסט גאנץ גוט, אז איך גלויב אים נישט. דאָך רעדט ער, ער וויל עפּעס. ער באדאַרף עפּעס רעדן. אין „מאָניקא" זענען איצט פאראן א סך פּליטים. מען קומט פון ווילנע. איך וויל וויסן, צי עס וועלן זיין מעגלעכקייטן ארויסצופאָרן. אין „מאָניקא" זענען א סך רוסישע אָפיצירן, א סך באאמטע און קאָמיסארן. אלץ איז דאָ אויסגעמישט. ביי איין טיש זיצט מיט זיינע באקאנטע דער געוועזענער אלטער באנקיר פון ווארשע רפאל שערעשעווסקי, ער איז אויך א געוועזענער סענאטאָר. בלייך איז ער און אלט. די וואָנסן אראָפּגעפּאַלענע אין אומאָרדענונג. דער בליק אויסגעלאָשן. ביי א צווייט טיש זיצט פּאָזנאנסקי פון לאָדזש, און א טיש ווייטער זיצן קאָמוניסטן. אלץ צוזאמען. אלע צוזאמען... אין „מאָניקא" שפּילט מוזיק און עס שוימט דער וויסער קרעם... אָבער דאָ זיצן פּליטים, זייערע בליקן און זייערע באוועגונגען זענען צערייצט, נערוועאיש. איינער פרעגט ביים צווייטן, מען זוכט נייעס, מען פאָרשט די בליקן, מען וויל עפּעס דערגיין. דאָ גייט נישט אין דער מלחמה, אין די שלאכטן... דאָ גייט אין איין זאך: מען וועט ארויסלאָזן, אָדער נישט?

א לאנגע צייט, כמעט דעם גאנצן זומער, האָט מען זיך געשפּייזט מיט קלאנגען, אָבער אין הערבסט האָבן בליקן גענומען לויכטן, ליפּן האָבן געשמייכלט, הערצער האָבן געקלאפּט מיט האָפענונג... מען וועט ארויסלאָזן... יאָ, יאָ, די סאָוויעטישע מאכט האָט געטון א גוטע און קלוגע זאך

מיט דעם, וואָס זי האָט באַשלאָסן דעם דאָזיקן דעזאָרגאַניזירטן, אומגליק־לעכן עלעמענט אַרויסצולאָזן, זאָלן זיי פאָרן אין די מרחקים צו קרובים, צו פריינט, זאָלן זיי זיך נישט פּלאָנטערן מער אויף דעם באָדן, וווּ מענטשן אַרבעטן און בויען נייע וועלטן...

אָבער נישט אַזוי שנעל. לאַנגזאַם! עס זענען פאַראַן פאָרמאַליטעטן. מען דאַרף זיי דורכפירן געזעצלעך און גרינדלעך. מען דאַרף אויסשרייבן אַנקעטעס. ווער דו ביסט היינט און וואָס דו ביסט געווען נעכטן? האָבן די פּליטים באַקומען אַזעלכע גרויסע בויגנס פּאַפּיר מיט געדרוקטע פראַגן, אַ סך, גאָר אַ סך פראַגן, פראַגן, וועלכע מען האָט פאַרשטאַנען און פראַגן, וועלכע מען האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער אויספילן האָט מען געמוזט. איז מען געזעסן און געשוויצט, געקנייטשט דעם מוח און געשריבן. דער־ווייל איז געקומען דער הערבסט. דער הימל איז גרוי געוואָרן און די פּלי־טים זענען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ. מען האָט שוין גערעדט, אַז מען וועט קיינעם נישט אַרויסלאָזן. אָבער דאָס איז נישט געווען אמת. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּראָצעדור. מען האָט אַ סך פון די פּליטים געשיקט רופן, מען האָט געפירט מיט זיי לאַנגע געשפּרעכן: ווּהין פאָרסטו? צו וועמען פאָרסטו? פאַרוואָס ווילסטו נישט בלייבן אין ליטע, אין רוסלאַנד?

דערנאָך האָט מען צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, מען וועט דערלויבן אַרויסצופאָרן. אָבער ווען? טעג זענען געגאַנגען, וואָכן זענען אַוועק. מען האָט זיי געדאַרפט אָנקוקן דעמאָלט, די פּליטים: אויס־געצויגענע פּנימער, איינגעפאַלענע אויגן. וויזע־מענטשן. אויסער דער דער־לויבעניש פון די רוסן אויף אַרויסצופאָרן, האָט מען דאָך אויך געמוזט האָבן אַ וויזע אַריינצופאָרן. האָט מען באַלאַגערט די קאָנסולאַטן, מיט די נעגל פלעגן אַנדערע אַרויסבאַקומען אַ וויזע, מיט איבערמענטשלעכע כוחות. אָבער די קאָנסולאַטן האָבן זיך שוין גענומען פּאַקן. ליטע האָט שוין אָפּ־געשטימט זיך צו פאַראייניקן צו די אַלע איבעריקע סאָוויעטן — באַדאַרף מען שוין נישט אין אַזאַ קאַוונע קיין קאָנסולן. אין די לעצטע עטלעכע טעג זענען עטלעכע קאָנסולן מילדער געוואָרן און געגעבן אַביסל וויזעס. דער יאַפּאַנישער קאָנסול האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, עטלעכע טעג האָט ער געשטעמפּלט אַלע פּעסער, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט. פאַר אַ סומע פון צען סענט האָט ער געטיילט וויזעס. דער עולם האָט עס געכאַפּט. איך

האָב נישט געגלויבט אין אזא וויזע, שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מען דאַרף כאַפּן אַלץ, וואָס מען גיט...

איינמאָל האָט זיך אין קאַפע „מאָניקא" פאַרשפּרייט א זיסער קלאַנג. פון טישל צו טישל איז געגאַנגען אַן אַנזאָג, א בשורה: — די יאַקאָבסאָנס, דאָס פּאָרפאָלק יאַקאָבסאָן, האָבן באַקומען די דערלויבעניש פון דער רו־מישער מאַכט ארויסצופאָרן. יאָ, יאָ... זיי האָבן שוין דאָס פּאַפּירל אין קעשענע. מענטשן האָבן אַנדערע אויגן באַקומען, האָפענונג איז געבוירן געוואָרן. אויב מען לאָזט ארויס איינעם, וועט מען דאַך ארויסלאָזן א צווייטן, זועט מען דאָך... אויף די יאַקאָבסאָנס האָט מען געקוקט ווי אויף די גליק־לעכסטע, און קנאה איז געווען צו זיי. די דאָזיקע יאַקאָבסאָנס זענען היינט אין תל אביב און ווען איך זע זיי, דערמאָן איך זיך אונדזער אמאָליקע קנאה. דערנאָך האָבן נאָך עטלעכע צענדליק פּערזאָן באַקומען ארויספאָר־דערלויבענישן און מיט דעם האָט זיך איבערגעריסן אויף לאַנגע וואָכן. מען האָט שוין גערעדט, אז מען וועט מער קיינעם נישט ארויסלאָזן, און אונדז אלעמען וועט מען ארייניפּאַקן אין וואַגאָנעס און פאַרשיקן ערגעץ־ווייט... אָי, גאָט אין הימל! דער „ערגעץ־ווייט" האָט אזוי אנגסטלעך געשראָקן...

און ווידער א גוטע בשורה: מען וועט ווידער געבן דערלויבענישן ארויסצופאָרן, אָבער מיט א נייער פּראָצעדור. אויסער די אלע פּאַפּירלעך, וואָס מען האָט שוין צוגעגרייט מיט ביטערע מאַטערניש, אויסער דער אָנ־קעטע מיט די הונדערט פראַגן, מוז איצט יעדער איינער, וואָס וויל אוועק־פאָרן, אָנשרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע. ער מוז דערלאַנגען זיין לעבנס־געשיכטע און טאַקע געגוי, גאָר גענוי... האָט דער עולם זיך גענומען צום שרייבן. אלע זענען געוואָרן בעלעטריסטן, ליריקער און עפּיקער. מען האָט געשריבן. טויזנטער פּליטים האָבן געשריבן פּראָזע, מען האָט געשריבן ביי זיך אין צימער, אין האָטעל, אין פאַיע פון האָטעל, מען האָט געשריבן אויף די טישלעך פון קאַפע „מאָניקא". מענטשן זענען ארומגעגאַנגען מיט בויגנס פּאַפּיר. מענטשן האָבן געקנייטשט די שטערנס. אַן אויטאָביאָ־גראַפיע איז נישט קיין קלייניקייט, דאָס רירט אָן די נשמה. מען האָט זיך דער־פילט, ווי שותפים צום „פּאַרנאַס". די נייע סופרים זענען ארומגעגאַנגען מיט געהויבענע קעפּ, ערנסט זענען מענטשן געוואָרן, ערנסט, ווי עס פּאַסט

פאר אזעלכע, וואָס האָבן צו טון מיט דער פען. איינער רופט אָפּ דעם צווייטן אין א ווינקל און דאָרטן לייענט ער פאר אים זיין „ווערק". ער וואַרט אויף מבינות און ער באַקומט עס. דאָס גרעסטע ביסל צרות פון די נייע שרייבער האָב איך געהאַט. איך בין דאָך שוין עפּעס אַן אַלטער שרייבער, איז מען צו מיר געקומען אויף די אמתע מבינות. איך האָב גע־לייענט און אין זיך געשמייכלט. עס איז געווען פון וואָס צו שמייכלען. מען האָט געשריבן אויטאָביאָגראַפיעס מיט אַלע קליינִיקייטן פון די ערשטע טעג אָן. אנדערע האָבן אויסגעשריבן די אינטימסטע מאָמענטן פון זייער לעבן. זיי זענען געווען זיכער, אַז אַזוי באַדאַרף מען עס מאַכן. אנדערע ווידער האָבן געשריבן שקרים, ווי אזוי זיי האָבן געליטן און געהונגערט אין לעבן, ווי אזוי די שלעכטע אָרדענונג, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט זיי געפּייניקט פון ווינגעלע אָן.

איך פאַרשטיי נישט, צו וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט עס באַ־דאַרפט די אויטאָביאָגראַפיעס פון די וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער און לאָדזשער סוחרים, נאָר לאַכן האָבן זיי דאָרט אוודאי געמוזט אין זייערע קאַנצעלאַריעס, בעת זיי האָבן געלייענט די נייע פּאָעמעס פון די נייע דיכ־טער, עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן. אָבער אָן די אויטאָביאָגראַפיעס, צי מיט די אויטאָביאָגראַפיעס, מען האָט איצט געגעבן א סך דערלויבע־נישן ארויסצופאָרן. קאָוונע, די טייערע קאָוונע, איז געווען די איינציקע שטאָט, פון וואַנען מענטשן זענען ארויסגעפאָרן אין דער ברייטער וועלט אריין. קאָוונע, א טייערע גאַסטפריינדלעכע שטאָט, אויך אין דער הינזיכט „וויזעס" איז זי גוט געווען.

איך אַליין האָב קיין אויטאָביאָגראַפיע נישט געשריבן. איך האָב זיך נישט געווענדט, מען זאָל מיר געבן א דערלויבעניש ארויסצופאָרן, ווייל איך האָב געהאַט א פעסטע זיכערקייט, אַז מען וועט מיר אַזאַ דערלויבע־ניש נישט געבן. מיין אויטאָביאָגראַפיע האָט געהאַט פלעקן. איך האָב ער־גער עפּעס גערעדט און ערגעץ עפּעס געשריבן. איך האָב געטראָגן דעם נאָמען קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און מיט דעם איז אַלץ געענדיקט. עס זענען געווען נאָך קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן: דער זשורנאַליסט בערנאַרד זינגער איז ערגעץ נעלם געוואָרן, שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז ארעסטירט געוואָרן אין ריגע. שעפנער, דער טאַלענטירטער פּעליעטאָניסט,

ער איז אוועק אין א שטעטל, האט זיך פארלאזט א באָרד און געזעסן אין א בית־המדרש און געלערנט. איך האָב זיך קיין באָרד נישט פארלאָזט, אין ערגעץ זיך נישט באהאלטן, געבליבן דער זעלבער גאסט פון „מאָניקא״. איך האָב מורא געהאט פאר יעדן „קנעפל״ און דאָך געקראָכן אויבן־אָן. איך האָב געליטן פון מיין פחד און דאָך געוועזן רואיק אין מיין אומרו־איקייט: טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, איך בין קיין פארברעכן נישט באַגאנגען, איך האָב זיך געגוג באמיט אין מיין לעבן צו לעבן אין איינקלאנג מיט מיין געוויסן און אויב עמעצן געפעלט נישט מיין געוויסן, און אויב עס איז באשערט אן אומגליק, טאָ זאָל עס.

דערווייל איז אָנגעקומען פאר מיר פון ארץ ישראל א סערטיפיקאט, אָבער דער סערטיפיקאט האָט געמוזט באשטעטיקט ווערן פון ענגלישן קאָנסולאט, איז דאָס אויסגעפאלן אין יענע טעג, ווען דער קאָנסולאט האָט זיך שוין איינגעפאקט מיט אלע זיינע בלאנקעטן און שטעמפלען, האָב איך מיט דער הילף פון פראָטעקציע געקלאפט אין פארמאכטע טירן און ארויס־באקומען א פאפירל אזא, אָן א שטעמפל און אָן א לויף־נומער. איך האָב זיך דערפרייט מיטן שטיקל פאפיר, איך בין מיט דעם געוואָרן א וויזע־מענטש, אריין אין דער מחנה, אין דער אלגעמיינער. כאָטש אין טיפן הארצן האָב איך נישט געגלויבט, אז איך וועל זיך ווען ארויסקריגן פון ליטע. דער עיקר: וואָס טוט מען מיט דער אויטאָביאָגראפיע? פאר מיין אויטאָ־ביאָגראפיע האָב איך מורא געהאט מער ווי פאר אלץ. איך בין שוין אלס חדר־יינגל געלאָפן פון חדר, ווייל דער רבי האָט מיר נישט געלאָזן טראכטן אזוי ווי איך וויל...

און ניי דערצייל דאָס אין קאָוונע, אין יענעם קאלטן ווינטער, מיט אזוי פיל שרעק, וואָס די מענטשן האָבן געטראָגן אין זייערע הערצער. און דאָ האָט גאָרנישט געהאָלפן. אוועקגיין פון דעם אלעמען האָט מען נישט געקאָנט. זייער שרעק איז מיין שרעק, זייער אומגליק איז מיינער. אין הארצן האָבן מיר געפילט, אז די פוילישע יידן זענען שוין פארמשפט, די גריסן, וואָס מיר האָבן באקומען פון יענער זייט גרענעץ, זענען געווען קעל־טער, ווי אלע פרעסט, הייסער, ווי אלע גיהנומס און איצט האָט אונדז אין די אויגן געקוקט דאָס גוטמוטיקע ליטווישע יידנטום, רואיק געקוקט און רואיק געפרעגט: „וואָס וועט זיין מיט אונדז?״

טויט אָדער לעבן?

אין ענגאַיזם אונדזערן האָבן מיר זיך א סך מאָל געמאַכט נישט הערנדיק די דאָזיקע פראַגן. אין הארצן האָט געקלאַפּט איין ווילן: אנט־לויפן און צו דעם האָט מען געשטרעבט מיט אלע חושים.

א סך זענען שוין אוועקגעפאָרן. מיט נסים פשוט זענען זיי אוועק: שעפּנער, פּנחס שווארץ און אנדערע. דאָס וואָס איינעם האָט זיך איינגע־געבן, האָט געררייצט און געמונטערט דעם צווייטן. אָבער איך אליין: ווי גיי איך אריבער די שרעקלעכע בריק, וואָס רופט זיך אָן „אויטאָביאָגראַ־פיע"? עס האָט זיך געוואָלט ווערן א פּיטשינקער מענטשעלע, א ליליפּוט אזא. זיין קליין און נישט האָבן קיין פארגאנגענהייט און נישט האָבן קיין געגנוואַרט, זיין א שטויבל און פארטראָגן ווערן פון ווינט... אויף אלץ וואָלט איך איינגעגאנגען, אבי נישט שרייבן קיין אויטאָביאָגראַפיע...

און קוים האָב איך אויף א רגע פארגעסן דעם וויזע־דורשט, פאר־געסן און אויפגעהערט וועגן דעם א שעה צו טראַכטן, באַגראָבן זיך אליין אין מיין וועלטל, איז באלד ווער צוגעגאנגען מיט דעם וויזע־פיבער:

— וואָס הערט זיך ביי דיר? האָסט שוין אָנגעגעבן?

— ניין!

— וואָס? דו ביסט משוגע? האָסט נישט קיין רחמנות אויף זיך?...

און ער האָט ווייטער גערעדט און דערציילט וועגן די וויזע־נסים און לאנגזאַם־לאנגזאַם. איך בין שוין א צעטומלטער, א פארקאָכטער אין דער זעלבער קאַשע. איך נעם לויפן איבער די גאַסן און זוכן און פרעגן, איך בין גרייט אויף אלץ, אבי צו באַקומען א וויזע. דערנאָך ווער איך ווידער גלייכגילטיק צו דעם.

א וויזע, א דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, אויף דעם איז די וועלט געשטאַנען. מען האָט ווידער אויסגעפילט פול אנקעטעס, מען האָט אָנגע־שריבן הונדערטער און טויזנטער אויטאָביאָגראַפיעס, מען איז אויפגערעגט געוואָרן פון פארשידענע קאָמיסאַרן, נאָר דערווייל איז ווידער קיינער נישט אַרויסגעפאָרן. דער הערבסט איז שוין אוועק. אָקטאָבער, נאָוועמבער, דער ערשטער שניי איז שוין אַרויסגעפאַלן און קיין אַרויספאָר־דערלויבעניש האָט מען פאר די אויגן נישט געזען. די פּליטים האָבן געהאַט איין טאָג־טעגלעכן מאַרשרוט: פון קאַפע „מאָניקא" ביז דער געדעמינא גאַס נומער

פינף. דאָרט איז געווען דער קאָמיסאריאַט פאַר אינערלעכע ענינים. דאָרט... א שיין ביסל זיפצן זענען דאָרט געפאַלן, און דעמאָלט, ווען אַלע האָבן זיך שוין מיאש געווען, איז ווידער געקומען די טייערסטע ידיעה. מען גיט שוין ווידער ארויספאָר־וויזעס. דער ערשטער האָט די וויזע דאָס מאָל באַקומען א פרומער ייד מיט א גרויסער באָרד. ער איז אריין אויף א פאַרהער צום קאָמיסאַר אָריעכאָוו. ער האָט ארויסגעלייגט זיינע פאַפּירן. דאַן זאָגט צו אים דער קאָמיסאַר:

— „דאָ פעלט נאָך איין פּאַפּיר. אפשר האָט איר עס אין קעשענע?"

דער ייד האָט גענומען זוכן אין אַלע קעשענעס. ער האָט פונאַנ־דערגעקנעפּלט דעם ראָק, די מאַרינאַרקע... און דעמאָלט, ווען ער האָט אויפגעקנעפּלט די מאַרינאַרקע, האָט א פלאַטער געטון דער טלית־קטן זיינער. דער ייד האָט זיך צעטומלט און געכאַפּט צונויפוויקלען, באַהאַלטן זיין טלית־קטן פון דעם קאָמיסאַר. אָבער דאָ האָט דער ייד דערהערט טיי־ערע ווערטער:

— „פאַרוואָס באַהאַלט איר עס? איר מעגט עס טראָגן, איר מעגט דאַוונען וויפל איר ווילט" —

דער קאָמיסאַר אָריעכאָוו האָט זיך פריינדלעך צערעדט מיט דעם יידן און נאָך דעם שמועס האָט דער ייד באַקומען די דערלויבעניש ארויס־צופאָרן פון קאָוונע און זאָל ער דאָרט אָנקומען גליקלעך, ווו אים ווילט זיך אָנקומען.

דער דאָזיקער ייד איז דאַן ארויסגעגאַנגען פון קאָמיסאַרס צימער מיט א צעשטראַלט פּנים. ער האָט דערזען א גרופּע פּליטים אין קאָרידאָר און ער האָט צו זיי אויסגעשריען:

— „יידן, מיט א טלית־קטן איז גוט!..."

איז מען אים מקנא געווען ביז גאָר, ביז משוגעת. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף א וווּנדער. אַלע האָבן איצט געוואָלט ווערן פרום, אַלע האָבן געוואָלט אָנטון דעם טלית־קטן, נאָר ווו נעמט מען אזא גרויסע באָרד? דאָס באַדאַרף מען דאָך האָדעווען א גאַנץ לעבן. יידן מיט גרויסע בערד, פרומע יידן און רבנים זענען איצט געוואָרן די גרעסטע יחסנים. אזעלכע האָבן ברייטלעך צעקעמט די בערד, זיי זענען געגאַנגען מיט זיכערע טריט אויף געדעמינאַ־גאַס נומער פינף. זיי האָבן זיך דאָרט אין

רויטן קאָמיסאַריאַט געפּילט זייער גוט. מען האָט אפילו דערציילט, אַז זיי כאַפּן דאָרט אריין פון צייט צו צייט א מנחה. אָן א מנין, צי מיט א מנין — אלץ איינס. זיי זענען געווען די פּריווילעגירטע. איבערהויפּט א רב. פאַר די רבנים זענען אלע טירן אָפן געוואָרן. דאָס איז געווען אין די ערשטע צוויי וואָכן פון נאָוועמבער. פאַר די דאָזיקע צוויי וואָכן האָבן פיל הונדערטער מענטשן באַקומען די דערלויבעניש ארויסצופאָרן. זיי האָבן לאַנג נישט געוואַרט, זיי האָבן זיך זייער געאיילט. די גרעסטע צאָל פון זיי האָבן נישט אויסגעזאָגט, אין וועלכן טאָג זיי פאָרן אוועק. פאַר די בעסטע פריינט האָט מען נישט דערציילט. מען האָט מורא געהאַט פאַר אַלעמען. בגנבה פלעגט מען זיך אריינזעצן אין צוג און פאָרן איבער דער גרויסער רוסלאַנד, איבער סיביר, ביז וולאַדיוואָסטאָק, ביז יאַפּאַן...

גליקלעכע.

פלוצלינג האָט זיך עס פאַרקלאַפּט. די אַנקעטעס האָט מען געשריבן, מען האָט נאָך אלץ פאַרפאַסט „בשרע" אויטאָביאָגראַפיעס, מען איז יעדע שעה געלאָפן אויף געדעמינא־גאַס, נאָר וואָכן זענען אוועק און קיין וויזע האָט שוין מער קיינער נישט באַקומען. איבערגעריסן זיך ביי אַלעמען די האָפענונג, דערפאַר איז געקומען דער ספק, די פאַרצווייפלונג... מען האָט גערעדט, אַז די ליבעראַלע צייט האָט זיך געענדיקט. מען האָט גערעדט, אַז די רעגירונג וויל איינמאָל פאַר אלע מאָל פּטור ווערן פון דער פליטים־צרה, זיי ברענגען אריין אומאָרדענונג, זיי פּלאָנטערן זיך ארום אָן ארבעט און אָן באַשעפטיקונג...

מען האָט גערעדט מיט ציטערדיקע ליפּן, מען האָט ווידער גענומען וואַרטן אויף גרויסע צרות. און דאָ איז די דייטשע גרענעץ אַזוי נאָענט, עס בלאָזט מיט שרעק פון דאָרט. די פּאָליטרוקן האָבן גערעדט אויף פאַר־זאַמלונגען גאַנץ אָפן:

— א מלחמה מיט דייטשלאַנד וועלן מיר נישט אויסמיידן.

אין פּריוואַטע געשפּרעכן האָבן אָפיצירן אָפט גערעדט, אַז דייטש־לאַנד איז א שונא, וועלכן מען דאַרף הענגט און פיס צעברעכן. אָט די געשפּרעכן האָבן נאָך מער פחד געוואָרפן אויף אונדזער אַנגעשראָקנקייט. עס האָט זיך געוואָלט לויפן, לויפן וואָס גיכער. אָבער לויפן האָט מען

געקאָנט בלויז ביז געדעמינא־גאַס און דאָרט האָבן די רוסישע באַאמטע געזאָגט, אז זיי ווייסן גאָרנישט, וואָס מיט די פּליטים וועט זיין...

איינמאָל בין איך געזעסן אין „מאָניקא” און ארויסגעקוקט אויף דער גאַס. א לייכטער שניי איז געפאלן. אויף דער אלעע זענען פארביי־געגאנגען געצײלטע מענטשן. אָט גייט האסמאן. ער האָט געארבעט אין פּליטים־קאָמיטעט. ער איז דאָרט געווען דער שפּייז־פארזאָרגער. מיר זענען פריינט. איך קום אָפּט צו אים אריין.

שפּרייזט ער אויף דער לייסוועס־אלעע, ער דערזעט מיך און גיט צו מיר א ווונק, איך זאָל צו אים ארויסגיין. פאָלג איך און מיר שפּרייזן שוין צוזאמען. ער שווייגט אביסל, ער שווייגט שוין צופיל. הייב איך אויף אויף אים די אויגן. רעדט ער דאן ארויס עטלעכע ווערטער:

— א שלעכטע בשורה, מיין ליבער...

— וועלכע בשורה?

— זייער א שלעכטע... פאר אייך און פאר נאָך עטלעכע וועלן מיר זיך באמיען, אפשר וועט זיך איינגעבן אייך צו אָפּראַטעווען...

— וואָס איז נעשען, האסמאן?

ער קוקט זיך ארום און ער דערציילט מיר אין געהיים:

— הינטערן שטאָט שטייען א סך צוגן, מען רייניקט די וואַגאָנעס, מען מאכט אלע צוגרייטונגען און פרייטיק וועט מען אלע פּליטים ארייג־ווארפן אין די וואַגאָנעס און מען וועט זיי אוועקשיקן ווייט. איר ווייסט דאָך שוין, ווי ווייט מען פארשיקט...

געווען איז דאָס זונטיק.

און אין קאָפּ האָט געקלאפט, ווי מיט א האמער:

„פרייטיק, פרייטיק”...

— דאָס איז שוין אויף זיכער?

— יאָ, נאָר מען טאָר וועגן דעם קיין וואָרט נישט רעדן. איר הערט, קיין איין וואָרט נישט. פאר אייך און פאר נאָך עטלעכע וועל איך זיך באמיען... אפשר?

איך בין אוועק פון אים מיט וואקלדיקע טריט. איך האָב אויף אן אמת נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. אין קאָפּע בין איך אריינ־געלאָפן און באלד צוריק ארויסגעלאָפן, צום טייך צוגעקומען. דאָס איז

האָט זיך שוין איינגעשמידט נישקשה, נאָר איך לויף צוריק. אין צימער ביי מיר קאָן איך נישט איינזיצן. בין איך ווידער אויף דער גאַס. איך באַגעגן אַ באַקאַנטן, אַ פּליט. ער זאָגט, אַז ער קומט איצט פון קאָמיסאַר. דאַכט זיך, אַז עס איז פאַראַן האָפענונגען, אַז מען זאָל ווידער נעמען געבן אַרויספאָר־וויזעס. ווייס איך אָבער, ווי די האָפענונג זעט אויס. איך ווייס: אויף די רעלסן הינטערן שטאָט שטייען צוגן מיט אַ סך וואַגאָנעס, פּראָסטע, פּראַכט־וואַגאָנעס. דאָס איז צוגעגרייט פאַר דיר און פאַר מיר, מיין טייערער!

דאָס שטיקט מיך, דאָס ווערגט... אפשר אויסזאָגן זיי. די אַלע פּליטים? זאָלן זיי וויסן, די מענטשן, אין וואָס פאַר אַ סכנה זיי זענען... ניין! דאָס וועט גאָרנישט העלפן, זאָלן זיי בעסער פון גאָרנישט וויסן.

אָבער יעדע עטלעכע שעה בין איך געלאָפן צו האַסמאַנען אין דער היים. אפשר וועט אַ נס געשען. אפשר, אפשר? איך האָב אים געקוקט אין די אויגן, געפאָרשט זיין יעדן בליק. עס האָט זיך מיר כסדר אויסגעדוכט, אַז ער ווייסט עפּעס מער...

פאַרנאַכט, ביי אים אין דער היים. דורכן פענסטער זעט מען, ווי דער שניי פאַלט. שטימונג... שטימונג צו אַלדי שוואַרצע יאָר. אפילו אין טויזנט ניין הונדערט און פערציק איז אויך פאַראַן שטימונג. איך רעד ווי אַ פאַרמשפּטער צו האַסמאַנען:

— הייסט עס, אַז פּריטיק וועט מען אונדז אַוועקשיקן. איך וועל אַזאַ רייזע נישט אויסהאַלטן, גלויבט מיר, איך ווייס, וואָס איך רעד, אַלץ איינס, שוין גענוג קאַרטאָפל געגעסן, אָבער אַ רחמנות אויף די אַנדערע, אויף די פרויען און קינדער...

ער קוקט אויף מיר, דער ליטווישער ייד, ער פילט מיר מיט און ער רוקט זיך צו נענטער צו מיר:

— איר וועט נישט פּלאַפּלען פאַר קיינעם?

— ניין!

— גיט די האַנט...

איך גיב אים די האַנט און דאָס האַרץ קלאַפּט משוגע. אַי, אַי, ער האָט עפּעס צו זאָגן, עפּעס אַ רעטונג.

ער רעדט שטיל. די ווענט זאָלן נישט הערן, דער טיש זאָל נישט הערן:

— איר ווייסט, אז אין קאָוונע זיצט דער פאַרשטייער פון אמעריקאַנער הובער־קאָמיטעט?

— יאָ...

— און בעקעלמאַן פון „דזשוינט" קענט איר דאָך?

— יאָ...

— זענען זיי ביידע אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, איר פאַרשטייט אין וואָס עס גייט?

— אי, איך פאַרשטיי, זיי זענען געפאָרן אָפּבעטן די גזרה.

— מער נישט רעדן, בלויז וואַרטן און פאַרלאָזן זיך אויף גאָט. וואָס הייסט פאַרלאָזן זיך אויף גאָט? בלויז פאַרלאָזן זיך? מען דאַרף אויך בעטן, תפלה־טון, קאָנצענטרירן זיך אין דער תפלה ביז ווי טון, ביז עפּעס א העכערע שטופּע... איך האָב שטיל אין הארצן געדאַוונט.

און אין „מאָניקאַ" זענען געזעסן די פּליטים. זיי האָבן גענוג געליטן, מען האָט בלויז געדאַרפט זען די איינגעפאַלענע באַקן, די טרויעריקע בליקן, אָבער דאָך האָבן זיי געהאַט אביסל האָפענונג. אויף „גערעמינאַ" האָט מען עפּעס צוגעזאָגט. האָבן זיי געוואַרט אויף דער צוזאָגעניש.

דערווייל האָט מען אריינגעכאַפּט א פּאַרציע קרעם, א גוטן קעזקוכן. מען האָט געזוכט פאַרווייַלונג אין די גרויע, שווערע טעג. אָבער וועגן די וואַגאָנעס אויף די רעלסן הינטערן שטאָט האָבן זיי גאָרנישט געוווּסט און וועגן דעם, אז די פּאַרשטייער פון הובער־קאָמיטעט און פון דעם „דזשוינט" זענען געפאָרן קיין מאָסקווע האָבן זיי אויך נישט געוווּסט...

איך האָב גאָט געבעטן פאַר די דאָזיקע מענטשן. איך האָב זיך געוואָרגן מיט די צרות, וואָס וואַרטן אויף זיי, אָבער איך האָב צוגעזאָגט שווייגן און איך האָב געשוויגן. געווען בין איך נידערשלאָגן. דאָך האָב איך געזוכט א באַרואיקונג פאַר מיין געמיט. אָן דער רואיקייט וועט גאָרנישט זיין. א גוטע האַנט פון א נישט זעעוודיקן מלאך פירט מיך אוועק אויף א שפּאַציר איבער די לעצטע גאַסן פון קאָוונע און נאָך ווייטער פון קאָוונע. ארום איז ווייס, ווייסע פעלדער אוןביימער. איך ווער עפּעס

צוריק א שותף צו דער נאטור, צו דעם שניי. אָט אזוי גייט זיך א מענטש און טרייסט זיך נישט מיט דעם, וואָס אויף דער ערד איז טאקע פאראַן רואיקייט און אין דער ערד איז פאראַן נאָך מער רואיקייט. אלע זאָרגן ווערן פארגעסן. דאָס לעבן ווערט לייכט, ווי א שנייעלע. פטור צו טראכטן, צו פילן און מיטפילן, פטור צו בלוטיקן צוליב אזעלכע גזלנישע טעג, מען ווערט פריי ביז... ביז מען קומט צוריק אין שטאָט אריין...

פינף טעג בין איך ארומגעגאנגען מיט א שווערן סוד: „פרייטיק שיקט מען אלע פליטים אוועק". מיט א סך פון זיי האָב איך זיך באַגעגנט יעדן טאָג, יעדע שעה. קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט, וואָס אויף זיי וואַרט. זיי האָבן געהאט האָפענונג זיי האָבן פלענער געמאכט און איך האָב געוווּסט וועגן א סך וואגאָנעס, וועלכע שטייען אויף די רעלסן צווישן ווילנע און קאָוונע. אין די דאָזיקע וואגאָנעס וועט מען אונדז אַלעמען אריינפאקן ווי די שעפסן און מען וועט אונדז פירן ווייט־ווייט אין די שנייען, אין די פרעסט. אין קאָוונע איז אויך געפאלן שניי. לייכט און שפילעריש, שוין חנוכה צייט געווען. איך האָב שטענדיק ליב געהאט די צייט פון די ערשטע שנייען. איך האָב עס באַזונגען, ווי פיין דער ווינט וועבט זיינע ווייסע שאַלן. דער ווייסער שניי איז געווען מיין רואיקייט. דער זומער איז צו ברוינד. זיינע בלומען זאָגן צופיל צו, ווינטער איז א טרייסט, א פארענדיקונג, אָדער א דערוואַרטונג, פון א ווייטן, ווייטן חלום...

אָבער מיין איצטיקע דערוואַרטונג איז פול געווען מיט פחד. עמע־צנס טעמפע בייזקייט וועט זיך אָן א פארוואָס אָן אונדז נוקם זיין, אויף אונדזערע אויסגעליטענע גופים וועט מען ארויסוואַרפן נאָך פעק מיט צרות און שלעפּ זיי, די פעק און קרעכץ און פאַל און שטאַרב, גיי אויס און ווער פארשוווּנדן, אָט ווי אזא ווייס שנייעלע, אָבער דאָס ווייסע שנייעלע האָט נישט קיין אָדערן, האָט נישט קיין בלוט...

איך האָב געוווּסט, אז עס גרייטן זיך נייע צרות פאר די אומשול־דיקע, אויסגעליטענע פליטים. איך האָב מיט הארצקלאַפעניש געוואַרט. האסמאַן, וועלכער האָט געארבעט אין פליטים־קאָמיטעט, האָט עס באַ־דארפט זיך דערוויסן די ערשטע ידיעה פון בעקעלמאַנען, יענער האָט צו־געזאָגט צו קלינגען פון מאָסקווע, איך בין יעדע שעה געלאָפן צו האס־

מאנען אהיים. ער האָט געשוויגן. אָבער דאָנערשטיק פארנאכט האָט ער מיר א שמייכל געטון. דער שמיכל איז אריין אין הארצן, אין זינען:

— האסמאן! בעקעלמאן האָט געקלונגען?

— יאָ, אָבער רעדט נישט אזוי הויך און פרעגט מער גאָרנישט און דערציילט נישט פאר קיינעם. ד ע ר ו יי ל וועט מען קיינעם נישט ארויסשיקן.

איך בין ארויס אויף דער גאַס. געוואָלט האָב איך לויפן צו די פּליטים. קושן זיך מיט זיי און שרייען: „דערווייל נישט, דערווייל נישט". אָבער איך בין דאָך פארבונדן מיט א וואָרט, וועגן דעם גאנצן ענין טאָר מען נישט רעדן. בין איך געלאָפן אויף דער גאַס, שניי איז געפאלן, האָב איך זיך געפרייט מיט דעם שניי...

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז דער פאָרשטייער פון „דזשוינט" בעקעלמאן צוריקגעקומען קיין קאָוונע. וואָס ער האָט דאָרט געפּועלט, דאָס ווייס איך נישט ביז היינט, אָבער נאָך זיין צוריקקומען איז די באַציאונג צו די פּליטים געוואָרן א מילדערע און דער עיקר מען האָט אויף דער ברייטער האנט גענומען געבן ארויספאָר־וויזעס. דעמאָלט האָט עס זיך אָנגעהויבן דער גליקלעכער פּעריאָד פאר די ארויספאָר־וויזעס. צוואנציק א טאָג, דרייסיק, פופציק א טאָג, ממש א גאָלדענער רעגן פון אזעלכע טייערע פּאפּירלעך... אויף געדעמינא גאַס זענען די פּאפּירלעך געפאלן און אויף די איבעריקע גאַסן איז געפאלן שניי. שוין עכטער ווינטער געווען. דער רואיקער ניעמאן, דער טייך, דער טייערער, איז אינגאנצן איינגע־שלאָפן, פארפרוירן געוואָרן... איך בין אָבער געווען מיד פון אלע איבער־לעבענישן, מיד פון פּחד, מיד פון פארענטפערן זיך א גאַנץ לעבן, מיד פון די ביליקע דאָגמעס, פון פּארטייען און פּארטיי־לייט, מיד פון טומל און מיד פון איינזאַמקייט... אָי, ווי מיד! און דאָ אויף די אַלטע יאָרן אזא מלחמה מיט אזוי פיל אומגליק ארום זיך...

איך בין יעדן טאָג געגאנגען צום פארפרוירענעם טייך און געקוקט אויף זיין פארגליווערטקייט. געקוקט אויף די ריזיקע אייז־שטיקער און גע־קומען בין איך צו א געוויסן באשלוס... אין קאָוונע איז געווען אַן אַפּ־טייקער בילסקי. אָט דער בילסקי איז נאָך יונג און איך באַגעגן זיך מיט אים ביי די יונגע סודארסקיס, דאָרט מאכט מען א כוסה און דאָרט מאכט

מען זיך נאריש... באקלאָג איך זיך פאר דעם בילסקין, אז איך קאָן נישט שלאָפן. זאָגט ער „וועראָנאל". באקום איך ביי אים ארויס אין פארלויף פון צוויי וואָכן צוועלף פּאָרציעס „וועראָנאל", און דאָס איז גענוג פאר אן אייביקן שלאָף. איך דערוויס זיך אויך, אז כדי דער סם זאָל גוט ווירקן, באדארף מען עס אראָפּשלינגען איינס נאָך דעם אנדערן שנעל און שנעל. איך וויים שוין אלץ און איך בין שוין גרייט. עטלעכע טעג לעב איך א מאָדנעם לעבן, איך גיי אין קאפע „מאָניקא", איך קום צו באקאַנטע, איך רעד מיט זיי, איך רעד און ענטפער אויף אלץ, נאָר א געפיל האָב איך, אז איך לעב שוין נישט מער און עס איז מיר אלץ איינס. מאָדנע טעג, לייכטע, ווי טויבישע פעדערן, פּונקט ווי איך וואָלט א סך האשיש איינ־געשלונגען, פּונקט ווי א לונאטיקער בין איך ארומגעגאנגען נישט אין מיין וועלט, גוטע טעג, די בעסטע טעג פון מיין לעבן. טעג אזעלכע האָבן מיך כמעט ווי נישט אָנגערירט. איך האָב שוין פאר קיינעם נישט קיין מורא און וואָס איז עפּעס דער „קיינער"? און וואָס איז דער „צווייטער"? אז איך האָב זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט מיט אלץ און מיט אלעמען...

דאָך אויף דער ערד בין איך נאָך געווען. איך בין געזעסן אין אָוונט אין „מאָניקא" און ארום זעלבן טיש נאָך עטלעכע פארנומענע שטולן, זאָגט איינער:

— איך האָב איצט געזען א פיין בילד אויף סלאבאדקע.

— וואָס פאר א בילד?

— היינט איז דאָס פינפטע חנוכה־ליכטל, האָבן די סלאבאדקער יידן אָנגעצונדן די פינף ליכטלעך און אין די פענסטער ארויסגעשטעלט. א נישט צונויפגערעדטע יידישע דעמאָנסטראציע מיט חנוכה־ליכטלעך.

הייבן זיך אלע אויף פון די שטולן און מען גייט אוועק אויף סלא־באדקע, אויך — איך, עפּעס ווי א שאטן, נישט פון דאנען. גיי איך אויף דער מאריופּאלער גאס און איך קוק אין די פענסטער אריין. אומעטום פינף ליכטלעך, פייערלעך אלטע, גאָר אלטע, זיי לייכטן צו אלעמען, נאָר נישט אלע ווילן זיי זען. א ווארעמקייט איז פון די פענסטער געגאנגען, א ליב־הארציקער צולהכעיס. איך האָב זיך פון זיך אליין גוטמוטיק צעלאכט און עפּעס האָט אין מיר געפרעגט: „וואָס לאכסטו? דו ביסט דאָך שוין נישט פון דאנען?" האָט עס מיך פארראטן און איך האָב דערפילט א חרטה און

איך זוייס נישט, וואָס מער צו זאָגן וועגן דעם גאַנצן ענין מיט דעם סם. איך זוייס בלויז, אַז אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן האָב איך פיל געטראַכט וועגן דער גאַס „גערעמינאַ". געטראַכט וועגן באַקומען אַן ארויס־פאַר־וויזע. אפשר, אפשר וועט עס זיך איינגעבן. איך האָב געהאַט סימנים און אָנצוהערענישן, אַז מיר וועט מען אַזאַ וויזע נישט געבן, פאַר „חטאים". אויסער דעם האָב איך נישט געהאַט ווּהין צו פאָרן. נישט געהאַט קיין זיכערע פּאַפּירן. געווען ביי מיר דאָס פּאַפּירל פון ענגלישן קאָנסול וועגן אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ ישראל, אָבער אָן אַ שטעמפּל און אָן אַ לויף־נומער. דערצו האָט מען נאָך געמוזט האָבן אַ טערקישע וויזע, אַזאַ האָב איך נישט געהאַט. ביי צענדליקער פריינט און באַקאַנטע, וועלכע זענען ארויסגעפאָרן, האָב איך זיך געבעטן, מען זאָל עפּעס טון פאַר מיר. אַלע האָבן אַלץ צו־געזאָגט, נאָר דערנאָך האָבן זיי אַפילו קיין פּאָסט־קאַרטל נישט אָנגעשריבן. אַלע. ווי איינער, אַ שטומעניש האָט זיי אָנגענומען.

דאָך איז איינער געווען אַן אויסנאַם: צאַנין. פּלוצלינג באַקום איך פון אים דורך דעם רוסישן „אינטוריסט" אַ דעפּעשע פון קאָבע, יאַפּאַן. ער מעלדעט מיר, אַז ער האָט דאָרט לעגאַליזירט מיין אריינפאָר, אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג, אַפילו אַ האָטעל איז צוגעגרייט. געבענטשט זאָל ער זיין. עס האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט דער חשק צום לעבן, עס האָט מיך אַ כאַפּ געטון, ווי אַ שטאַרקע פאַלע, איצט בלייבט דאָס וויכטיקסטע: אוועקגיין אויף דער גערעמינע גאַס, אוועקשטעלן זיך אין דער רייע און דערלאַנגען מיינע פּאַפּירן. מען דאַרף אויספילן עטלעכע אַנקעטעס און אָנ־שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע און טאָקע ביי דער אויטאָביאָגראַפיע האָט זיך עס ביי מיר פאַרהאַקט. איך האָב אָנגעשריבן אין מיין לעבן טויזנטער דרוק־זייטן, ארויסגעגעבן צענדליקער ביכער, נאָר אַן אויטאָביאָגראַפיע פאַר דער גערעמינאַ־גאַס איז מיר געווען ביטער אָנצושרייבן. איך האָב נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען נעמט זיך דערצו. ביי אַנדערע, מער נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט איך אָנגעהויבן מיין אויטאָביאָגראַפיע מיט אַזעלכע ווערטער: צום זעקסטן יאָר פון מיין לעבן האָט מען מיך אוועקגעגעבן אין אַ חדר, פון דעם דאָזיקן חדר בין איך כסדר אַנטלאָפן, ווייל וועלוול מלמד איז מיר צופיל געקראָכן אין מיין יונגער נשמה. ער האָט ביי מיר צוגע־

בומען מיין גאנצע זעלבסטשטענדיקייט, אז איך האָב זיך פארטראכט, פלעגט ער שרייען אויף מיר:

— וואָס טראכסטו? איך טראכט שוין פאר דיר...

ווייזט אויס, אז איך האָב נישט געוואָלט, אז עמעצער זאָל טראכטן פאר מיר. איך האָב עס מיין גאנץ לעבן נישט געוואָלט, ווייל טראכטן איז א טייערע זאך, א הייליקע זאך און דאָס ווילט זיך קיינעם נישט אוועק־געבן... אָבער אין מיין איצטיקער אויטאָביאָגראפיע האָב איך דאָס נישט געוואָגט דערציילן, מען וואָלט בארשטאנען אן אנאלאָגיע, א רמז אויף עפּעס און מער פעלט מיר נישט. האָט ביי מיר צוגענומען א וואָך צייט דער ענין. איך האָב געשריבן און איבערגעשריבן, געלאָפן צו באקאנ[טע] און צו געניטע אויטאָביאָגראפיע־שרייבער. אין „מאָניקא" האָב איך באַ־גענגט פּליטים, וועלכע האָבן אין יענער צייט אָנגעשריבן צו פינף אָדער צו זעקס אויטאָביאָגראפיעס און מען האָט זיי כסדר געפּסלט:

— די אויטאָביאָגראפיע אייערע טויג נישט, שרייבט אַן אַן אנדערע!

איז אזא איינער ארומגעגאנגען און געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אזוי אָנצושרייבן א נישט ריכטיקע, אן אויסגעטראכטע אויטאָביאָגראפיע, ווייל די אמתע האָט ער דאָך שוין אָנגעשריבן. איך האָב זיך שטארק געמאַ־טערט. קיין שקר האָב איך נישט געוואָלט שרייבן, דאָס איז אויך נישט געווען פּראקטיש, ווייל טאָמער כאפּט מען ביי א ליגן, איז אויס מיט דיין אוועקפאָרן און מיט אלע דיינע פּלענער. סוף כל סוף האָב איך דאָך גע־מוזט עפּעס צונויפשטעלן און איך האָב אלץ גרייט געמאכט, נאָר אזוי שנעל בין איך אויף דער געדעמינא־גאס נישט געגאנגען. איך האָב אלץ אָפּגעלייגט. א טאָג נאָך א טאָג. אָט באשלים איך היינט, אז מאָרגן וועל איך באגינען זיך דאָרט שטעלן מיט מיינע פּאפּירן מיט פּחד אין הארצן און א סוף זאָל עס נעמען, אָבער אין דער פרי פארקירעווע איך גאָר צום טייך. איך קוק אויף דעם ניעמאן און איך בין אים מקנא זיין פארגלי־ווערטקייט. איך פרעג זיך, צו וואָס באדארף מען די אלע צרות? וואָס רייס איך זיך צו דער וועלט, אז זי איז איצט ווילד, משוגע? איך רעזיגניר ווי־דער, אָבער ווען איך קום צו די פּליטים, ווען איך זע זיי אין „מאָניקא", ווי זיי צאפּלען מיט די וויזעס, ווי זיי רייסן זיך מיט אלע חושים פון דער שטייג, דעמאָלט וועקט זיך אויף אין מיר דער זעלבער ציטער פאר לעבן,

פאַר ווייטקייט. איך בין מקנא יעדן איינעם, וואָס גייט אוועק צום צוג, עס שרייט אין מיר די בענקשאַפט נאָך דער פרייהייט, עס טוט וויי, עס גליט און בריט...

זאָל זיין וואָס עס וויל...

א פריייטיק באַגינען, א שטאַרקער פראָסט. איך שטיי אין דער רייע אויף דער גערעמינא־גאַס. איך באַקום א נומער, דער זיבעציקסטער בין איך. איך בין שטאָלץ ביי זיך: איך האָב זיך באַשלאָסן, אוים פחדן...

פינסטער געווען, נאָר דער פראָסט קאָן ברענען אויך אין דער פינ־סטער. ביי א הונדערט מענטשן זענען מיר געשטאַנען אין דער רייע. מען האָט געטאַנצט פון קעלט. און די וועלט ערגעץ־ווייט איז דעמאָלט נאָך רואיק געשלאָפן און וואָס האָבן מענטשן דאָרט געוווסט, וואָס דאָס איז אזוינס טאַנצן פון קעלט מיט א פאַרדרייטע און אויסגעטראַכטע אויטאָ־ביאָגראַפיע אין קעשענע, מיט מורא פאַר פרעמדע מענטשן, וועלכע זענען פלוצלינג געקומען קאָנטראָלירן יעדן טריט פון דיין לעבן... און מיר אַלע, וואָס שטייען דאָ אין דער רייע און וואַרטן אויף א גנעדיק פּאַפּירל און די טויזנטער, מיליאָנען אין אַנדערע רייען. שעפּסן זענען מיר, א וועלט מיט שעפּסן. הילפלאָזיקייט געמישט מיט פאַרנונפט. שקלאַפעריי געמישט מיט וויסן און בילדונג. א שפּין וועבט זיין שפּינוועבס, כדי צו כאַפּן פליגן, דער מענטש וועבט אוים נעצן, כדי זיך מער צו פאַרפּלאָנטערן, און אַלץ מער זיך און אַנדערע צו פּייניקן. דער פראָסט האָט דעמאָלט געשניטן מיין לייב, די געדאַנקען האָבן געשניטן מיין נשמה ביז דעם טיפסטן וויי פון זעלבסטפּיין און וואָס וועט שוין זיין, אז איך וועל שוין באַקומען א וויזע און איך וועל זיין פון יענער זייט פון דער באַריערע? וועלן דאָרט זיין אַנדערע שקלאַפן און אַנדערע קאָנטראָלערן איבער דיין נשמה.

דאָך בין איך צוריק נישט געגאַנגען. לעבן איז ביטער ווי גאַל און טויט איז אַבסאָלוטע רואיקייט. דאָך לויפט מען נישט צום טויט, מען קריכט אויף אַלע פיר צום פאַרגאַלטן לעבן.

פרימאָרגן שוין, אָדער עס איז נאָך האַלב פרימאָרגן? פינסטער נאָך געווען, כאָטש דאָס ליכט איז פון ערגעץ שוין אָן ווילן געקראָכן אויף אונדזער שלעכטער ערד. וואָס ליכטיקער דער טאָג איז געוואָרן, אַלץ מער שניי האָט גענומען פאַלן. אין שניי האָט זיך געטוליעט א וואַרעמקייט, א

ווייסע טרייסט איז דאָס געווען, א בית־עולמדיקע פארווינערישקייט... אויף געדעמינא־גאס אין קאָוונע איז דער שניי געפאלן און דאָרט ביים נומער פינף, ביי א גרויסער געביידע, בין איך געשטאנען אין דער רייע מיט א שפּאָר ביסל פּאפּירלעך אין קעשענע און מיט א שפּאָר ביסל פּחד אין הארצן. איך ווארט... איך גיי בעטן אן ארויספאָר־וויזע. וועט מען מיר געבן, אָדער נישט געבן? איך שטיי אין דער ריי, איך בין דער זיבע־ציקסטער, נאָך מיר געפינען זיך נאָך א זיבעציק. אלע מיטן זעלבן פאר־לאנג און מיט דער זעלבער נישט זיכערקייט, אלע פארשנייטע...

ווייסע מענטשן־שאטנס ווארטן אויף געדעמינא. זיי זענען אויך אוודאי נישט געשלאָפן די פאָריקע נאכט און א סך אנדערע נעכט, פּונקט ווי איך. עס דריקט מיך דער כעס: וואָס האָט זיך מענטש אויף מענטש אנגעזעצט? וואָס פאר א קולט פון פיין מען האָט עס אין לעצטן דור אנט־וויקלט. אָט שטייען מיר דאָ פּליטים, פון פּוילן זענען מיר אנטלאָפן, מיר האָבן געמוזט אנטלויפן, ווייל א שונא, א פארניכטער איז געגאנגען אויף אונדז. מיר האָבן דאָרט אלץ געלאָזן. די בעסטע פריינט, קרובים, די נאָ־ענטסטע. מיר האָבן דאָרט געלאָזן אונדזער פארדינסט, אונדזער זעלבסט־שטענדיקייט, איצט מוזן מיר כמעט אלע אָנקומען צו פרעמדע. מיר האָבן דורכגעלעבט גיהנום אין וועג, אין סכנה געווען, אין הונגער געווען, אין פערד־שטאל געשלאָפן. איצט ווילן מיר ווייטער לויפן, ווייל דאָ האָבן מיר סיי ווי נישט וואָס צו טון...

פּליטים זענען מיר. ערגעץ־ווו אין דער ווייט איז פאראן א קרוב, ערגעץ־ווו זעט זיך נאָך א ציל, ווילן מיר ווייטער לויפן. טאָ פארוואָס קוקט מען אויף אונדז ווי אויף פארברעכער? פארוואָס פילן מיר זיך דאָ אזוי נישטיק, צעטראָטן? פארוואָס טראכטן מיר מיט שרעק, צי די „פּאַ־פּירלעך" וועלן גוט זיין? צי די וויזע וועט גוט זיין? עס האָט דאָך גע־דארפט זיין פּונקט פארקערט: מען האָט אונדז דאָך געדארפט מיטפילן און העלפן מיט אלע מעגלעכקייטן, אָבער דאָ האָט מען אונדז ארייננגעצויגן אין אזעלכע נודנע פּראָצעדורן. פאר קיינעם איז דאָס נישט נויטיק, נישט די מענטשהייט, נאָר אפילו א פליג וועט פון דעם נישט געראטעוועט ווערן.

צו וואָס דאָס טראכטן? איך פארשלים די ליפּן, איך וואָלט אויך וועלן פארשליסן די געדאנקען. איך וואָלט וועלן... אָבער וואָס שפּילט דאָ

א ראָל מיין ווילן? אנדערע הערשן און זיי האָבן שוין זייער ליבהארציקן ווילן פאר מיר און פאר אלע, וואָס שטייען דאָ מיט מיר אין דער ריי.

די פּליטים שווייגן און אויב מען רעדט א פּאָר ווערטער, איז דאָס וועגן זעלבן ענין, וועגן די ארויספּאָר־וויזעס. מען וויל טרעפן, ווער עס וועט היינט זיצן ביים טיש און צונעמען די בקשות. יעדער רעזשים האָט זיינע גוטע און שלעכטע מענטשן.

— גוט וואָלט געווען, ווען אָריעכאָוו זאָל זיצן, ער איז א ליבער מענטש, ער פילט מיט, מיט אים קאָן מען דורכקומען.

— אָבער נינא, דער טיוול...

— טאקע א טיוול...

ווען דער נינא רעדט מען שטילערהייט, מען פארגעסט נישט, אז מען שטייט דאָ אויף געדעמינא־גאס, די נינא האָט זיך שוין גוט איינגע־נעסן אין די ביינער. די פּליטים האָבן אפילו א לידל פארפאסט לכבוד איר. דאָס לידל הייסט: „נינא פון געדעמינא". די נינא איז אן עכטע ליטווי־נערין, א הויכע, געוואָלדיק איבערגעוואקסן, איר פּנים איז א גאנץ רענל־מעסיקער, נאָר ווען א פרוי האָט אזעלכע לאנגע, מענערישע הענט, קאָן שוין קיין רייד נישט זיין וועגן איר שיינקייט. זי איז שטענדיק בייז און פאלט צו איר אריין א פּליט מיט א פּאפּירל, צעקנייטשט זי דאָס פּאפּירל און צעקנייטשט דעם מענטשן. זי האָט סם אין די אויגן, סם אויף די ליפּן, זי איז שטענדיק בייז און מען ווייסט נישט, צי זי איז בייז דערפאר, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט, אָדער דערפאר, ווייל אנ־דערע זענען געבוירן געוואָרן...

נינא פון געדעמינא...

דאָ אין ארץ ישראל האָב איך זיך דערוווּסט, אז נאָך מיין אוועק־פּאָרן איז מען דערגאנגען, אז זי איז גאָר א דייטשישע שפּיאָנקע און די באָלשעוויקעס האָבן זי דערשאָסן, אָבער דעמאָלט, פאר מיין זיין אין קאָוונע, האָט זי געהערשט מיטן גאנצן פארנעם. צום גליק זענען דאָרט געווען אויך אנדערע באאמטע, זי אליין וואָלט קיין איין פּליט נישט ארויסגעלאָזט...

אין דעם פרימאָרגן, בעת איך בין געגאנגען נאָך מיין וויזע, איז ביים טיש געזעסן אָריעכאָוו מיט נאָך א באאמטן. דער עולם איז געווען

פון דעם צופרידן, ווייל אַריעכאָוו איז געווען א מענטש מיט יושר. די, וואָס זענען היינט אריין אין דעם צימער „זעכצן", זענען ארויס צוריק מיט צופרידענע בליקן. עס גייט גוט... מיט א קלאַפּעדיק הארץ האָב איך גע־ווארט אויף מיין גורל. דער זייגער איז שוין דערווייל געוואָרן איינס, פאר מיר האָב איך נאָך א זיבן פארשווינען מיט בקשות. נאָך א האלבע שעה און איך וועל שוין זיין אין דעם געבענטשטן צימער... אָבער אין דער לעצטער רגע האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז דער באאמטער איז אוועק און איצט זיצט דאָרטן אַריעכאָוו מיט נינאן. אויף מיין מזל האָט זי זיך אריינגעכאַפּט אין דער לעצטער רגע. עס איז גוט ביטער געוואָרן אויף דער נשמה און דאָ רוקט זיך צו צו מיר איינער א באקאנטער, א ייד א סוחר פון דאנציג, ביאלאגארסקי האָט ער געהייסן. ער שושקעט מיר אריין:

— גייט שוין צוריק, נינא זיצט, זי איז היינט ווילד, ווי א שלאַנג.

— ניין! —האָב איך געענטפערט— איך האָב שוין נישט קיין כוח צוריקצוגיין.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז מיין ריי דערגאַנגען. איך בין אריין אין צימער „זעכצן". ביים טיש איז געזעסן די לאַנגע ליטווינערין. זי איז געווען רואיק, זי האָט מיך געבעטן זיצן, האָט צוגענומען ביי מיר מיינע דאָקומענטן, איבערגעלייענט און געפרעגט עטלעכע נישט וויכטיקע פראגן, אָבער אלץ מיט א רואיקן טאָן, ווייזט אויס, אז א שלאַנג האָט אויך רואיקע מינוטן, און איך האָב צום גליק אָנגעטראָפן אויף אזא מינוט. עמעצער האָט דאָרט אויף יענער וועלט געבעטן פאר מיר. אין צימער איז אויך געווען דער קאָמיסאר אַריעכאָוו. ער האָט גאָרנישט גערעדט און אינגאַנצן זיך נישט געמישט אין מיין ענין, נאָר, ווען נינא האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל קומען דעם פינף און צוואנציקסטן, האָט אַריעכאָוו זיך יאָ אריינ־געמישט.

— גיט אים אויף דעם צוואנציקסטן, חברטע נינא!

זי האָט פארשריבן, אז איך באדארף זיך מעלדן דעם צוואנציקסטן און איך בין ארויס אין קאָרידאָר. מענטשן זענען צו מיר צוגעלאָפן, באַ־קאַנטע און אומבאקאנטע. מען האָט מיר געדריקט די האנט און גראטולירט:

— וואָס איז געשען? — פרעג איך.

— מען האָט אייך אַזוי וויניק געהאַלטן, נישט אויסגעפרעגט, נישט געשיקט אין צימער „צוועלף". ס'איז אַ גוטער סימן.

איך בין געווען ערנסט:

— וואָס ווילט איר פון זיי? דאָס זענען גאָלדענע מענטשן.

און איך בין אוועק וואַרטן זיבעצן טעג ביז דעם צוואַנציקסטן יאַנואַר, דעמאָלט וועל איך ווידער קומען אויף געדעמינאַ און דעמאָלט וועל איך אפשר באַקומען די וויזע... ווער ווייסט, וואָס מזל קאָן אויפטון?

איך האָב גענומען ציילן די בלייענע טעג, די אָנגעגליטע שעהן, די נערוועזישע מינוטן, געוואַרט, גערעכנט, טויזנטער מאָל איבערגעטראַכט, געוואָלט טרעפן, וואָס עס וועט זיין מיט מיר. און מאָדנע: דער מזל מיינער איז געלאָפן פאָראויס. דעם דרייצנטן יאַנואַר, מיט זיבן טעג פריער פאַר מיין וויזע־טערמין, בין איך געזעסן אינדערפרי אין „מאָניקאַ", געזעסן און ווידער גערעכנט, וויפל טעג עס זענען נאָך ביזן צוואַנציקסטן. דעמאָלט קומט צו צו מיר איינער פון די פליטים און וואַרפט מיר צו אַ פראַזע. אַ פראַזע. אַ פלי פון אַ פויגל, אַ פראַזע — אַ טאַנץ פון אַ פאַליע.

— איר הענגט שוין אויפן וואַנט...

די וואָס פלעגן באַקומען וויזעס, פלעגט מען זייערע נעמען אויסהענגען אויף דער וואַנט אין דער געביידע פון דער געדעמינאַ־גאַס. און איצטער האָב איך עס באַקומען די בשורה, אַז איך, איך אַליין, איך הענג שוין אויך אויף דער וואַנט. רואיק זיין! איך בין געלאָפן אַרויס אויף דער גאַס און גענומען שפּרייזן צו דער געדעמינאַ. אָבער מענטשן האָבן מיך אָפּגעשטעלט. באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע און אַלע מיט דער זעלבער פראַזע:

—איר הענגט שוין אויף דער וואַנט...

איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן נישט רעדן אַזוי הויך. אַ וויזע איז אַן איידעלע זאַך. ס'איז נישט געזונט פאַר מיר און פאַר מיין וויזע, מען זאָל וועגן דעם צופיל רעדן...

עלף אַזייגער אינדערפרי בין איך אַריין אין דעם וויזע־טעמפל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גאַס געדעמינאַ. פול געפּאַקט איז דאָרט געווען. רבנים, באַנקירן, פאַבריאַקנטן, בורזשואַזיע, כלל־טוער און אַרבעטער־פירער, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אַ מחנה „געוועזענע" פון פּוילישע

שטעט און שטעטלעך. מען איז געשטאַנען אין די רייען מיט ערנסטע און דאָך מיט יום־טובדיקע פּנימער, ווייל היינט האָבן זיך א שאָט געטון וויזעס אָן א צאָל. אין עטלעכע צימערן האָט מען די וויזעס ארויסגעגעבן. די סאָוויעטישע באאמטע האָבן געארבעט איבער די כוחות, זיי האָבן באַקומען א באפעל ארויסלאָזן די לײדיק־גייערס, האָט מען געארבעט. מאָרגן וועט אוודאי זיין אן אנדער באפעל... די שטימונג אין די דאָזיקע אמטן, די באציאונג צו אונדז האָט זיך כסדר געביטן. אָבער דער דרייצנטער יאנואר איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג, כאָטש זייער א שווערער טאָג. איך בין דאָרט געשטאַנען פון עלף אינדערפרי. דער זייגער איז געוואָרן צוויי, דריי, פינף פארנאכט, ניין אין אָוונט, צען, צוועלף, צוויי ביינאכט. מיר זענען פארבליבן עטלעכע צענדליק מענטשן נישט קיין דערליידיקטע. מען האָט נישט געפונען אונדזערע דאָקומענטן. איין פּאפּירל איז געווען אין צימער „זעכצן", דאָס צווייטע פּאפּירל אין צימער „צוועלף", די פּאָטאָגראפיעס אין צימער „פיר". דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט אויסזוכן. געבליבן אין לאָקאַל איז בלויז די בייזע נינא, זי האָט זיך געוואָרפן ווי א שלאַנג און געארבעט ווי א שד. שוין דריי ביינאכט. ערשט האלב פיר האָב איך באקומען א פּאפּירל, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן, אז מיר איז דערלויבט ארויסצופאָרן.

איך בין ארויס אויף דער גאַס. לופט איז געווען, שניי איז געדיכט געפאַלן. איך בין געגאַנגען אויף די ליידיקע קאָוונער גאַסן. אַי, די פיס טוען וויי, אָי, שוין קיין כוחות נישטאָ, ביי א זיבעצן שעה בין איך געשטאַנען אויף די פיס, נישט געגעסן, נישט געטרונקען. אָבער כוחות זענען דאָך יאָ פאראן, פליגל זענען פאראן, האָפענונג און א וועלט איז פאראן א גרויסע און א ווייטע, אן ארויספאָר־וויזע אין קעשענע. דער שניי נעמט זיך דרייען אין זיין ווייסן קאראהאָד און איך בין אינמיטן, איך טראכט פון דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן טראכטן, איך וועל נאָך אפשר קומען אין א גוט לאַנד און איך וועל א געשריי טון צו די הימלען: „הערט זיך איין, איך בין נישט קיין רעוואָלוציאָנער און נישט קיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, איך האָב ליב דעם ערלעכן מענטש, איך האָב ליב דעם ווייסן שניי, דאָס ליכט, די בלום און וואָס קומט מיר דערפאר?... ווער האָט געוואגט זיך צו נעמען די אויפגאבע מענטשן צו פּייניקן? אפילו אין נאָמען פון דער טײ־

ערסטער צוקונפט. די געגנוואַרט האָט אויך רעכט אויף אביסל רחמנות און מיטגעפיל"...

אַן איינפאַל פון מיר געוועז זיך צו לאָזן איצט פילאָזאָפירן וועגן אַזעלכע ווייטע ענינים. ווייזט אויס, אַז די וויזע, די אַרויספאַר־וויזע האָט מיך אינגאַנצן משוגע געמאַכט. מיט אַ שעה צוריק בין איך געווען אַ ניש־טיקיים. נישט געהאַט קיין חוצפה אויף וועמען זיך צו בייזערן און איצט מיטאַמאָל: איך קריטיקיר שוין, איך זוך שוין יושר. האָ! וויסער שניי! וואָס דו פאַלסט איצט אויף דער ליסוועס אַליעאַס. אויף דעם שענסטן בולוואַר, וואָס אין קאָוונע. וויסער שניי! וואָס זאָגסטו דערצו? איך האָב זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן אַ פולן הויפן שניי. געקוקט אויף דעם. געוואַרט אויף אַן ענטפער און גאָרנישט... דער שניי איז צערונען.

קאָוונע איז געשלאָפן. געשלאָפן די אַלטע ליטווישע שטאָט מיט די טייערע יידן. אַ רגע בין איך שטיין פאַרבליבן, ווי אַ צעטומלטער. אַ מאָדנע רגע, אַ פיינלעכער מאָמענט. איך האָב דערפילט, איך האָב פאַרשטאַנען און פאָראויסגעזען זייער גורל. שלעכט וועט זיין מיט זיי, טויט און יסו־רים וואַרט אויף זיי. אַ פאָרוואָרף האָב איך דערפילט: וואָס פריי איך זיך אַזוי מיט מיין וויזע? און אַ פאַרענטפערונג איז באַלד געקומען: וואָס קאָן איך דאָ העלפן? איך האָב זיך מינוטן געראַנגלט מיט זיך אַליין און די וויזע־פרייד האָט אַלץ באַזיגט. איך וויל אַוועק פון דאַנען פון די בייזע, באַוואָפנטע גרענעצן, פון מלחמה־שווידער, וואָס לויערט און אָטעמט דאָ אַלץ נענטער און נענטער.

איך וויל אַוועק פון דאַנען...

## XII

# זיי־געזונט, קאָוונע!

עס איז זייער א גוטע זאך צו האָבן אן ארויספאָר־וויזע פון אזא קאָוונע, פון אזעלכע באדינגונגען. ליגט זי זיך, די וויזע, אין קעשענע און טראָגט דיך מיט פליגל. דו גייסט אויף דער גאס פיר אזייגער ביינאכט. דער שניי קרייזלט זיך, דער שניי האָט א וועלט מיט רואיקייט. איך גיי אהיים, נאָר דאָרטן דאכט זיך מיר, אז איך גיי ערגעץ ווייט־ווייט אוועק, דאָרט ווו די ווייסע וועלט האָט קיין סוף נישט. איך וויל דאָ נישט שרייבן קיין פּאָעזיע, דאָך וויפל שטימונגען, וויפל איבערלעבונגען, וויפל פּחד יעדער איינער פון אונדז האָט שטענדיק מיט זיך מיטגעטראָגן. דאָס איז נישט קיין לעבן, נאָר עפּעס א פּלאָנטער פון צעקנייטשטע נערוון, פון שטענדיקע דערוואַרטונגען... ווי ווייט איז דאָ די דייטשע גרענעץ. ס׳איז גוט צו האָבן אן ארויספאָר־וויזע, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט אוועקצופאָרן פון דאנען...

עס איז פיר ביינאכט. איך דערמאָן זיך, עס דע׳מאָנט זיך מיר, אז א גאנצן טאָג האָב איך גאָרנישט געגעסן, און אָט זע איך אן אָפן געוועלב, א באלויכטן געוועלב אין מיטן דער נאכט, א געוועלב פון עסנווארג. דאָס האָט מען איינגעאָרדנט באר די ארבעטער, וועלכע קערן זיך אום פון נאכט־ארבעט. אין קאָוונע האָט מען זיך דאָס געקאָנט דערלויבן, ווייל אין ליטע איז נאָך אלץ געווען א שפע פון עסנווארג. איך בין אריין אין געוועלב און געקויפט ברויט, צוויי געריכערטע פיש און א פלעשל קרימער ווין. מיט דעם בין איך אהיים געקומען, געעפנט דעם ווין, געשניטן דאָס ברויט, מיט די פיש, אויף א העלפט זיך אויסגעטון, אויף מער איז קיין כוח נישט געווען און אזוי ליגנדיק אויף מיין געלעגער האָב איך געפראוועט מיין

סעודה: נעגעסן ברויט מיט געדויכערטע פיש און געטרונקען ווייַן מיט... טרערן, איך ווייס נישט, וואָס די טרערן האָבן געוואָלט פון מיר, איך האָב זיי נישט גערופן, זיי זענען אַליין געקומען, אַזעלכע וואַרעמע, אַזעלכע נאַרישע טרערן. דערנאָך האָב איך זיך אויפגעהויבן און אַרויסגענומען פון קעשענע מיין אַרויספאָר־וויזע, געקוקט אויף איר, געלייענט די בוכשטאַבן, געפאָרשט זיי, געצערטלט זיך מיט זיי און איינגעשלאָפן מיטן פאַפּירל פון געדעמינאַ־גאַס.

אין דער פרי בין איך געלאָפן אין „אינטוריסט". מען דאַרף דערגיין, וואָס עס הערט זיך מיט אַ בילעט. דאָס איז געווען אַ באַזונדער גיהנום־קאַפּיטל. קיין געלט אויף אַ בילעט ביז קאָבע, ביז יאַפּאַן, האָב איך נישט געהאַט, אָבער גוטע פריינט האָבן צוגעזאָגט, אַז די סומע וועלן זיי מיר געבן, עס איז געגאַנגען אין אַ צווייטן טויזנט רובל. אין „אינטוריסט" איז געווען ענג, קאָפּ אויף קאָפּ, אָדער, פּליט אויף פּליט, אַלץ האָט זיך געשטופּט צו דעם חבר קאַנדאַאוראָוו. ער איז געווען דער דירעקטאָר פון „אינטוריסט". ער איז געווען דער הערשער איבער די באַן־בילעטן. נאָך לאַנגע שעהן בין איך צו אים צוגעקומען און נאָך לאַנגע דינגעניש האָט ער מיך פאַרשריבן אויף דעם פערטן פעברואַר. אַי, הימלען, טייערע! דעם פערטן פעברואַר... און היינט איז דער פערצנטער יאַנואַר. הייסט עס, אַז דריי וואָכן וועל איך דאַרפן וואַרטן. דריי וואָכן, און פאַר די דריי וואָכן קאָן זיך דאָך די וועלט איבערקערן. אָבער קיין ברירה איז נישט געווען: ביז דעם פערטן פעברואַר זענען אַלע פּלעצער אין די צוגן פאַרנומען. אַ סך פּליטים האָבן באַקומען וויזעס און זיי האָבן באַוויזן צוצוקומען צו קאַנדאַאוראָוון פריער פאַר מיר... מען מוז וואַרטן. די נערוון זענען שוין געווען איבערגעבערענט. פון „אינטוריסט" בין איך אוועק צוריק אהיים און געמאַכט אַזאַ חשבון: פון פערצנטן יאַנואַר ביזן פערטן פעברואַר זענען צוואַנציק טעג, יעדער טאָג האָט פיר און צוואַנציק שעה. צוזאַמען אַזוי פיל און אַזוי פיל שעהן. איך האָב אונטערגעצויגן די סומע און עס אוועקגעשטעלט אויבן־אָן פון אַ בויגן פּאַפּיר. עטלעכע מאָל אין טאָג פלעג איך צוגיין צום פּאַפּיר־בויגן און אַראָפּנעמען די אָפּגעלאָפענע שעהן... אָט אַזוי האָט מען געלעבט, געוואַרט און געחלומט פון אַ פערטן פעברואַר...

דערווייל איז אַראָפּגעפאַלן אויף די פּליטים אַ נייע צרה: „אינטו־

ריסט" האָט זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען רובלס פאר די באן־בילעטן, נאָר בלויז דאָלארן. דאָס איז געקומען ווי א דונער פאר אלע פּליטים. מענטשן האָבן אלץ אויספארקויפט, כדי אָנצוזאמלען די פּאָר רובל און מיטאמאָל: דאָלארן. ווּ נעמט מען דאָלארן? קויפן אין געהיים? דאָס באדארף קאָסטן צען מאָל אזוי פיל, און דער, וואָס האָט באדארפט באצאָלן פאר א בילעט צוויי טויזנט רובל, מוז איצטער האָבן דערצו צוואנציק טויזנט רובל. א חורבן אין די פּליטים־קרייזן, א נשמה־פארפינסטערניש. אין יענעם טאָג האָבן א סך פרויען געחלשט און א סך מענער האָבן געטראכט פון א שטריקל אויפן האלדז. איינער, א דירעקטאָר פון ווארשע, מינץ, האָט ער געהייסן, ער האָט זיך גלייך אויפגעהאָנגען.

די פּליטים זענען געלאָפן צום דירעקטאָר פון „אינטוריסט" צו קאנ־דאאוראָוון.

— וואָס?

— וואָס זאָלן מיר טון? טייערער חבר!

— ברענגט דאָלארן וועט איר באקומען בילעטן.

— ווּ וועלן מיר באקומען דאָלארן?

— דאָס איז אייער זאך...

קאנדאאוראָוו האָט באטראכט דעם גאנצן עולם. ער האָט געשמייכלט און זיך אָפּגערופן:

— איר וועט זען, עס וועלן זיין דאָלארן.

ער איז גערעכט געווען. אין ווילנע און אין קאָוונע האָבן זיך יידן געלאָזט צום טעלעגראף. טאָג און נאכט האָט מען טעלעגראפירט. טאָג איין און טאָג אויס. די רייען ביים טעלעגראף זענען נישט קלענער גע־וואָרן. יידן האָבן גערעדט צו זייערע קרובים דורך דעפּעשן. און ווייזט אויס, אז מען האָט שטארק גערעדט. בלוט צו בלוט האָט געשריען. אין א וואָך ארום איז קאנדאאוראָוו ארויס פון זיין דירעקטאָר־צימער אין אל־געמיינעם זאל מיט א פּאַק טעלעגראפישע געלט־איבערווייזונגען פאר א סך פּליטים:

— איך האָב אייך געזאָגט, אז עס וועלן זיין דאָלארן.

אָבער נישט אלע האָבן געהאט צו וועמען צו טעלעגראפירן נאָך געלט. א סך עלנטע, הילפלאָזע, זיי זענען אויך נישט פארלוירן געגאנגען,

ווייל אין קאָוונע איז נאָך אַלץ געזעסן דער פּאַרשטייער פון „דזשוינט", בעקעלמאַן.

א הויכער, א שלאַנקער ברונעט, א רואיקער ביז גאָר, געלאַסן אין די סאַמע הייסע מינוטן. אין דער צייט, ווען די פּליטים זענען געווען אַזוי געבראָכן. אין אַלע בייזע דערוואַרטונגען איז בעקעלמאַן פאַרבליבן מיט זיין גאַנצער מאָס גלייכגעוויכט. דאַכט זיך, א קאַלטער, דאַכט זיך מיט אַן איראָנישן שמייכל צו אַלץ און צו אַלעמען. און מענטשן האָבן פּרעטענזיעס צו אים. אומגליקלעכע מענטשן מוזן האָבן פּרעטענזיעס, אָבער ווען מען האָט אַמאָל א זאָג געטון אין קאָוונע, אַז בעקעלמאַן פאָרט אַוועק, האָבן זיך הערצער אָפּגעריסן פון ווייטיק...

בעקעלמאַן, דער איינציקער רואיקער מענטש אין דער יידישער ווילנע און אין דער יידישער קאָוונע. בעקעלמאַן פון „דזשוינט". א סך האָט מען געדאַרפט שרייבן וועגן „דזשוינט", א סך בענטשן, ווייל זיין אַרבעט דאָרטן אין יענע געביטן איז געווען א גרויסע לייסטונג פון אַי־דישער האַרציקייט. גענוג צו דערמאָנען א פאַקט, וועלכן נישט אַלע ווייסן. אויף פּסח פון ערשטן מלחמה־יאָר האָט דער „דזשוינט" אַרויסגעשיקט קיין פּוילן צוויי הונדערט טויזנט קילאָ מצה. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס האָט געמוזט דורכגיין דורך דער רוסישער גרענעץ און דורך דער דייטשער גרענעץ. דער „דזשוינט" האָט די פּליטים געגעבן עסן און בגדים. א סך קריסטן האָבן גענאָסן פון זיין הילף. „דזשוינט"... אָן „דזשוינט" וואָלט נאָך מער ביטער און פינסטער געווען. דער פאַרטרעטער פון „דזשוינט" איז געווען בעקעלמאַן. א געבוירענער אין אַמעריקע, אָבער געקומען איז ער צו די יידישע צרות ווי א ייד.

און דער עיקר: זיין רואיקייט. מלחמה, אָדער נישט מלחמה, אָקו־פּאַציע, שרעק, דערוואַרטונג פון אַלדאָס בייזעס, בעקעלמאַן איז רואיק. ער איז א פּריווילעגירטער. ער איז פון דער רייכער און שטאַרקער אַמע־ריקע. ער איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט אויף די גאַסן פון ווילנע און קאָוונע, ער דער איינציקער.

איך וויל דאָ דערמאָנען, ביי דער געלעגנהייט, זיינע צוויי געהילפן. איינער איז טאַראַשצאַנסקי, א וואָלינער ייד, דער צווייטער איז געווען זאַרעצקי, א ווילנער ייד. זיי ביידע צוזאַמען מיט בעקעלמאַן האָבן עס

געמאכט די גרויסע הילפס־ארבעט. זארעצקי, מיט אומעטיקע אויגן, מיט א בלאס פּנים, דער גאנצער חורבן איז געלעגן אויף זיין געשטאלט. ער פלעגט מענטשן טרייסטן און בארואיקן, אָבער וואָס איז דאָס פאר א טרייסט? ווען ער אליין האָט אויסגעזען ווי א פארסמטער. דאגעגן טאראשצאנסקי, א נידעריקער, פעסטגעבויטער, א בייכלדיקער מיט א געזונט פּנים. זיין אויסזען אליין האָט שוין געגעבן א געוויסע טרייסט. דאָך ביידע האָבן גע־ארבעט אָן מידקייט. טאראשצאנסקי וויים איך נישט, וווּ ער איז אהינ־געקומען, זארעצקי איז אָבער אין תל אביב און ווען איך דערזע אים פון ווייטן, ווערט ווארעם אויף דער נשמה.

מיר האָבן טייערע יידן...

ווען עס איז געוואָרן די גזרה מיט דער וואלוטע, דעמאָלט, ווען פאר א באן־בילעט האָט מען געמוזט צאָלן מיט דאָלארן, בין איך פארבליבן אויף דער גאס, ווי אן ארויסגעוואָרפענער... וווּ וועל איך נעמען אזוי פיל געלט? איך האָב גאָרנישט געזען פאר זיך, אפילו מיין אייגענעם אָפּגרונט נישט. דערנאָך בין איך געלאָפן צום דירעקטאָר פון „האיאס”, צו ראָ־זאָווסקין, געלאָפן אָן האָפענונג. ראָזאָווסקי האָט מיך אויסגעהערט און געשמייכלט:

— וואָס שמייכלט איר? — פרעג איך ביי אים.

— גאָרנישט... קומט, מיר וועלן ארויפגיין צו בעקעלמאַן.

מיר זענען אוועק צום האָטעל „מעטראָפּאָל”, דער רייכסטער האָטעל אין קאָוונע. איצט זענען דאָרט אלע צימערן פארנומען דורך רוסישע אמטן. אָבער בעקעלמאַן האָט געהאט זיינע צוויי שיינע צימערן.

ער, דער פריווילעגירטער.

ער האָט אויסגעהערט ראָזאָווסקין, וועלכער האָט אים רעפערירט וועגן מיין לאגע, ער האָט מיך אליין אויסגעהערט. דערנאָך א שמייכל געטון:

— מיסטער סעגאלאָוויטש, איר וועט אוועקפאָרן, געלט וועלן מיר אייך געבן. אויב איר וועט דארפן טויזנט דאָלאר, וועלן מיר אייך געבן טויזנט מיט צען דאָלאר, פינף הונדערט, אָדער דריי הונדערט, אלץ איינס, איר וועט שטענדיק באקומען מיט צען דאָלאר מער, כדי איר זאָלט זיין רואיק און זייט רואיק.

דער מענטש האָט מיך טאַקע רואיק געמאַכט. אָבער נישט אין מיר גייט עס. עטלעכע טויזנט מענטשן זענען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך דעם זעלבן אופן. רבנים, כּלל־טוער, שריפטשטעלער, סוחרים און בעלי־מלאכות. און עס האָט אויסגעזען. ווי אַ וווּנדער, די דאָזיקע אַרבעט פון „דזשוינט". מחנות זענען מיר דאָרטן געווען פאַרצווייפלטע און אַנטטוישטע, אָרימע און צעבראָכענע. דאַכט זיך, פאַרפאַלן, פאַרזונקען אויף אייביק...

איז פאַראַן אין אַמעריקע אויף דער וועלט, איז פאַראַן עפּעס אַ „דזשוינט", אַ בעקעלמאַן, אַ זאַרעצקי. איך בין גרייט געווען צו בענטשן גאַנץ אַמעריקע. אַלע שטאַטן און קאָלומבוסן בענטשן, וואָס ער האָט די טייערע ערד אויסגעפונען. איך בין אַ פּליט און געטראַכט האָב איך דערמאָלט פאַר אַלע פּליטים און אין האַרצן געדאַנקט דעם „דזשוינט" פאַר אַלע פּליטים. מען זאָרגט פאַר אונדז, ווייל מיר זענען צעשמעטערט, ווייל מיר האָבן גאָרנישט, האַלט מען אונדז אונטער, האַ! דאָס איז אַ גרויסע זאַך, אַ הייליקע זאַך. ווו פּאַק איך אים דעם גאַנצן „דזשוינט", איך וועל אים אויסקושן.

אין יענע בלייענע, פּראַסטיקע טעג, אין יענע קאָשמאַרן און בייזע דערוואַרטונגען, האָט מען אויך געמוזט אָפּרייניקן די נשמה פון אַלע שרעקן און אויסקלייבן וואָס שלעכט און וואָס גוט. אַ סך פון דאָס שלעכטע ווערט דאָ פאַרשוויגן. איינס פון דאָס גוטע ווערט דאָ דערמאָנט מיט פולן מויל. איך מיין נאָכאַמאָל „דזשוינט". די „דזשוינט"־מענטשן האָבן געהאַט אַ פּליכט און דערפילט עס ביזן סוף... גאָטס שליחים...

איך האָב יעדן טאָג אָפּגעמעקט אַ צאָל שעהן. אַלץ ווייניקער טעג, אַלץ ווייניקער שעהן. דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט פון דערוואַרטונג. עס ענדיקט זיך. נאָך אַביסל צייט און איך וועל זיך אַריינזעצן אין אַ צוג און וועל פאָרן, פאָרן... די וועלט איז אין בלוט אָפּגעגאַנגען. נאָר די ווייטקייט פון דער וועלט האָט נאָך אַלץ געצויגן. ערגעץ איז נאָך אוודאי גוט, ערגעץ וועט מוזן זיין גוט... ערגעץ, ערגעץ...

אין יענע טעג זענען געווען גרויסע פרעסט און ווען דער פראָסט פלעגט לינדער ווערן, איז שניי געפאַלן. רואיק און געלאַסן איז דער שניי געפאַלן, כּמעט אידיליש, פאַרוויגעריש. דאָך נישט דער פראָסט האָט פאַר־

גליווערט און נישט דער שניי האָט איינגעדעקט די שאַטנס פון די פּליטים, וועלכע זענען געלאָפן פון געדעמינא־גאַס צום „אינטוריסט". וויזעס און באַן־בילעטן און דאָס איבעריקע איז גאָרנישט. אין דער צייט פון אונדזערע גרויסע גיהנומס וויל איך זיך נישט לאָזן צופיל רעדן וועגן יענעם קליינעם גיהנום אין קאָוונע. איך וויל נישט ארויסרופן אין זכרון יענע צעבראָכענע געשטאַלטן, די אַלע וואָס האָבן געוואַרט אויף א „פּאַפּירל", זייערע אויגן, זייערע זיפצן, זייער שרעק פאַר דער צוקונפט...

איך אליין האָב געוואַרט אויף דעם פערטן פעברואַר, דעמאָלט וועל איך באַקומען מיין באַן־בילעט און דעמאָלט וועל איך פאָרן. דערווייל האָט מען שוין פאַר מיר איינגעצאָלט אין „אינטוריסט" צוויי הונדערט מיט דריי און פערציק דאָלאַר. ווער האָט איינגעצאָלט? ווען איינגעצאָלט? „דזשוינט" האָט איינגעצאָלט, „דזשוינט" האָט געפירט גרויסע חשבונות מיט „אינ־טוריסט", „דזשוינט" האָט געהאַט פּליטים און „אינטוריסט" האָט געהאַט באַנען, האָטעלן, בופעטן...

געווען איז אין קאָוונע אזא לעגאַלע־אומלעגאַלע קאָמיסיע, וועלכע האָט צוגעהאָלפן די פּליטים אוועקפאָרן. איינעם האָט צוגעפעלט פינף דאָ־לאַר, האָט מען אים געגעבן די פינף דאָלאַר, אָבער מען האָט אויך געגעבן הונדערט, צוויי הונדערט און אפילו פינף הונדערט. דאָס געלט פלעגט דער פּליט נישט אָנזען פאַר די אויגן, דאָס געלט פלעגט גלייך גיין אין קאַסע פון „אינטוריסט". אין דער קאָמיסיע איז געווען בעקעלמאַן, ראָ־זאָווסקי און וואָלף, דער פירער פון „האיאס" אין ווילנע. דאָס איז געווען א גרויסע, א ליכטיקע ארבעט: מען האָט מענטשן געראַטעוועט... זאָלן דאָס די געראַטעוועטע נישט פארגעסן.

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון מיין אוועקפאָרן. די לעצטע טעג אין קאָוונע... איך גיי זיי פאַרביי. איך וויל זיך אויף א סך זאַכן נישט אָפּשטעלן. איך האָב געלעבט אין שרעק, מען האָט מיך גערופן אויף פאַר־שידענע שמועסן, מען האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אז די ארויספאָר־וויזע וועט מען ביי מיר צוריקנעמען. מען האָט מיר „געראַטן" איך זאָל בלייבן. יאָ, עס זענען געווען א סך „ליבהאַרציקע" זאַכן. לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן. און איצטער, ווען די וועלט וויסט פון א העראָאישן סטאַלינגראַד, לאָמיר נישט דערמאָנען א סך נישט העראָאישע ענינים. דריי טעג פאַר

מיין אוועקפאָרן האָב איך זיך געגומען געזעגענען מיט קאָוונער יידן. עס איז געווען מיט וועמען זיך צו געזעגענען. א סך פריינט האָב איך דאָרט „אויסגעהאָדעוועט" פאר זעכצן חדשים. געזעגנט האָט מען זיך מיט הארץ און מיט טרערן... איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן זיך נישט געקושט אזוי פיל מיט פריינט, ווי דעמאָלט אין קאָוונע און כמעט אלע „זייגעזונטס" האָבן זיך געענדיקט מיט טרערן. עלטערע און יינגערע, רואיקע און נער־ווועזע, בייזע און גוטמוטיקע. אלע האָבן געלאָזן א טרער. געווען איז דאָס גענוג טראַגיש. מיט אנדערע האָב איך זיך געזעגנט אין געהיים, באַגעגנט זיך אויף דער גאַס, אָפּגעשטעלט זיך און פאַרטרויט זיך: „איך פאָר אוועק..." און אזוי נישט אָפּגערעדטערהייט איז מען אריין אין א טויער און דאָרט זיך געזעגנט מיט צעקושעניש. אזוי איז אויך געווען מיט א יונגן, נאַציאָנאַלן דיכטער, וועלכער האָט פּלוצלינג געמוזט אָנהייבן זינגען וועגן פּראָלעטאַריאַט. א ווילנער יונגערמאַן, נאָר אויף זיין קאַרק איז גע־זעסן א גאַנצע משפּחה. און צוליב דער משפּחה... בין איך אים פרעמד געוואָרן. ער האָט זיך פון מיר דערווייטערט, איך בין אים דאָס מוחל געווען. אָבער עטלעכע טעג פאר מיין ארויספאָרן באַגעגן איך אים און וואַרף צו מיין געהיימע פראַזע:

— איך פאָר שוין אוועק... איך וויל זיך געזעגענען...

ער קוקט מיך אָן מיט טרויעריקע אויגן:

— דאָ איז נישט באַקוועם.

זענען מיר אין א טויער אריין, ווי צוויי גנבים, וואָס ווילן זיך צע־טיילן מיט א גנבה. מיר האָבן זיך די הערצער אויסגערעדט, ווי עס באַ־דאַרף צו זיין, ער האָט שטאַרק ביי מיר געבעטן, איך זאָל אים פאַרשטיין און מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך פון מיר דערווייטערט. איך האָב אים מוחל געווען און אויפריכטיק. דאָס לעבן איז צופיל פאַרפּלאָנטערט און ווער האָט עס רעכט צו זיין א שופט?

זעכצן חדשים בין איך געווען אין קאָוונע און מיין נשמה האָט זיך דאָ פאַרבונדן מיט א סך פעדעם, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט איבער־רייסן. פון אזא קאָוונע, וווּ איך האָב אזוי פיל פריינט געפונען, ווילט זיך נישט אוועקפאָרן. אָבער דער בילעט איז שוין ביי מיר אין קעשענע, א

בילעט דורך מאָסקווע, דורך וולאדיוואָסטאָק ביז קאָבע, א פּאַרט אין יאפּאַן. אזוי איז געווען מיין פּלאַן...

איך האָב זיך געזעגנט מיט פיל משפּחות. עטלעכע פון די משפּחות האָבן זיך נישט גלאט מיט מיר געזעגנט. „פאָרט געזונט" און „זייט געזונט!" דאָס איז צו טרוקן פאר קאָוונע, פאַר אזא קאָוונע... עטלעכע משפּחות האָבן צוגעגרייט פאר מיר שפּייז אויפן וועג. ביי די ליגומס האָט מען אָפּגעפּרעגלט פאר מיר א קאטשקע מיט א הון, פיין אויסגעבראָטן אויף דעם אלטן ליטווישן שטייגער, דערצו א חלה, א געפלאָכטענע, מען האָט אויך נישט פארגעסן צוצולייגן ציין־רייניקער מיט דין־דינע פּאפּירענע סערוועטקעס, זאלץ אפילו האָט מען אין פּעקל אריינגעלייגט... וואָס נישט?

אורי צבי גלאזמאן, א יונגער בעלעטריסט, א געוועזענער מיטארבעטער פון רובינשטיינס „יידישע שטימע". א גאָלדענער חבר, האָט געהאט א ווייב אַן אקטריסע, קלארע האָט זי געהייסן, האָט זי ארטיסטיש אויסגעבאקן פאר מיר פארשידענע קיכלעך, א פּאַק מיט קיכלעך, טרוקענע מיט צוקער באשאָטענע, עס פלעגט אין מויל צעגיין, זי האָט אויף דעם צוויי טעג געארבעט. דערנאָך וואלפּאָוויטש, אויך א מיטארבעטער פון דער „יידישער שטימע", ער האָט עס פּארפּאקט מיינע צוויי האלב צעשאָטענע וואליזעם און אָן מיין וויסן האָט ער דאָרט אריינגעשמוגלט די בעסטע קאָנסערוון, עמענטאלער קעז, ווייַן, קאָניאק...

וואָס ווילן זיי פון מיר, די טייערע מענטשן, מיט זייער גוטסקייט און אויפמערקזאמקייט? וואָס בין איך, א יונגער פּרינץ, וואָס פּאָרט איבערנעמען א מלוכה? איך בין דאָך נישט מער ווי א פּליט, וואָס ציטערט ביינאכט אויף זיין געלעגער, מען זאָל אים א צווייט געלעגער נישט געבן... רירנד איז געווען די אויפמערקזאמקייט פון מיינע פריינט און טראַגיש: איבער קאָוונע האָבן שוין גרויזאמע וואָלקנס געהאנגען. די מענטשן האָבן געהאט א פאָרגעפיל, אנדערש וואָלטן זייערע בליקן נישט געווען אזוי אומרואיק...

די לעצטע נאכט האָב איך גענעכטיקט ביי סודארסקין, מיין ביסל באגאזש האָב איך אויך צו אים געבראכט. מאָרגן פאָר איך קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע ווייטער... איך פאָר זוכן די וועלט און ווער ווייסט,

וואָס איך וויל דאָ פון דער וועלט? מאָרגן פאַר איך און אזא געדאַנק לאָזט נישט איינשלאָפן אפילו אויף א רגע. באַגינען בין איך שוין אויף קאָוונער גאסן, איך גיי אין שניי, א ווייסער סאַמעט, א טעפּיך פאַר מיינע מידע פיס. אזא רואיקייט פון שניי־פאַל איז זעלטן, און אזא ווייטקייט קאָן מען אַנהייבן גלויבן, אז אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן און גוט וועט זיין, גוט וועט זיין... איך געזעגן זיך מיט די קאָוונער גאסן, מיט די הייזער, איך האָב ליב יעדע היימישקייט און קאָוונע איז מיר היימיש געוואָרן ביז גאָר. איך גיי אויך אריין צום לעצטן מאָל אין קאַפע „מאָניקא". דאָרט עסט מען שוין פרישטיק. ביי איין טיש זיצט דער חזן קוסעוויצקי, ער איז געקומען קיין קאָוונע נישט אויף קיין חזנישן קאָנצערט. ביי א צווייט טיש זיצט דער וואַרשעווער באַנקיר און סענאַטאָר רפאל שערעשעווסקי, ער איז אזוי בלייך־ווייס, אז איך האָב פּשוט מורא צוצוגיין צו אים. איך באַגריס זיך מיט אים פון דערווייטן. פאַר מיינע אויגן שוועבן פיינע גלעזער קאַווע מיט קרעם און אָן דעם, פרישע זעמל, קיכלעך פון אַלע מינים. קאָוונע האָט געהאַט שפּייז טייערע... קאָוונע האָט אַלץ געהאַט, די סאָוויעטישע מאַכט האָט נישט דערלאָזן, אז דער דאָזיקער וויכטיקער גרענעץ־פּאַס זאָל פילן הונגער. איך האָב זיך געזעגנט מיטן קאַפע. אָט די „מאָניקא" האָט אונדז פּליטים פיל רו געגעבן. דאָ האָבן מיר געשמועסט, דאָ זיך באַגעגנט מיט פריינט, דאָ געשריבן בריוו און דעפּעשן צו דער וועלט, צו דער גרויסער וועלט, און פאַר יחידים האָט די וועלט זיך אָפּגערופן...

צוועלף אזייגער האָב איך זיך שוין געאיילט צו סודאַרסקין, דאָרטן זענען געווען מיינע וואַליזעס. איך בין אוועקגעפאָרן אין געהיים, קיינער האָט מיך נישט באַגלייט, כאָטש איך האָב דאָרט געהאַט אזוי פיל פריינט. באַגלייטן האָט מען נישט געטאָרט. אזא איינער ווי איך, א פּאַרבּרעכער, א בורזשואַזיע־נאָכלויפער, א פאַרקויפטע נשמה, א פאַשיסט. בלויז סו־דאַרסקי איז געקומען אויפן וואָקזאַל, אָבער נישט מיט מיר, בלויז מיט מיינע וואַליזעס. איך בין געקומען באַזונדער, איך בין געשטאַנען ביי מיין וואַגאָן. סודאַרסקי האָט אוועקגעשטעלט פון ווייטן מיינע וואַליזעס און אַליין איז ער אוועק, בלויז א בליק געוואָרפן צו מיר... אדיע, טייערער פריינט, גוטער ברודער, זיי געזונט! איך בין רואיק צוגעגאַנגען צו מיינע וואַליזעס און זיי אריינגענומען אין מיין וואַגאָן, אין א קופּע פון צווייטער

קלאַס. „דזשווינט" איז געווען אויף אַזוי פיל גרויסאַרטיק, אַז ער האָט מיך באַזאָרגט מיט א צווייטן קלאַס אין מיין וועג.

די וואַליזעס שוין אין וואַגאָן, זיי זענען אביסל פאַרשנייט געוואָרן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון וואקזאל, אָי, יענע קליינע דימענטענע שנייעלעך, פאַרוואָס זענען זיי אַזוי שנעל צערונען געוואָרן? דאָס לעצטע פון קאָוונע, די לעצטע מתנה. די נערוון, ווייזט אויס, האָבן שוין שוואַך געאַרבעט, יעדע קלייניקייט האָט געווירקט. האָט א שנייעלע אויך גערייצט, איך האָב אויך וועגן דעם געטראַכט אין די ערשטע מינוטן אין וואַגאָן. געטראַכט וועגן קאָוונע מיט דאַנקבאַרקייט ביז טרערן, און ליגום? און רובינשטיין און גלאַזמאַן און אַלע די טייערע נעמען. גוטסקייט, מענטשלעכקייט, פריינטשאַפט. איך האָב מיטגענומען פון דער שטאָט א גלויבן אין מענטש, אין ייד...

דערנאָך האָב איך זיך אַרומגעקוקט: דער וואַגאָן איז פול געווען מיט „ספּעצן", וועלכע זענען געפאָרן קיין מאָסקווע אויף פאַרשידענע באַראַטונגען. דאָ זענען געווען אינזשיניערן, דאָקטוירים און מבינים אויף פּוטער־פּראָדוקציע און בעקאָן־פּראָדוקציע, מען האָט געפירט פאַך־געשפּרעכן. איך איינער בלויז נישט קיין פאַכמאַן, איך האָב געוואָלט זיין אַליין און טראַכטן, בלויז טראַכטן, בלויז אַרומנעמען די מלחמה, מיט די פּליטים, מיט אַלע אומגליקן און עפּעס אויסטראַכטן, פאַרשטיין און טרייסטן זיך מיט עפּעס...

געראַטעוועט האָט דאָס פענסטער אין וואַגאָן. איך האָב זיך געשטעלט קוקן אויפן שניי, וואָס ער וויל די וועלדער פאַרשיטן און דאָס גיט זיך אים נישט איין. די וועלדער מיט סאָסנעס, ענלעך צו די פּוילישע סאָסנעס, און דאָרט אין פּוילן צווישן די וועלדער זענען פאַרבליבן ישובים מיט יידן. עס דריקט א שטיין דאָס האַרץ, וואָס איז גרעסער פאַר דער וועלט און דאָס שוואַכע האַרץ ווערט נישט צעדריקט. עס מוז קלאַפּן פאַר נייעם יאָמער, פאַר נייע אומגליקן. אונדזערס א מענטש איז אַלץ איינס, ווו ער זאָל נישט פאָרן: קיין ארץ ישראל, צי קיין אַמעריקע, קיין אפריקע צי קיין האָנאָלולו, די איבערגעלאָזענע צרות וועלן נישט אוועק אין די טויזנטער מיילן פון מרחק...

יידישע צרות האָבן לאַנגע הענט, זיי לאָזן נישט אָפּ, זיי שטיקן פון דערווייטן און זיי ציען שטאַרק צוריק.

און דאָך...

דאָס רייזן האָט שוין אין זיך אַזאַ כוח, עס הייבט אונטער דעם גוף. עס טראָגט, עס רייסט מיט. מען פאָרט און שנעל און מען האָט דאָס געפיל, אַז מען פאָרט צו אַ ניי לעבן, צו אַ נייע וועלט. די האַסטיקייט פון צוג צעקלאַפּט און צעטרייסלט די שווערע געדאַנקען און אין קאָפּ לויפן אַריין נייע רעפלעקסן, צוזאַגעניש, געגנאַרערייען, אַלץ איינס. ס'איז בעסער. עס ווילט זיך בלויז, אַז דער צוג זאָל נאָך שנעלער לויפן. צוויי געפילן האָבן מיך באַגלייט דעם גאַנצן וועג: אַ מורא אַזאַ, צי איך וועל טאַקע אַרויס בשלום פון דער שטייג, ווו איך בין אין מלחמה־שטורעם אַריינגעפאַלן... ווער ווייסט? איך האָב נאָך נישט קיין זיבערע וויזע, נישט קיין ארץ ישראל און נישט קיין אַמעריקע, דער ענין באַדאַרף זיך אויפקלערן ערשט אין מאָסקווע. דאָס צווייטע געפיל איז געווען דאַנקבאַרקייט צו מענטשן און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן מיר צוגעהאָלפן. איך האָב זיי קיינעם נישט פאַרגעסן און יעדן באַזונדער דערמאָנט. אַלץ איז דאָך סוף כל סוף מזל. נאָר ווען דעם גוטן מזל טראָגט דיר צו אַ מענטש, באַדאַרף מען שטאַרק דריקן דעם מענטשנס האַנט און געדענקען, געדענקען דעם נאָמען פון אַזאַ גוט־טוער. איך האָב זיי איצט אין מיין וואַגאָן אַרויסגערופן, די אַלע געשטאַלטן. די באַאַזשירן פון אַרום זענען מיר פרעמד געווען, אָבער אַ ראַזאָווסקי, אַ רובינשטיין, אַ ליגום, אַ גלאַזמאַן, זיי זענען איצט געווען מיט מיר... געשטאַלטן... טייערע געשטאַלטן.

## XIII

# אין מאָסקווע און אין אדעס

צוויי מעת־לעת געפאָרן ביז מאָסקווע. נישט שלעכט געווען אין וואגאָן. באקענט זיך מיט מענטשן, גערעדט מיט זיי, געגעסן ליגומס גע־בראָטענע הון און גלאזמאנס קיכלעך. ווארעם געווען אין וואגאָן. „איג־טוריסט" זאָרגט פאר זיינע פאסאזשירן, וואָס באצאָלן מיט דאָלארן. דעם גרעסטן טייל צייט האָב איך אָבער פארבראכט ביים פענסטער, געקוקט אויף דעם שניי. געזען פעלדער, וועלדער און ישובים, געזען מענטשן. איך האָב אויף אלץ געקוקט מיט א פארגרעסערטער אויפמערקזאמקייט. א פאקט: איך בין איצט אין דעם לאנד פון גרעסטן סאָציאלן עקספערימענט. געקוקט און געפאָרשט פון וואגאָן־פענסטער, געמיינט, אז איך וועל דאָ מיט די אויגן עפעס דערזען און מיט דעם קאָפ עפעס פארשטיין. אָבער ספינקס איז פארבליבן ספינקס. דער שניי האָט איינגעדעקט די שטעט און שטעטלעך: דערמאָנט האָט זיך מיר דעמאָלט, ווען איך בין פון קאָוונע געפאָרן קיין מאָסקווע א צווייטע רייזע: א רייזע אין טויזנט ניין הונדערט ניינצן. אויך אין פעברואר. א רייזע נישט קיין מאָסקווע, נאָר פון מאָסקווע. דאָס איז געווען עפעס מער ווי א יאָר נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע. איך בין געפאָרן קיין פוילן, צוריק קיין פוילן, ווייל איך האָב זיך צו דער רעוואָלוציע נישט צוגעקלעפּט. נישט אלעמען איז עס באשערט צו פאר־שטיין די גרויסקייט פון מאָמענט. דאָך יונג איז מען דעמאָלט געווען און די וועלט האָט אויף עפעס בעסערס געוואַרט נאָך דער גרויסער מלחמה. דעמאָלט בין איך געפאָרן אהיים צו טאטע־מאמע, ברידער און שוועסטער, קיין פוילן געפאָרן, ווו מיליאָנען יידן זענען געווען, איצט אנטלויף איך

פון די היימישע ערטער; ווי א געיאָגטע חיה און ווו וועט מיך דער גורל ברענגען?

דערווייל האָט אונדז דער צוג געבראַכט קיין מאָסקווע. מען האָט די אינטוריסטן אריינגעזעצט אין אויטאָבוסן און געבראַכט אין א גרויסן, ליכטיקן האָטעל. דער האָטעל האָט געהייסן „מאַלאיא מאָסקאָווסקאיא". דאָרט האָט מען אונדז לאַנג געהאַלטן אין פּאַיע, שעהן לאַנג. מען האָט אונדז געדאַרפט איינשרייבן: ווער מיר זענען? פון וואַנען און וווּהין? ווער איז געוועזן דיין טאַטע, דיין זיידע, מיט וואָס זיך באַשעפטיקט? עפּעס הונ־דערטער פראַגן. מען האָט בויגנס פּאַפּיר פאַרשריבן און צום סוף א שליסל געגעבן. איך האָב שוין א צימער...

א פיין צימער, ריין און רואיק, אויף דעם טישל שטייט א טעלעפאָן, כאָטש נעם און רעד מיט דיינע אַלטע מאָסקווער באַקאַנטע... אָבער עס קלינגט זיך נישט. עס איז נישט יענע מאָסקווע און דיינע באַקאַנטע... ווער ווייסט, ווו זיי זענען? איך בלייב שטיין אין מיטן צימער, איך קוק זיך ארום, עפּעס דאַכט זיך מיר כסדר, אז איך מוז זיך ארומקוקן. איך בין סוגעסטירט פון מאָדנע געשיכטעס וועגן מאָסקווע און רוסלאַנד. איך קאָן זיך פון דער סוגעסטיע נישט באַפרייען. איך האָב נישט קיין פאַר־טרויאונג צום פיינעם צימער, צו די שטילע ווענט, צו די טריט אין קאָ־רידאָר... דערנאָך רופט מען אונדז אין רעסטאָראַן, מיר פאָרן ארויף אויף דעם אַכטן שטאָק. מיר זעצן זיך גרופּנווייז ביי סערווירטע טישן, מיר עסן גוטע שפּייזן. דאָס גיט אונדז צו עסן עפּעס נישט קיין פּריוואַטער אונטער־נעמער, דאָס שפּייזט אונדז די מלוכה, די אָנפירנדע פּאַרטיי און מיר מיט אונדזערע קליין־בירגערישע פּסיכאָלאָגיעס זענען געוווינט צו פּריוואַטע רעסטאָראַנען. געוועזן איז פאַר מיר אין מאָסקווע גענוג זאַכן צו אָבסער־ווירן, נאָר איך מוז זאָגן דעם אמת, אז איך האָב גאָרנישט געזען, א פּליט איז נישט קיין באָאָבאַכטער, א פּליט לויפט ווייטער און זיין קאָפּ איז פאַר־נומען מיט איין זאַך: דער וועג זאָל זיין פריי און דעם וועג מאַכט פריי די וויזע. איך בין אין מאָסקווע נאָך נישט זיכער געווען, צי איך וועל קאָנען ווייטער פאָרן, און ווּהין פאָרן, קיין ארץ ישראל אָדער קיין אמע־ריקע? מיין „ארץ ישראל" איז געלעגן אין די הענט פון טערקישן קאָנסול און מיין „אמעריקע" — אין די הענט פון יאַפּאַנישן קאָנסול. איך האָב

געהאט רייזע פּאַפּירלעך און איך האָב אַליין נישט געוווּסט ווי ווערטלאָז זיי זענען. פון ענגלישן קאָנסול אין קאָוונע האָב איך אין דער לעצטער רגע פאַר זיין ארויספאָרן פון ליטע באַקומען א באַשטעטיקונג, אַז פאַר מיר איז אָנגעקומען א סערטיפיקאַט, א געוויינלעך פּאַפּירל, אָן א לויף־נומער און אָן א שטעמפּל, ווייל דער שטעמפּל פון קאָנסולאַט איז שוין פאַרפּאַקט געווען, אַלע קאָנסולאַטן האָבן דעמאָלט פאַרלאָזן קאָוונע. אָבער אויך דאָס דאָזיקע כמעט ווערטלאָזע פּאַפּירל איז פאַרלוירן געגאַנגען אין רוסישן אמט. צום גליק האָב איך זיך פריער פאַרזאָרגט מיט א פאָטאָגראַפיע פון דאָזיקן דאָקומענט און מיט דעם בין איך געקומען קיין מאָסקווע.

דאָס צווייטע רעטונגס־פּאַפּירל איז געווען א טעלעגראַמע צו מיר פון וולאַדיוואָסטאָקער „אינטוריסט", אַז פאַר מיר איז פאַראַן אַן איינ־רייזע־דערלויבעניש פון דער יאַפּאַנישער מאַכט אין קאָבע, אָבער די איינ־רייזע באַדאַרף נאָך זיין באַשטעטיקט פון יאַפּאַנישן קאָנסול אין מאָסקווע. דאָס זענען געווען קאָמפּליצירטע, אומגעלומפּערטע וויזע־ענינים, וועלכע האָבן אונדז אַלעמען אָפּגעקאָסט גענוג געזונט. לאָגיש גענומען זענען דאָ אַלע פּאַפּירן אין מיין קעשענע געווען ווערטלאָז, נאָר מען האָט זיך פאַר־לאָזט אויף נסים און מען איז געפאָרן גלאַט אין דער וועלט אריין, מען איז געפאָרן אויף הפקר, ווייל מענטש און לעבן איז אויך געווען הפקר.

דעם ערשטן טאָג פון מיין זיין אין מאָסקווע האָב איך אין די קאָנ־סולאַטן נאָך נישט געקאָנט זיין, ווייל אין „אינטוריסט" האָט מען צוגע־נומען ביי אונדז די פּאַספּאָרטן, כדי זיי איינצומעלדן ווו מען דאַרף. זענען מיר געגאַנגען, עטלעכע פּליטים, באַטראַכטן די שטאָט מאָסקווע. איך האָב אַמאָל גוט געקענט די דאָזיקע שטאָט, נאָר איצט האָב איך זי נישט דער־קענט. די אַלטע מאָסקווע מיט א סך נידעריקע הייזער איז פאַרשוווּנדן. די נייע מאָסקווע איז נאָך נישט אויסגעוואַקסן, כאָטש זי וואַקסט. ריזיקע הייזער האָבן זיך אויפגעהויבן אויף אַמאָליקע אינטימע גאַסן. דאָ האָט מען אָנגעהויבן בויען, דאָרטן נישט פאַרענדיקט. א זוניקער טאָג מיט א דרייסיק־גראַדיקן פראָסט, מיט א סך שניי אויף די גאַסן און אויף די הייזער. פון יענעם טאָג איז מיר פאַרבליבן אין זכרון די מאָסקווער אונ־טערערדישע באַן. אויף א סך קילאָמעטערס ציט זיך א לעגענדאַרישע אויס־בויאונג פון וווּנדערבאַרן מאַרמאָר, מאַרמאָר פון אַלע ניואַנסן און שאַ־

טירונגען, דערנאָך בראָנז, אין דעם בראָנז איז פאַרקערפּערט די געשיכטע פון רוסישן פאָלק און די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די אונטערערדישע באַן לויפט און פון פענסטער זעסטו ווי עס לויפן דיר נאָך גרופּן מיט אקערארייזנס, גרופּן מיט ביקסן, ארבעט און קאַמף איז פאַרקערפּערט אין די גרופּן, דו קאָנסט די אויגן נישט אָפּרייסן. דאָס איז איין מאָמענט. דער צווייטער פאַרטונקלט דעם ערשטן. ווען דו גיסט אַ קוק אויף די פּאסאזשירן, וואָס זיצן צוזאַמען מיט דיר אין וואַגאָן, וווּנדערסטו זיך, פאַרוואָס זיי זענען אַזוי קאָנצענטרירט און שווייגנדיק? פאַרוואָס אַזוי אָרים געקליידט? אַ קאָנטראַסט אַ שרייאיקער צו דעם רייכן אויסזען פונעם מאָסקווער „מעטראָ“.

איך האָב אויך אין יענעם טאָג געזען לענינס מאַוזאָליי, געווען אינעווייניק, געקוקט אויף זיין פּנים. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל אַ לעבעדיקן, אין אכצנטן יאָר, הינטער מאָסקווע, אין סאָקאָלניקי. ער האָט גערעדט צו צענדליקער טויזנטער ארבעטער. ער האָט מיט זיין יעדע פּראַזע געבראָכן די זיילן פון דער אַלטער וועלט און איך בין דאָ איצט ווידער אין מאָסקווע.

שטאַרק פאַרבליבן זענען אין זכרון לענינס הענט. ער ליגט רואיק און די הענט אויסגעצויגן איבער זיך. אַריסטאָקראַטישע הענט, פינגער־מוזיק. אַזעלכע הענט, אַזוי פיל איידלקייט אין זייער אומבאַוועגלעכקייט, אַזאַ קאָנטראַסט צו זיין שטורמישן לעבן...

שפּעטער אין האָטעל, אין מיין צימער, האָב איך געוואָלט מאַכן אַ סך־הכּל פון אַ טאָג איינדרוקן, אָבער ערשטנס האָב איך דאָך ווייניק געזען און צווייטנס האָב איך מיטגעבראַכט אַ סך פראָסט פון דער גאַס. דער פראָסט איז אריין אין גוף, אין דער נשמה און איך האָב צו זיך אַליין געמורמלט:

— קאַלט... אַלץ איז קאַלט, די געטער און די מענטשן, אַלע אידעאָלאָגיעס... די וועלט איז אַוועק צום נאָרדפּאָל, זי האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די שניי־בערג און אייז־בערג, נישט ארויסצובאַקומען זיך פון דאָרטן...

כאָטש אין האָטעל איז געווען וואַרעם, האָב איך זיך דאָך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער קעלט, וואָס איז אין דער נשמה אריין.

אָבער, איך האָב איבערגעריסן מיט די פילאָזאָפיעס. איך האָב זיך

ארויפגעגליטשט מיט דעם ליפּט אויפן אכטן שטאָק און געענדיקט דעם טאָג אין רייכן רעסטאָראַן פון „אינטוריסט". ביי די טישן זענען געזעסן א צוויי הונדערט פּליטים, געוועזענע פאבריקאנטן, סוחרים, דאָקטוירים און כלל־טוער, א טייל פון א פאליע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון ים און איז איצט געלאָפן אין דער וועלט אריין. דאָרט האָט געשפּילט מוזיק, אויף אן אָפענער עסטראַדע האָט מען געזונגען, דעקלאמירט, מען האָט געווײלט דעם עולם. איך האָב זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, עפּעס איז פאראן אין די דאָזיקע מאָסקווער פארוויילונגען אן אנדער טאָן. אפשר א בעסערער און אפשר אן ערגערער? איך ווייס נישט.

ביים צווייטן טישל, עטלעכע טריט פון מיר, איז געזעסן א יונגער רב, מיט א שווארצער באָרד, מיט סאמעטענע אויגן. נעבן אים — זיין ווייב, די יונגע רביצין, מיט א שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן, א שווארץ־חנעוודיקע און צווישן רב מיט דער רביצין האָט זיך געשפּילט א יונג מיידעלע פון א יאָר פיר. דער רב האָט איינגעטענהט מיטן קעלנער, אז ער וויל עסן כשר, געדעדט האָט ער מיטן רוסישן קעלנער א געמישטע שפּראַך פון יידיש, פויליש און רוסיש. דער קעלנער האָט גאָרנישט פארשטאנען, האָט ער געבראכט דעם דירעקטאָר און דער דירעקטאָר האָט גע־בראכט א צווייטן דירעקטאָר, מען האָט לאנג זשעסטיקולירט, לאנג גע־שמועסט, ביז מען איז דורכגעקומען אויף ברויט, אייער, ירקות און טיי. דער רב איז געווען צופרידן, די דירעקציע פון „אינטוריסט" איז אויך געווען צופרידן. די געסט, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט און איך, אלע זענען געווען צופרידן, וואָס דער רב מיט זיין משפחה האָבן באקומען צו עסן כשר...

און גוט איז געווען, וואָס דער טאָג האָט זיך געענדיקט „כשר". די שטייפע קעלט פון מאָסקווער דרייסיק־גראַדיקן פראָסט האָט זיך דערפון געמילדערט. קאלט אויף דער נשמה איז נאָך געווען, אָבער די קליינע טאַ־לעראנטע סצענע אין רעסטאָראַן פון „אינטוריסט" האָט געשמייכלט צו מיר, געשמייכלט און געוואָרעמט... דערנאָך, דערנאָך האָט מען זיך געלייגט שלאָפן אין א ווייס ציכטיק בעט. ווארעם געווען און עפּעס קאלט... קאלט פון טויזנטער פראגן, וואָס זענען געשפּרונגען אין קאָפּ. געטראכט האָב איך אויך וועגן דעם, אז דאָ אין רוסלאנד האָב איך א ברודער מיט

א שוועסטער,ביידע ערלעכע און טאלענטירטע... דער ברודער א פארברענ־טער קאמוניסט, א קענער פון דער רוסישער געשיכטע און פון דער רוסי־שער ליטעראטור, אליין אויך א שרייבער און א פארשער. וואלף איז זיין נאמען. ער טראגט דעם נאמען נאך זאב יעבץ, וועלכער איז א קרוב צו אונדזער משפחה. מיין שוועסטער הייסט אליע, זי האט געענדיקט כימיע. ווער ווייסט, אפשר זענען זיי ביידע אין מאסקווע, נאר איך וויים נישט פון זיי און זיי וויסן נישט פון מיר. מען טאר נישט וויסן און מען טאר נישט פרעגן. מיין ברודער און מיין שוועסטער... און איך טאר וועגן זיי נישט פרעגן. אבער איך האב יא געמאכט פרווון, פארזיכטיק אמאל א פרעג געטון דא און דארט און גארנישט זיך דערוווּסט. איך וויים וועגן זיי גאר־נישט, גארנישט. עפעס זענען זיי אראפ פון דער אויבערפלאך, פארשוווּנדן פון אומעטום, נאר נישט פון מיין הארץ.

האט זיך לאנג געטראכט וועגן א ברודער און א שוועסטער און ארום איז אזוי שטום און שטיל. אין די קארידארן פון דעם גרויסן האטעל און אויף די גאסן ארום... שטיל. און נישט ווייט איז געווען דער אלטער קרעמל, די באריִמטע צערקווע: „וואסילי בלאזשעני” און „מאסקווא־ריעקא” אלץ נישט ווייט. אבער זייער ווייט איז געווען ווארשע, פוילן, מיליאנען יידן, מיט וועלכע מען האט צוזאמען א לעבן פארבראכט...

אַי, ווי אַנגעשראָקן־ווייט...

---

אינדערפרי בין איך אין א מאסקווער טעקסי געלאפן צום טערקישן קאנסול. קיינער איז נאך אין קאנסולאט נישט געווען. דער טערק, דער קאנסול, איז געקומען אין א מינוט פופצן שפעטער. דער טערק איז געווען א הויכער, א שיינער מאן, א יונגער און א העפלעכער, נאר בעת ער האט דערזען דעם דאקומענט, מיט וועלכן איך וויל באקומען א וויזע אויף אריינ־צופארן קיין טערקיי, האט ער זיך אויפן קול פונאנדערגעלאכט:

— מסיע! אזעלכע פאפירלעך קאן מען פארטיק מאכן צען טויזנט אין א שעה, מסיע! עס וועט פון דעם גארנישט זיין... ארעוואר...

אוים מיט ארץ ישראל. דער טערק וויל נישט. וועט מען מוזן פארן קיין אמעריקע דורך גאנץ רוסלאנד, דורך סיביר, דורך וולאדיוואסטאק קיין יאפאן אריין און פון דארטן ווייטער.

איך האָב ווידער געכאַפּט א טעקסי און געלאָפן צום יאַפּאַנישן קאָנ־סול. דער פראָסט האָט פאַרגליווערט דאָס בלוט און נפש, די טעקסי אליין האָט געציטערט פון קעלט. דער שאָפער האָט בייז געשוויגן. בלויז דער מאָטאָר, אים האָט דער טייוול נישט גענומען. אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט, דער פראָסט האָט מיך ארויסגעשליידערט פון דער טעקסי. דער פראָסט האָט מיך אריינגעיאָגט אין א געביידע, איך בין שוין געווען אין יאַפּאַנישן קאָנסולאַט. דער קאָנסול אליין האָט אויפגענומען די אינטער־רעסאַנטן. ווען עס איז געקומען צו מיר, ווען ער האָט איבערגעלייענט מיינע פּאַפּירלעך, האָט ער קאַלט און גלייכגילטיק א וואָרף געטון א פראַזע:

— איר וועט נישט פאָרן...

איך האָב א ציטער געטון, איך האָב אָנגעהויבן רעדן, וואַרפן ווער־טער, ארגומענטן.

— מען האָט צו מיר טעלעגראַפירט, אז אין קאָבע, אין האַפן איז געלט פאַר מיר איינגעצאָלט, איך האָב א דערלויבעניש ארויסצופאָרן קיין יאַפּאַן, אפילו א האָטעל האָט מען שוין דאָרט פאַר מיר באַשטעלט... אין קאָבע, מיינע פריינט...

— איר וועט נישט פאָרן...

דאָס איז געווען עלף אין דער פרי און איך האָב דעם יאַפּאַנעזער נישט אָפּגעלאָזט ביז דריי.

ער האָט אין יענעם טאָג קיין איין אינטערעסאַנט נישט דערלידיקט... איך... איך האָב ביי אים די גאַנצע צייט צוגענומען. איך האָב גערעדט צו אים, אַפּעלירט צו אים. איך בין זיכער אין דעם, אז אזא רעדן האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט גערעדט. מיט בלוט און מיט פייער האָב איך גערעדט. געווען איז דעמאָלט ביים יאַפּאַנישן קאָנסול שלמקע זוסמאַן פון וואַרשע, א באַוווסטער כלל־טוער און שול־טוער. ער האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט די סצענע. שפּעטער, ווען זוסמאַן האָט מיך באַגעגנט אין האָטעל, האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן: „שטיינער האָבן געדאַרפט וויינען, ווען איר האָט גערעדט מיטן קאָנסול...”

אָבער דער קאָנסול האָט נישט געוויינט. איך האָב אויך נישט גע־וויינט. די באָבעס און די מאַמעס מיינע האָבן מיר נישט איבערגעלאָזט אין ירושה זייערע טייערע טרערן. איך האָב געדאַרפט און געמוזט וויינען.

דער טערק האָט מיך פּשוט אויסגעלאַכט מיט מיינע פּאַפּירלעך. דער יאַ־פּאַנער האָט איין פראַזע פאַר מיר: „איר וועט נישט פאָרן!" טאָ וואָס זאָל איך דאָ טון אין דער גרויסער מאָסקווע? אין אזא גרויסן פראָסט? דער טייך איז פארפרוירן, מען קאָן זיך נישט דערטרינקען. איך בין דאָ א פרעמ־דער. פאַר עטלעכע טעג קעסט האָט דער „דזשוינט" איינגעצאָלט פאַר מיר אין דעם לוקסוס־האָטעל און שפּעטער בלייב איך אויף דער גאַס. איך בין דאָ א פרעמדער און נאָך ערגער ווי א פרעמדער. עמעצער האָט אויסגע־טראַכט און א סך עמעצנס האָבן איבערגעחזרט, אז איך בין א שונא פון פּראָלעטאַריאַט, און מאָסקווע איז די הויפּט־שטאָט פון פּראָלעטאַריאַט. קיין פריינט האָב איך דאָ נישט, שונאים וועל איך זיך שוין געפינען. דער יאַפּאַנער... דער יאַפּאַנישער קאָנסול — וואָס איז ער, קיין מענטש נישט? ער פארשטייט נישט, אז איך גיי אונטער? איך האָב זיך אין אים איינגע־געסן. איך האָב גערעדט וועגן דעם אומגליק פון אונדזער פאָלק, גערעדט וועגן אלע אומגליקן. איך האָב אים דערציילט, אז איך בין א דיכטער, אז מיינס א ביכל איז איבערזעצט אין יאַפּאַניש און איך אליין האָב איבער־זעצט זייערס א ליד אין יידיש און גלייך דאָס ליד געלייענט פאַר אים. צוויי ווערטער האָט ער פארשטאַנען: „סוּאָנאַ"... דאָס איז א נאָמען פון א יאַפּאַנישער פּראָווינץ און „קימאָנאַ"... די צוויי ווערטער האָט ער פאַר־שטאַנען, אָבער נאָך עפּעס האָט ער אויך פארשטאַנען, אז עס איז מיר זייער נישט גוט אויפן הארצן. איך קאָן זיך באַרימען, אז איך האָב דעם יאַפּאַנער צעבראָכן, קיין וויזע האָט ער מיר נישט געגעבן, נאָר פיר, אָדער פינף שעה, האָט ער זיך מיט מיר פארנומען. ער איז געלאָפן זיך מיישב זיין מיט זיינע חברים, ער האָט טעלעפאָנירט צום אמבאַסאַדאָר אליין... עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

איצט האָט ער שוין נישט געזאָגט: „איר וועט נישט פאָרן". איצט איז שוין געווען אן אנדערע פראַזע: „דאָס געזעץ דערלויבט נישט". ער האָט פאַר מיר דערציילט, אז מיט א טאָג פאַר מיין קומען איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער מין פון דער דערלויבעניש, וואָס איך האָב געהאַט. איך בין אוועק פון דאָרט ווי א פארמשפּטער. דער קאָנסול האָט מיר כסדר געדריקט די האַנט און מיט א זיפצעניש גערעדט: „דאָס געזעץ, דאָס געזעץ"...

אין האָטעל האָב איך פאַר פריינט דערציילט פון מיין אומגליק. איך

קאָן ווייטער נישט פאָרן, ווייל איך האָב בייביידע קאָנסולן קיין וויזע נישט באַקומען. געווען איז מיט אונדז דער שריפטשטעלער טרונק, געווען דובנאוו־ערליך, זיי האָבן מיטגעפילט און וואָס מער האָבן זיי געקאָנט? אָבער ראָזאָווסקי פון קאָוונע, דער דירעקטאָר פון „האיאס", ער איז אויך געווען אין מאָסקווע, ער איז געפאָרן קיין אמעריקע, דער דאָזיקער מענטשן־טרייסטער און אָפּטימיסט, ער האָט צו מיר געזאָגט:

— איך קען דעם טערקישן קאָנסול, מיר וועלן ניין אינדערפרי פאָרן צו אים. איך רעכן, אז איר וועט באַקומען די וויזע.

דאָס זענען געווען טרייסט־ווערטער און אלץ איינס: די נאכט האָב איך נישט געשלאָפן... געוואלד! וואָס וועט דאָ זיין מיט מיר? אזעלכע נעכט קאָנען א מענטשן משוגע מאכן און זאָל זיך דער בטלן נישט וווּנדערן, ווען איינער דערציילט וועגן אזעלכע פערזענלעכע קלייניקייטן. איינער דערציילט, און טויזנטער, טויזנטער פּליטים האָבן דאָס דורכגעלעבט. די נערוון און די נשמות זענען פון די דאָזיקע קלייניקייטן צעריסן געוואָרן, מענטש איז פון דעם צעטראָטן געוואָרן ביז שפּלדיקייט. זאָל דער בטלן זיך נישט וווּנדערן, די וויזע־יסורים וועלן אויך ערגעץ פארשריבן ווערן.

דערוואַרט זיך דעם פרימאָרגן. ראָזאָווסקי איז שוין אונטן, אין פּאָיע פון האָטעל. ער שטייט און רעדט מיט באַקאַנטע. צווישן זיי א בלאָנד מיידל, אָבער זייער א שיינע. זי לאַכט און דאָס געלעכטער קלינגט פריילעך אָפּ, זי שמייכלט, זי צאַפּלט. עס פאלט מיר איין א געדאנק. איך גיי שנעל צו צו ראָזאָווסקין און רוף אים אָפּ:

— ראָזאָווסקי, זי וועט מיך ראַטעווען...

— ווער?

— די בלאָנדע, ווער איז זי?

— א ווילנערין איז זי, א באַלעבאַטיש מיידל. יאָ, אָבער ווי וועט זי אייך ראַטעווען?

— זאָל זי מיטפאָרן מיט אונדז צום טערקישן קאָנסול, זי לאַכט אַזוי שיין, זי וועט אויסלאַכן, אָדער אויסשמייכלען פאר מיר... א וויזע.

— וואָס פאלט אייך איין?

— ראָזאָווסקי, זי וועט מיך ראַטעווען...

ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן. איצט האָט ער גענומען איינרעדן דעם מיידל. יענע האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם, זי באַדאַרף אַליין גלייך פאָרן צום אַמעריקאַנער קאָנסול, זי באַדאַרף היינט באַקומען אַ וויזע קיין אַמעריקע. בין איך צו איר צוגעגאַנגען נענטער און געבעטן:

— פריילין! עס גייט אין מיין לעבן. פּרוּווט! אין גאַנצן איז דאָס אַ פּראַגע פון צען מינוט, מיר נעמען שוין אַ טאַקסי און מיר פאָרן.

אַז מען איז יונג און שיין, אַז מען קאָן אַזוי פיין שמייכלען, קאָן מען אויך טון אַ מענטשן אַ טובה... זי איז געפאָרן. אין טאַקסי האָט עס געצאַפּלט און געלאַכט, אין קאָרידאָר פון קאָנסול האָט זי געלאַכט, אין אויפנאַם־צימער איז זי אַריינגעלאָפן די ערשטע, נאָך איידער איך מיט ראַזאָווסקין האָבן אויסגעטון די שווערע קאַלאָשן.

— מסיע קאָנסול! באָן־זשור!

אויסגעזען האָט עס, אַז זי קען אים פון אַ גאַנץ לעבן.

דער קאָנסול אַליין אַ הויכער, אַ שלאַנקער, צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי מיין רעטערין, האָט געקוקט אויף איר מיט איבעראַראַשונג און אַנט־ציקונג און זי איז ווי אַ מיל:

— מסיע קאָנסול! גיב דעם מסיע סעגאַלאָוויטש אַ וויזע און שוין, גלייך, וווּ איז דער בלאַנקעט? ווּ איז דער שטעמפּל?

דער קאָנסול רעאַגירט מיט זיין אַרגומענט:

— דער מסיע סעגאַלאָוויטש האָט דאָך נישט קיין ערנסטן דאָקו־מענט...

— אָבער אַ האַרץ האָט ער, אַ נשמה האָט ער, אויגן האָט ער... וואָס? די וועלט וועט אונטערגיין, ווען ער וועט דורכפאָרן טראַנזיט טערקיי און קומען קיין פּאַלעסטינע?

זי האָט געשמייכלט און פאַרשמייכלט דעם גרויסן קאַבינעט און מינוטן האָט עס געדוישט און פון הימל איז עס מיר אַראָפּגעפאַלן... אין צען רגעס שפּעטער בין איך ווידער געזעסן אין אַ טאַקסי און געלאָפן אין האָטעל, אָבער שוין מיט אַ וויזע, מיט אַ וויזע, מיט אַ טערקישע וויזע... דאָס בלאָנדע מיידל פון ווילנע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, זי איז געלאָפן

צו איר קאָנסול, צום אמעריקאנער. איך בין געפאָרן מיט ראָזאָווסקין. ביידע האָבן מיר געלאכט ווי קינדער...

— נו, ווער איז בעסער? דער טערק, צי דער יאפּאנער?...

— דער צופאל איז בעסער... דער צופאל, דער צופאל...

אין דעם זעלבן אָוונט בין איך שוין געזעסן אין א שנעלצוג און אויף שנעל-שנעל געפאָרן קיין אָדעס... אין אָדעס וועט מען ארויף אויף א שיף און קומען קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל...

האָבן עס די רעדער פון שנעל-צוג כסדר אויסגעקלאפּט קאָנ-סטאנ-טי-נאָ-פּאָל...

געפאָרן בין איך אין אינטערנאציאָנאלן וואגאָן, פון יענע גוטע פול-מאן-וואגאָנעס מיט אלע, מיט אלע באקוועמלעכקייטן און איך בין זיך מודה: פון אלע אינטערנאציאָנאלן האָב איך ליב דעם אינטערנאציאָנאלן וואגאָן... איך האָב זיך געפרייט ווי א קינד. איך האָב געהאט הנאה פון דער גאנצער ארומיקייט און אויך געהאט הנאה פון דעם געדאנק, אז איך בין נאָך מסוגל זיך צו פרייען מיט עפּעס. אין דער רגע האָט זיך מיר אויס-געדאכט, אז די וועלט האָט עפּעס א חרטה בנוגע צו מיר, די וועלט האָט זיך ארומגעזען, אז איך בין שוין צופיל אויסגעמאטערט און מען דארף מיר געבן די מעגלעכקייט אביסל צו זיך צו קומען... דערפאר אזא באקווע-מער וואגאָן, דערפאר די העלע לאָמפּן, דערפאר דאָס פאָרן קיין קאָנסטאנ-טינאָפּאָל. איך האָב זיך געפילט ווי א יחסן, וועמען מען האָט צוריק אָפּ-געגעבן זיינע פּריווילעגיעס...

בעת איך בין אריין אין מיין קופּע, איז דאָרט געווען גענוג טונקל. איך האָב זיך נישט באוויזן ארומצוקוקן, האָב איך שוין דערהערט א קול, א פרויען-קול:

— חבר! איך האָב צו אייך א בקשה...

— ביטע, וועלכע בקשה?

— דער פּלאַץ מיינער צום שלאָפן פאלט אויס אויבן און איך בין א פרוי, מיר איז שווער צו קריכן אזוי הויך. איך בין אין אזא אומשטאנד.

זי איז געווען א שוואנגערע פרוי.

איך האָב, פארשטייט זיך, גלייך איר אָפּגעטראָטן מיין פּלאַץ און זי האָט נישט אויפגעהערט צו דאנקען. א קול האָט זי געהאט א פיינעם.

א, די סלאוון האבן פיינע שטימען. די סלאווישע פרויען — נאך שענערע שטימען און איידלקייט אזוי פיל און הארציקייט עכט־רוסישע.

איך בין באלד אוועק פון דעם קופע, ווייל אין דער צווייטער אפ־טיילונג פון אינטערנאציאנאלן וואגאן האב איך געהאט א גוטן באקאנטן, הילערמאן איז זיין נאמען, ער איז איצט אין תל אביב. דארט מיט אים איז געווען נאך איינער, א לאדזשער יונגערמאן גוראלסקי, די צוויי מעת־לעת, ביז אדעס, האבן מיר פארבראכט צוזאמען, מיין באגאזש איז אויך דא געווען. מיין באגאזש... דאס איז נישט געווען קיין געווענלעכער באַ־גאזש. פעק מיט שפייז זענען דאס געווען. די געשיכטע איז באשטאנען אין דעם: איך האב איינגעצאלט אין דאלארן פאר א באן־בילעט ביז יאפאן, שפעטער האט זיך די גאנצע געשיכטע איבערגעדרייט, איך בין נישט גע־פארן דורך וולאדיוואסטאק, נאר אויף אדעס קיין ארץ ישראל, דער וועג איז א פיל קירצערער, האט דאך „אינטוריסט" באדארפט אויסצאלן מיר דעם דיפערענץ, א סומע פון הונדערט און זעכציק דאלאר. אבער ווער גיט עס צוריק דאלארן? קיינער נישט און „אינטוריסט" אויך נישט. מען האט מיט מיר אונטערהאנדלט און מען איז דורכגעקומען: פאר די הונדערט און זעכציק דאלאר האב איך באקומען שפייז.

נערעכנט האט מען עס מיר אין זייער געזאלצענע פרייזן, אבער דאך... איך האב געהאט אביסל צידה לדרך, איך האב געהאט געבראטענע הינער, קאוויאר, שאקאלאד, וויין, פרוכט, די בעסטע קאנסערוון, איך האב אלץ געהאט. הילערמאן, וועלכער וווינט איצט אין תל אביב רחוב דיזענהאף קאן באשטעטיקן, אז אין זיין קופע האב איך איינגעארדנט מיין וואגאן־רעסטאראן, מען איז צו מיר געגאנגען אויך פון אנדערע וואגאנעס, מען איז געקומען צו מיר עפעס פארזוכן... ביז שפעט אין דער נאכט האבן מיר געפראוועט די סעודה. דערנאך בין איך אוועק שלאפן צו זיך אין קופע. פארזיכטיק בין איך דארט אריין, די פרוי שלאפט דאך. פארזיכטיק ארויפגעקראכן אויף מיין הויכן געלעגער... ווי הארציק זי האט עס געבעטן, איך זאל איר אפטרעטן מיין פלאץ, אזא שטימע, סאמעט, זייד... עך! די רוסן האבן טייערע שטימעס, דאס איז א פאלק פון הארץ און נשמה. ווער איז זי די שכנטע פון מיין קופע, אפשר שטאמט זי פון די אלטע אריסטא־

קראַטן? אפשר פון פּאָלק גופא, פון פּאָלקס־געבענטשטער גוטסקייט און אויפריכטיקייט...

דער צוג האָט זיך געטראָגן אויף די שווארצע רוסישע שטחים... נאַכט, פראָסט און פינסטערניש. אין מיין קופּע איז ווארעם... נאָר עס שלאָפט זיך נישט. עס וויקלט זיך אויף פאר מיינע אויגן די גאנצע פּאנאָ־ראַמע פון די לעצטע זעכצן מלחמה־מאָנאטן, ווארשע שפּרינגט ארויס, פּריינט, קרובים, ווארשע און דאָס אנטלויפן פון ווארשע, לוקאָוו, לובלין, ראָוונע און קאָוונע און איצט? פאַרוואָס ווילט זיך מיר שוין אזוי זיין וואָס גיכער אין טערקיי? איך וואָלט וועלן אָניאָגן דעם צוג, איך וואָלט וועלן לויפן, פליען, אבי וואָס גיכער צו זיין אויף דער צווייטער זייט פון דער גרענעץ. פאַרוואָס אנטלויף איך? רוסלאַנד איז דאָך א טייער לאַנד, רוסלאַנד איז א סך מער, ווי א לאַנד, רוסלאַנד איז א וועלט און א טיפע וועלט, אַן אינטערעסאַנטע, פיל־קאָלירטע וועלט... פאַרוואָס אנטלויף איך ווי א נעיאַגטער, ווי א פאַרברעכער? די פראַגע שטעלט זיך אַוועק פאַר מיר קאַטעגאָריש און ערנסט. האָ! פאַרוואָס אנטלויף איך פון דאַנען? צי האָב איך טאַקע געזינדיקט, צי עמעצער האָט די זינד מיינע אויסגעטראַכט? איך פרעג זיך דאָס אליין פיל מאָל און דערווייל שליידער איך זיך אויף מיין געלעגער. די רעדער קלאַפּן, אָבער דער וואַגאָן מיינער, דער באַקוועמ־לעכער בורזשוואַזנער וואַגאָן שלאָפט רואיק, איך פיל אין מיין שלאָפלאָ־זיקייט, אז אלע שלאָפן, מיין שכנטע שלאָפט אויך. איך דערמאָן זיך ווידער איר סאַמעטן קול, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך טראַכט, אז זי הייסט באַשטימט יעליזאַוועטאַ פּיעטראָוונאַ...

יאָ, אָבער פאַרוואָס אנטלויף איך פון דעם לאַנד? איך זוך אויס אלע מיינע זינד און פיל זיך נישט זינדיק. איך ווייס איינס, אז אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך געטראַכט צו זיין א נוצלעכער מענטש. איך וואָלט אויך דאָ געקאָנט זיין מיט עפּעס נוצלעך. פאַרוואָס אנטלויף איך? קיין סך כוחות האָב איך נישט, אָבער וויפל זיי זענען פאַראַן, האָב איך דאָך זיי געקאָנט אוועקגעבן פאַר א גוטער זאַך... זענען דאָך איצטער פאַראַן אין דעם לאַנד הונדערטער טויזנטער פּליטים פון פּוילן. מיינע יידן, אונדזערע יידן, נאָ־ענטע ביז גאָר, זיי וואַלגערן זיך אין די קאַלטע וועלדער, אין די טאַיגעס, זיי ליידן, זיי ליידן, און פאַרוואָס בין איך נישט מיט זיי? איך וואָלט דאָך

געקאָנט לײַדן מיט זיי און טרייסטן? טרייסטן... ניין! איך האָב זיך ־אָס אויסגעלייגט אין א לוקסוס־וואגאָן און איך פאָר קיין טערקיי... איך האָב מיט אלע מיטלען געזוכט און ארויסגעקריגן א וויזע, כדי אוועקצופאָרן פון דאנען... פארוואָס? ווייל איך האָב אמאָל געטראכט, אזוי ווי איך האָב געוואָלט טראכטן, ווייל איך האָב עפּעס געשריבן אזוי, ווי איך האָב גע־וואָלט שרייבן און דערפאר די שלאָפלאָזיקייט... צום סוף בין איך דאָך אביסל איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט, בעת בלייכע ליכט איז שוין געקראָכן אין פענסטער...

מיין שכנטע, די פון אונטערשטן געלעגער, האָט זיך שוין אויך אויפ־געכאַפּט. זי איז, דאכט זיך, אין א גוטער שטימונג, א סימן: זי וויל רעדן.

זי רופט זיך אָן צו מיר:

— טאָווארישטש! ווּהין פאָרט איר? קיין אָדעס?

— נאָך ווייטער...

— וואָס הייסט „ווייטער"? ווּהין „ווייטער"?

— איך פאָר קיין פּאַלעסטינע...

זי איז פּשוט אויפגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ:

— קיין פּאַלעסטינע?

— יאָ...

— איר פארלאָזט דעם סאָוויעטישן פארבאנד און איר פאָרט קיין פּאַלעסטינע... איך פארשטיי נישט, צוליב וואָס איר טוט עס... הא! טרייבן פּאָליטיק איבער די מוסולמענישע לענדער, עקספּלאָטירן די אראבער? הא!

ניין! מיין טייערע... איך פארנעם זיך נישט מיט פּאָליטיק און איך עקספּלאָטיר קיינעם נישט, איך בין א פּליט, איך בין שוין נישט קיין יונ־גערמאן און שוואך אין געזונט בין איך, פאָר איך צו מיינע קרובים קיין ארץ ישראל...

יענע האָט זיך אָבער אונטן געוואָרפן ווי א שלאנג... עד! ווּ איז אהינגעקומען דער סאמעטענער קול? ניין! דאָס איז נישט קיין יעליזא־וועטא פּיעטראָוונא... איך האָב אראָפּגעקוקט פון אויבן און באטראכט מיין שכנטע. דאָס איז געווען אן אונדזעריקע, א גאָלדע גדאליעוונא, א פארביסענע, א שלעכטע, א נישט דערצויגענע. צוויי מעת־לעת זענען מיר געפאָרן אין זעלבן וואגאָן, צוויי מעת־לעת זענען אויף מיר געפאַלן בייזע,

פאַרביטערטע בליקן. בין איך כסדר געלאָפן צו הילערמאַן אין קופּע און געווען איז ער א ווילער יונגערמאַן און ביי אים אין קופּע זענען געלעגן מיינע פּעקלעך שפּייז. מיר האָבן זיך געלאָזט ווילגיין.

אין אָדעס זענען מיר געווען צוויי מעת־לעת. אין אָדעס האָב איך „אָדעס" נישט געפונען. יענע פריילעכע און ליכטיקע שטאָט איז ווי אין ים איינגעזונקען געוואָרן. די גאַסן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער ווי שווערע הויקערס, די מענטשן צעקנייטשט, קיין שמייכל האָב איך נישט געזען. מיר זענען געזעסן אין א זאַטן, רייכן האָטעל, אָבער איך האָב זיך עטלעכע מאָל ארויסגעכאַפּט און געלאָפן זוכן „אָדעס". נישט געפונען. איך פאַרשטיי און איך וועל עס שטענדיק פאַרשטיין, ווי מען האָט עס מיר געוואָלט איינרעדן, אז איידער משיח קומט, מוז די וועלט פאַרפינסטערט און פאַרחושכט ווערן... זאָל זיין אַזוי: פינסטער איז שוין גענוג און לאָמיר איצט וואַרטן אויף משיח...

נעבן אונדזער האָטעל האָבן זיך געדרייט יידישע שאַטנס, זיי האָבן געוואָלט מיט אונדז רעדן, אָבער עס איז נישט געווען באַקוועם און סיי ווי, אין רייכן האָטעל האָט מען די דאָזיקע שאַטנס נישט אַריינגעלאָזט. שפּעטער האָבן עטלעכע פון זיי אונדז דאָך געפּאַקט, דאָס איז געווען אין א באַנק, וווּ יעדער איינער פון אונדז האָט באַקומען פאַר רוסיש געלט איין ארץ ישראלדיקן פונט. דאָס איז געווען א שווערע פּראָצעדור. מען האָט געמוזט ווידער שרייבן אויטאָביאָגראַפיעס און פּטרן א סך שעהן.

דאָרט האָבן זיך אַריינגעכאַפּט עטלעכע יידן, געוועזענע מענטשן. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז מיט אן אָנגעשראָקענער נייגעריקייט און געזעדט:

— זע נאָר, זיי פאָרן קיין ארץ ישראל...

— נאָך פאַראַן אן ארץ ישראל...?

— זע נאָר, מענטשן האָבן הצלחה.

פון באַנק בין איך געלאָפן אויף דער באַזאַרנע גאַס. דאָרט ביים נומער דריי אין צוואַנציק האָט ביאַליק געהאַט זיין דרוקעריי און זיין פאַר־לאַג „מוריה", דאָרט ביים נומער דריי און צוואַנציק פלעגן מיר שטענדיק זיך צונויפזאַמלען, זעקס פאַרנאַכט פלעגט ביאַליק ארויסגיין מיט ראַוו־ניצקין פון דרוקעריי. עטלעכע מינוט פלעגן זיי שטיין ביים טויער און

באלד פלעגט עס אויסוואקסן דער זעלבער געזאמל. אָט איז פיכמאַן, אָט איז דער טונקעלער, עפעלבוים, אמאָל אויך פרישמאַן, אָט דאָ ביים טויער פלעגט מען שמועסן וועגן פּאָליטיק און דערציילן וויצן. איצט האָב איך געזען עפּעס א חורבה פון נומער דריי און צוואנציק אויף דער באזארנע... נאָר די טייערע שאָטנס פון דער פארגאנגענהייט האָבן געשוועבט און עפּעס געפרעגט און געוואַרט אויף אן ענטפער...

אַדעס... ווּ איז אונדזער אַדעס?...

דערנאָך איז א שיף געשווּוּמען אויף דעם שווארצן ים און הונדערט מיט פופצן פּליטים געפירט קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל. די שיף איז געווען א ריינע, א באקוועמע און א באלויכטענע. מיט א גוטן בופעט. שווייגנ־דיקע מענטשן האָבן אונדז באדינט און געזאָרגט פאר אונדז. אַלץ איז פיין, אָבער פארוואָס שווייגן אזוי די מאַטראָזן און די קעלנער? עס האָט אויסגעדוכט, אז זיי ווילן וואָס גיכער פּטור ווערן פון אונדז. אויב מיר פאָרן אוועק פון רוסלאנד, זענען מיר ווערטלאָזע נישטיקייטן — אזוי האָט עס אויסגעדוכט.

די שיף האָט זיך געריסן פאָראויס, געסאָפּעט און געשוימט. איך זיץ אויף א באנק, דאָס שוימיקע וואסער שפּריצט אויף מיר. איך שווייג. נאָר אין מיין שווייגן איז פאראן א תפילה: די וועלט איז שוין צו שלעכט, טאָ זאָל פון דער ערד, פון אַלע יבשות ווערן ים, ים און ים און אויף די אַלע ימים זאָלן גיין שיפן. די שיפן זאָלן זיך אין ערגעץ נישט אָפּשטעלן, נאָר שווימען און שווימען, ווייל עס איז נישטאָ פאר אונדז אויסגעליטענע קיין ברעג...

די וועלט איז צו שלעכט געוואָרן...

דערווייל אָבער האָב איך געזען איין שיף, די שיף אויף וועלכער מיר זענען געשווּוּמען איבערן שווארצן ים. געשווּוּמען צום בולגארישן פּאָרט װאַרנא און פון דאָרט קיין טערקיי. די פּאסאזשירן אונדזערע האָבן גערוט, געווען קאָנצענטרירט. יעדער איינער האָט מיטגעפירט זיין ביסל צרות און יעדער איינער האָט געהאט זיינע האָפענונגען. געווען אויך איי־נער א ווארשעווער יונגערמאַן מיט ברייטע פּלייצעס. ער האָט זיך כסדר באקלאָגט, אז ער איז הונגעריק, כאָטש עסן האָט מען אונדז געגעבן פון דאָס בעסטע אויף דער סאָוויעטישער שיף, אָבער דער יונגערמאַן, טראָקא

האָט ער געהייסן, ער איז אוועק צום שיף־דאָקטאָר און זיך באַקלאָגט, אַז ער איז קראַנק, ער האָט נישט קיין אַפּעטיט. האָט דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכל אים פאַרשריבן ספּעציעלע שפּייז: געפּרעגלטע פיש, געבראָטענע הינדלעך, ספּעציעלע קאָמפּאָטן און טראָקא האָט כסדר געגעסן. ער האָט געגעסן דעם מיטאָג, וואָס מיר אַלע האָבן געגעסן און אויך זיין ספּעציעלן מיטאָג. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט קומען קיין ארץ ישראל, וועט ער אַלץ אויפעסן. ער האָט אונדז אַלעמען געוויילט מיט זיין אַפּעטיט...

XIV

# אין תל אביב

אכט אזייגער אינדערפרי איז אונדזער שיף אריין אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָלער פּאָרט. אלע הונדערט און פופצן פּליטים זענען ארויף אין דער הויך. מיר זעען די שטאָט, מיר הערן פון דערווייטן דעם פרימאָרגן גע־רויש. אָט באלד וועט מען אונדז אראָפּלאָזן...

דער זייגער איז אָבער געוואָרן ניין, דער זייגער איז געוואָרן צען, עלף. מיר וואַרטן און מיר דערוואַרטן זיך נישט. אויפן שיף זענען עטלעכע מאָל ארויף טערקישע פּאָליציי־אָפיצירן. זיי האָבן אונדז באטראכט, פון ווייטן באטראכט און צוריק אוועק. האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צוהערן, האָבן מיר אָנגעהויבן אויספרעגן ביי דער דינערשאפט פון שיף. האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מען וויל אונדז צוריק שיקן, פון וואנען מיר זענען גע־קומען. עפּעס האָט אין מיר אויפגעטרייסלט, א פּראָטעסט, צי א פאר־צווייפלונג, שילטן און שרייען האָט זיך געוואָלט, און ווי שטענדיק: מען שרייט נישט און מען שילט נישט, מען שווייגט...

איך האָב אויף דעם פּאָרט נישט געקאָנט קוקן, נישט אויף די הייזער, וואָס האָבן זיך געזען אזוי נאָענט, נישט אויף די מענטשן... איך בין אריבער אויף דער צווייטער זייט פון שיף, דאָרט ווו מען זעט נישט קיין האפן און קיין בנינים, בלויז פאליעס, גרויע, צעשוימטע, קאלטע און בייזע, בייז ווי דער גורל פון פּליט. איך האָב אראָפּגעקוקט אין די פאליעס, טיף אין זיי אריינגעקוקט. זיי האָבן זיך געשליידערט און ביי מיר האָבן זיך שטיקער הארץ געריסן. זיי האָבן געוואָלט זיך אויפהייבן העכער, איבער־שטייגן וועמען האָבן זיי געוואָלט. איבעריאָגן און באזיגן, און איך האָב

געטראכט פון ים־טיפעניש, פון באהאלטן זיך אויף אייביק, אבי נישט אָנ־צוקוקן דעם בייזן מענטש, וואָס טראכט אוים אַלע עינויים פאַרן צוווייטן.

אין דעם איז צו מיר צוגעקומען איינער פון אונדזערע מיטפאָרער, א יונגער חלוץ איז דאָס געווען. זיין נאָמען האָב איך פארגעסן, אָבער דעם גאנצן וועג האָבן מיר זיך געהאלטן צוזאמען, א ווילער יונגערמאן. ער איז צוגעקומען צו מיר מיט א פייערל אין די אויגן:

— איר האָט געהערט, וואָס מען רעדט אויפן שיף...

— יאָ, מען זאָל אונדז צוריק שיקן...

— זאָלן זיי שיקן צוריק, אָבער מיר אַלע האָבן איין זאך צו טון...

— וואָס?

— מיר וועלן שפרינגען אין ים... איר הערט, אין ים וועלן מיר שפרינגען, קיין אנדער ברירה האָבן מיר נישט.

ער האָט עס קאטעגאָריש אויסגעשריען. ער איז אוועק און איך האָב מיט נאָך מער נאָגנדער נייגעריקייט גענומען קוקן אויף דער ענדלאָזער צעבושעוועטער סטיכיע.

„מיר וועלן שפרינגען אין ים"...

און די פאַליעס טאנצן א שדים־טאנץ פון דעם דאָזיקן אָנזאָג. איך אליין האָב זיך אזוי ווי צוגעשמידט צום באריער פון שיף, נישט געקאָנט אוועקגיין פון דעם און נישט געהאט קיין ציל צוליב וואָס אוועקצוגיין... אין דעם איז דער חלוץ ווידער געקומען צו מיר, איצט נישט אליין, מיט א מיידל.

— זי איז מיין כלה. זי וועט אויך שפרינגען. זי האָט איינגעשטימט.

דאָס מיידל האָט געשמייכלט מיט אויסגעקרימטע ליפּן. זיי זענען ביידע גלייך צוריק אוועק. עס האָט אויסגעזען, אז זיי גייען ארום איבערן שיף און אגיטירן אַלעמען: מען זאָל אין ים שפרינגען, אויב מען וועט אונדז צוריקשיקן.

איך אליין... איך בין קיינמאָל קיין העלד נישט געווען און קיינמאָל צו העלדישקייט זיך נישט געריסן. איך בין נישט קיין ריזיקאנט, נאָר איצט, זוען איך האָב געקוקט אויף די מכשפה־פאַליעס, האָב איך שוין געוווּסט, אז איך וועל שפרינגען אין ים אריין. שוין צופיל פארביטערט ווערט א מענטש אין זיינע צרות, און אַלץ איינס, שוין נישטאָ וואָס צו פארלירן...

דער זייגער איז צוויי און דריי, קיינער פון דער חברה האָט גאָרנישט גע־געסן, מען האָט אויפגעהערט צו שמועסן. אַלץ ווייניקער ווערטער זענען ביי אונדז פאַרבליבן. אנדערע האָבן שווייגנדיק שפּאַצירט אהין און צוריק אויפן דעק פון שיף און פון צייט צו צייט אריינגעקוקט אין גרויען ים. דער ים איז, ווי פריער, געווען אומרואיק, נאָר מיר מענטשן מיט קלאַפּנ־דיקע הערצער, מיר זענען פּלוצלינג רואיק געוואָרן. פריילעך רואיק, זינ־גנדיק רואיק. א בשורה איז ווי א ווינטל פאַרביי. מען וועט אונדז אראָפּ־לאָזן. די יידישע כלל־טוער, דער פּוילישער קאָנסול, דער ענגלישער קאָנסול, אַלע האָבן פאַר אונדז געבעטן, און פיר פאַרנאַכט האָט זיך אויפן שיף אָנגעהויבן דער קאָנטראָל פון אונדזערע פּאַפּירן. מען האָט אונדז אראָפּ־געלאָזט גרופּנווייז... מיר זענען אין ים נישט געשפּרונגען, אָבער די פראַזע פון חלוץ „מיר וועלן שפּרינגען אין ים" פאַרפאָלגט מיך נאָך ביז היינט. איך קאָן זיך פון איר נישט באַפרייען...

עס איז שוין נאַכט געווען, ווען מען האָט אונדז אין אויטאָמאָבילן פונאַנדערגעפירט אין פאַרשידענע האָטעלן. העל באַלויכטענע גאַסן, באַוועג־גונג, מענטשן, לעבן... אביסל פריידן האָט זיך אריינגעגנבעט אין האַרצן, באמת, עס האָט זיך געוואָלט וויינען, מען האָט געזאָרגט פאַר אונדז. זאָלן זיי געבענטשט זיין די מענטשן פון ארץ ישראל און פון אמעריקע, די אַלע, וואָס האָבן די דאָזיקע הילף אָרגאַניזירט. און מער פאַר אַלעמען האָט זיך געוואָלט בענטשן דאָס יידישע פאָלק. די נשמה פון פאָלק, וואָס אינספּי־רירט דערצו, אַז מען זאָל העלפן. אָי, ווי בלוטיק נויטיק די הילף איז געווען פאַר אונדז. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז פאַראַן א ייד, בראָט הייסט ער. דער דאָזיקער ייד האָט זיין טאָג און נאַכט אָפּגעגעבן פאַר די פּליטים. וועגן זיין ארבעט דערציילט מען שוין לעגענדעס, וועגן אים דאַרף מען א סך שרייבן. פריער צי שפּעטער וועט עס געטון ווערן. איך האָב אים געזען און גערעדט מיט אים. א מאָדנער ייד: ער טוט כסדר טובות און שרייט כסדר. ער איז דאָס געלאָפן צו די קאָנסולן און צו דער טערקישער פּאָליציי. ער האָט געווירקט מער פאַר אַלעמען. ער האָט אליין געשלעפּט אויף דעם גרויסן לייטער פון דער שיף א זאַק מיט אראַנזשן פאַר אונדז און שאָ־קאָלאַד האָט ער געבראַכט און דערביי האָט ער געשריען אויף אונדז. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז דער ערגסטער מענטש אויף דער וועלט.

דערנאָך זענען זעצן מיר געזעסן אין פיינע האָטעלן, דערנאָך האָט מען אונדז געגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן געדאַרפט און באַרלאָס האָט געזאָרגט פאַר אונדזערע וויזעס קיין ארץ ישראל. עס זענען געפלויגן דעפּעשן קיין ירושלים, עס זענען געגאַנגען טעלעפאָן־שטאַפעטן צום ענגלישן קאָנסול, מען האָט אַלץ געטון פאַר אונדז... ווער זענען מיר דאָס אַזעלכע? יחסנים... אויך מיר יחסנים: פּליטים... אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען מיר געזעסן צוויי וואָכן. אַן אַלטע, גאָר אַלטע שטאָט. דאָ איז פאַראַן וואָס צו באַזוכן און וואָס צו זען. נאָר וואָס מיר פאַרגאַנגענהייט און געשיכטע? איך האָב געוואָלט זען די גאַס, די שפּאַציר־גאַס און האַנדל־וואַנדל גאַס. איך האָב שפּאַצירט און געקוקט אויף מענטשן, וועלכע לויפן און שפּרייזן צו זייערע ענינים, מענטשן, וואָס קויפן אין געוועלבער די נויטיקע קלייניקייטן, און מענטשן, וועלכע זיצן אין קאַפעען און רעסטאָראַנען. איך האָב געקוקט אויף לעבן און געהאַט פון דעם מיין הנאה. שויפענסטער... אַ מחיה צו קוקן אין די שויפענסטער אַריין. העמדער, קראַוואַטן, בגדים, שיך פון אַלע פאַסאָנען, שויפענסטער מיט פרוכט אַלערליי און מיט זיסקייטן אַלערליי. טאַבאַק, פּייקעס, סיגאַרעטן. גאָלד־זאַכן, בריליאַנטן און שפּילצייג פאַר קינדער... וואָס נישט? אַלצדינג פאַר גרויסע און פאַר קליינע, פאַר פרוי און פאַר מאַן. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די פענסטער. איך אַליין, אָן אַ פּיאַסטער אין קעשענע, און ווען איך וואָלט אפילו געהאַט געלט, ווייס איך אויך נישט, צי איך וואָלט עפּעס געקויפט. נישט אין קויפן איז דאָ געגאַנגען. די אויסשטעלונג איז מיר געפעלן געוואָרן, די פרייקייט און פרייהייט פון מענטשן, די בענקשאַפט זיינע, די נייגעריקייט פון זיינע אויגן בעת ער קוקט אין שויפענסטער אויף אַ געגנשטאַנד, וואָס אים געפעלט... ניין! איך בין נישט אַזוי נאַאיוו, איך ווייס, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט מיט צרות און עקספּלאָטאַציע, אַ וועלט פון אָרימקייט, אָבער די דאָזיקע וועלט פון אָרימקייט נויטיקט זיך אין דער אויסשטעלונג, וואָס די גאַס גיט אונדז, די גאַס מיט די רייכע געשעפטן, זיי זאָגן עפּעס צו, די שויפענסטער, זיי רייצן. און מיר דאַכט זיך, אַז די אָרימקייט באַדאַרף דעם דאָזיקן רייץ, די אָנרעגונג. איך האָב דאָך געזען שטעט, וווּ קיין שויפענסטער מיט גלאַנץ און רייכקייט זענען נישט געווען, האָב איך דעם איינ־

דרוק פון דאָרט אוועקגעפירט, אַז דאָרט איז נאָך מער פינסטער ביי די מענטשן אין די נשמות...

צוויי וואָכן, רואיקע צוויי וואָכן. מיר האָבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם אָטעם אָפּגעצויגן און דערנאָך האָבן מיר זיך גערירט אין וועג אריין ווייטער צו דער סירישער גרענעץ. איידער מיר האָבן פאַרלאָזט די שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז שוין אונדזער באַגלייטער ארויסגעפאָרן פריער. ער האָט אונדז געדאַרפט באַגעגענען אין אַדאַנאַ, דאָרט האָט ער אונדז געזאָלט איבערגעבן אונדזערע פּאַספּאָרטן מיט די וויזעס, געלט געבן אונדז און זאָגן א „פאָרט־געזונט!" אָבער ווען מיר זענען געקומען קיין אַדאַנאַ, איז דער שליח נישט געווען... ער האָט פאַרשפּעטיקט, אָדער א טעות איז פאָרגעקומען. מיר, די הונדערט און פופצן פּליטים, זענען פאַרבליבן שטיין אויפן וואָקזאַל, ווי פאַרלאָזענע שעפּסן.. אין א טערקישער שטאָט אויף א ליידיקן וואָקזאַל... ביז א פּאָליציאַנט איז צוגעקומען און א צווייטער פּאָליציאַנט און א טומל איז געוואָרן אין דער גאַנצער פּאָליציי פון דעם שטעטל אַדאַנאַ: וואָס טוען דאָ די פרעמדע מענטשן? ווער זענען זיי? וואָס ווילן זיי?

דערווייל האָט מען אונדז פאַרבעטן אין א צימער, וואָס ביים וואָקזאַל, א גרויס צימער, אָבער אויף די פענסטער אייזערנע גראַטעס. עס האָט אויסגעזען, אַז מיר זענען אַרעסטירט, כאָטש די טיר האָט מען נישט פאַרשלאָסן. שפּעטער איז געקומען דער אינספּעקטאָר פון דער פּאָליציי, דערנאָך דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע. מען האָט זיך ווי עס איז צונויפגערעדט מיט זיי, אביסל אין ענגליש, אביסל אין פראַנצויזיש. מיר האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, פונוואַנען מיר זענען און ווער מיר זענען. זיי, די „נאַטשאַלניקעס" פון שטאָט, האָבן פּשוט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט אונדז. זיי האָבן זיך אויף אַזעלכע אורחים נישט גערעכנט. האָבן זיי געקלונגען קיין אַנקאַראַ און נאָך ערגעץ. געקלונגען און ערשט איינעם ביי־נאַכט איז געקומען צו אונדז דער ראש־הקהל פון אַדאַנאַ. ער איז געקומען מיט א שמייכל אויף די ליפּן, מיט א גוטער בשורה: מען גיט אונדז האָטעלן, באַלד וועלן קומען ספּעציעלע אויטאָמאָבילן, מען וועט אונדז אוועקפירן שלאָפן. די באַציאונג צו אונדז איז געווען פריינדלעכער, מענטשלעך. שפּילט זיך נישט מיט מענטשלעכקייט. זי וועקט זיך אויף אמאָל עפּעס אין א טערקישער שטאָט אַדאַנאַ. איינעם ביינאַכט, און זי, די מענטשלעכ־

קיים, באוויזט ווונדער. דערווייל האָבן זיך א טייל פון די פּליטים צע־קריגט און טאקע צוליב די האָטעלן. יעדער איינער האָט געוואָלט א בע־סערן געלעגער. האָט מען זיך געקריגט אויף דער גאס, געזידלט זיך און באליידיקט איינער דעם צווייטן. איך האָב שוין נישט געקאָנט אויסהאלטן. איך בין צוגעגאנגען צו זיי:

— חברים! לאָזט שלאָפן די טערקן, זיי באהאנדלען דאָך אונדז אזוי פיין. חברים! צוליב וואָס רייסט מען זיך? איר האָט שוין פארגעסן דעם וועג אונדזערן, די פערד־שטאלן און די חזירים־שטאלן, וווּ מיר אלע זענען געשלאָפן. חברים! דערמאָנט זיך אָן קאָנסטאנטינאָפּאָל, בעת מען האָט שעהן לאנג נישט אראָפּגעלאָזט פון שיף, דערמאָנט זיך, מיר האָבן געוואָלט אין ים שפּרינגען... חברים!

עס איז שטיל געוואָרן. זיי האָבן זיך פארשעמט און מען איז אוועק שלאָפן...

דערנאָך בין איך געלעגן אין א באקוועם בעט, ארום איז אלץ רואיק געווען. ארום, אָבער נישט אין דעם קליינעם הארץ פון א פאריאָגטן מענטש. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טראכטן. דער גאנצער וועג מיינער איז דורכגעגאנגען פאר מיר. איך האָב געיאָגט פון זיך אלץ, וואָס לאָזט נישט שלאָפן, אָבער דער „אלץ" איז שטארקער געווען פארן שלאָף, פאר דער מויטלעכער מידקייט, מיט וועלכער איך בין אריינגעגאנגען אין דעם האָטעל־צימער. ווו בין איך דאָ? ווי הייסט די שטאָט? אדאנא. ווי קום איך דאָ? וואָס פאר א געשעפטן האָב איך מיט די טערקן און מיט זייערע שטעט? איך האָב דאָך געהאט גאָר אנדערע שטעט, ווו איז מיין ביאליס־טאָק? מיין זאבלודאווע? מיין קאזשימיעזש? מיין לאָדזש און מיין ווארשע? עס הייבן זיך אויף די גאסן ווי א פאטאמאָרגאנא, געשטאלטן פון קרובים און פריינט און איך בין גאָר אין אדאנא... און זאָל נישט זיין אדאנא, נאָר דער מארס. איבער די הימלען און אונטער דער ערד, צי קאָן איך די גע־שטאלטן פארגעסן, צי וועל איך זיי פארגעסן? מיין לעבן און מיין ארבעט אין ווארשע, דאָס האָט דאָך מיך פארשלונגען... איך האָב זיך געלאָזן טראכטן וועגן ווארשע און ביז באגינען...

אין אדאנא זענען מיר געזעסן זיבן טעג. מען האָט אונדז נישט פארלאָזט: פון קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט מען ארויסגעשיקט צו אונדז ספּע־

ציעלע שליחים. געזעלשאפטן האָבן געארבעט, טעלעגראַף און טעלעפאָן האָט געארבעט פאר אונדז און אין אַדאנאַ גופא האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע צענדליק יידישע משפּחות, נישט מיר האָבן זיי געזוכט, זיי האָבן אונדז אויסגעפונען, אַ פּערסישע משפּחה, אַ האָלענדישע משפּחה און אַ פּוילישע, אַ בוכארער משפּחה און נאָך עפּעס יידן. ווי פון דער לבנה זענען זיי צו אונדז אראָפּגעשפּרונגען און געבראַכט פריינדשאפט, זיי האָבן אונדז געוואָלט געבן געלט, מיר האָבן זיי באדאנקט און נישט גענומען, מיר באַ־דארפן נישט קיין געלט, האָט מען צו אונדז אין די האָטעלן געשיקט די בעסטע שפּייזן און זיסקייטן, מען האָט אונדז צו גאסט גערופן און סעודות פאר אונדז געמאכט...

דערנאָך איז מען געפאָרן קיין סיריע. קיין אַלעפּא זענען מיר געקו־מען אין אָוונט, אָבער אַ גרויסער האָטעל פאר אונדז איז שוין גרייט געווען. עפּעס אַן אַלטער, אָריענטאַלישער האָטעל מיט גאָר אַ הויכן סופיט און די ווענט פון אינדערהויך ביז צו דער ערד אויסגעהאנגען מיט טעפּיכער, אַ מאָדנע אַלטמאָדישע באַלויכטונג, נידעריקע בענקלעך צום זיצן. איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז צום אָנהייב האָט עס אונדז אויסגעזען, ווי אַ קאַפּיטל פון „שעכערעזאדע" און ווער גרייט דאָס אַלץ צו פאר אונדז און מיט וואָס האָבן מיר עס פאַרדינט? באמת, מען קאָן ביי אַזעלכע באַדינגונגען אריינפאַלן אין נארישקייט און אָנהייבן האַלטן פון זיך, אַזוי ווי יחסנים האַלטן פון זיך, דאָך אין דער אמתן זענען מיר דאָך קעסט־קינדער ביי דער יידישער אָרגאניזירטער גוטהארציקייט. מיר האָבן אַלץ פארלוירן. העלפט מען אונדז אביסל — זאָל גאָט באצאָלן. פון אַלעפּאָ קיין ביירוט. פאָרן אויג איז אַלץ ניי. עקזאָטיש, נאָר דאָ זיצן מיר אין אַ יידישן האָטעל, דער האָטעל האָט אַ כשרן רעסטאָראַן מיט עכט יידישע שפּייזן, מען זעט בלויז יידישע פּנימער, מיינט מען אויף אַ רגע, אַז מען איז אין דער היים. אָבער „היים" גיט אַ בלוטיקן שניט אין האַרצן, רייסט מען אָפּ די אויגן פון טיש און פון אַלע די, וואָס זיצן ביים טיש. פון פענסטער זעט מען דעם ים, אַ ווייטער און אַ גרויסער, מיט זון באַ־לויכטן, ווילט זיך דעמאָלט טראַכטן פון די גליקלעכע ווייטקייטן, ווילט זיך ערגעץ אַנטלויפן און אויף אַן אמת אָפּרוען — מען איז מויטלעך אויסגעמאַטערט.

אין די לעצטע טעג פון דער לאַנגער רייזע האָבן מיר זיך אויף אַן אמת אַלע געפילט יום־טובדיק און דער יום־טוב איז געקומען נישט צוליב די נייע לענדער, וואָס מיר האָבן געזען, נישט צוליב די גראַניט־בערג אין אַנאַטאָליע, נישט צוליב דעם לבנון. דעם יום־טוב האָבן געגעבן די מענטשן, יענע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אונדז, די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט אונדזער מאַרשרוט. פעדים האָבן זיך געצויגן פון אַמעריקאַנער „דזשוינט" און פון ירושלים, פעדים יידישע, פעדים גאָלדענע און די מענטשלעכע פעדים האָבן אונדז מיט אַלע אונדזערע פּיין־באַלאַסטן אַרויס־געשלעפּט פון אָפּגרונט. מיט אַמאָל האָט עס אויסגעזען מיסטיש צו זיין די גאַנצע געשיכטע, עמעצער גרייט צו פאַר אונדז שיפן מיט באַנען, האָטעלן און פּענסיאָנאַטן, עמעצער צאָלט פאַר אונדזער עסן און טרינקען, עמעצער, עמעצער... אָבער רעאַל גענומען: דער „עמעצער" איז דאָס יידישע פאָלק, די שליחים פון פאָלק, וועלכע זוכן אויס די קרבנות און העלפן זיי, ווי ווייט מען קאָן העלפן. אמת, נישט אַלץ איז געטון געוואָרן, עס זענען געווען פּרעטענזיעס און וויפל מאָל געראַכטע, אָבער יעדער פון אונדז, וואָס איז געהאָלפן און געראַטעוועט געוואָרן, מוז דאַנקבאַר זיין. די דאַנקבאַרקייט גייט נישט צו דעם אָדער יענעם שליח, צו דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע, נאָר צום שורש, צו דער מענטאַליטעט פון אַ געפּלאָגט פאָלק, וואָס איז דאָך פאַרבליבן נאָך אַלע וואַנדלונגען מיט נשמה און אחריות. אָט די פאָלקס־אחריות האָבן מיר יעדער איינער געפילט אין אונדזער וועג, דאָס איז אונדזער גרעסטער פאַרמעגן: פאָלקס־אחריות...

אין אַ ליכטיקן טאָג, אין אָנפאַנג מערץ, קאָנטראָלירט מען אונדזערע האַלב־צעפליקטע און געדיכט פאַרשטעמפּלטע פּעסער. פּאָליציי איז אומעטום די זעלבע. דער עיקר: אומהעפלעכקייט...

אָבער זון האָט באַגאָסן די וועלט, אַזוי פיל ליכטיקייט פון סיריע ביז חיפה. מען פירט אונדז, מען זעצט אונדז אַריין אין אויטאָבוסן און מען זעצט אונדז אַרויס. דערנאָך חיפה, אַ גרויסע געביידע ביים פּאָרט, דאָ איז דער לעצטער קאָנטראָל און דאָ איז מען אונדז מכבד מיט אַ פּאָרציע אַנטי־טיפוס. אין טומל און געדראַנג דערהער איך מיין נאָמען. עס שטייט פאַר מיר אַ יונגערמאַן מיט אַ טאַץ, אויף דעם טאַץ אַ גלאָז קאַווע מיט קוכן. דער יונגערמאַן האָט זיין קאַפע־הויז ביים פּאָרט, האָט ער געזען,

ווי איך בין ארויס פון אויטאָבוס, איז ער געלאָפן מיך טראַקטירן, ווייל ער איז אַליין פון מאַגעלניצע, וואָס נעבן ווארשע, און דאָרט פלעג איך קומען מיט מיינע פאַרלעזונגען. א טייערער יונגערמאַן, טייערע קאָווע און א טייערע מאַגעלניצע געווען.

איך האָב זיך געריסן קיין תל־אביב און אין חיפה נישט געקאָנט איינזיצן, האָט מען מיר מיטגעגעבן אן אָפיציעלן שליח, יענער זאָל מיך צושטעלן אויף אָן אָרט. דער אָפיציעלער שליח איז מיט מיר די גאַנצע צייט געווען זייער אָפיציעל. אין תל־אביב האָט ער מיך געבראַכט אין א ביליקן האָטעל און ביים אריינגיין אין שאָקלענדיקן חדר, האָט ער אויף דעם טיש אוועקגעלייגט פיר גרינע פּאַפּירלעך, פיר פונט, און דערביי האָט ער געזאָגט צו מיר ערנסט און פּאַטעטיש, אָנווייזנדיק אויף די גרינע פּאַפּירלעך:

— נו, איצט שטייט איר שוין אויף אייגענע פיס, זייט געזונט!

ער איז אוועק.

איך בין פאַרבליבן אַליין. איך האָב כסדר נעקוקט אויף די גרינע פּאַפּירלעך און כסדר געטראַכט:

— פיר פונט און איך שטיי שוין אויף אייגענע פיס. פיר פונט, צו צוויי פונט פאַר א פוס, אין היינטיקן יקרות זענען אפילו קעלבערשע פיס נישט ביליגער. אָבער מיך האָט נישט געקרענקט דער פּרייז פון די פיס, דער אָפיציעלער טאָן האָט פאַרדראָסן און באַליידיקט, זאָל דאָס גיין...

איך בין שפּעטער ארויסגעגאַנגען פון מיין צימער און זיך געלאָזן גיין אויף תל־אביבער גאַסן. אָט איז א גאַס „נחלת־בנימין", א גאַס „רמב"ם", א מאַרק־גאַס „כרמל" און א גאַס א יחסן, א גרויסע און א ברייטע: „אַלענבי גאַס". און נאָך גאַסן... די אַלע גאַסן צוזאַמען זענען יידישע גאַסן, ווייל תל־אביב איז א יידישע שטאָט פון איר ערשטן און לעצטן שטיין און ציגל, דאָס פּאַרכאַפּט די נשמה און דאָס צווינגט צו טראַכטן. מיין ערשטן איינזאַמען שפּאַציר אויף די תל־אביבער גאַסן וועל איך נישט פאַרגעסן, ער האָט זיך מיר אריינגעזונגען אין דער נשמה אויף שטענדיק. די שטאָט תל־אביב איז נאָך נישט קאָלאָסאַל גרויס, נאָר זי האָט עפּעס אין זיך פון א מיליאָנען־שטאָט, דער עולם איז דאָ געקומען צו זיך, נאָר געבראַכט האָט ער אהער די גרויסע וועלט, שלעכט צי גוט,

דאָס איז אַן אַנדער פראַגע, ער האָט דאָ געבראַכט „אייראָפּא" און צי וועט פון זיין „אייראָפּא" דאָ ווערן „אַזיע", אָדער פאַרקערט? א ים מיט זון האָט מיך פאַרנומען אין יענעם טאָג, דערנאָך בין איך אַוועק צום ים. איך האָב לאַנג אַריינגעקוקט אין זיין אומרואיקן שפּיגל. און שטענדיק ווען איך קוק אויף דעם ים, דאָ אין תל־אביב, זוך איך איינס: איך וויל דער־קענען, צי זיי האָבן שוין באַקומען דעם יידישן קנייטש, די פּאַליעס. עס גייט מיר אין לאַנדשאַפט, איך וויל, אַז אין דעם עכט־יידישן תל־אביב זאָל אויך דער ים יידישלעך ווערן... ווי קאָן עס אַנדערש זיין? אויף דער וועלט באַדאַרף און מוז זיין סטיל, בעט איך דעריבער ביי די כוואַליעס פון מיטללענדישן ים, זיי זאָלן זיך אביסל געשטאַלטן יידישלעך.

תל־אביב איז דער שטאַרקסטער. אויסגעהאַלטענער יידישער עקזאַ־מען, א שטאָט א גרויסע איז אויסגעוואַקסן אויף זאַמד, א שטאָט א גרויסע מיט דיסציפּלין, מיט אָרדענונג. איך וויל דאָ נישט אַריינפאַלן אין פראַזן, אָבער איינס וויל איך זאָגן: דער פאַרנעם פון תל־אביב, דער „צפון" מיט די גרינע צירונג, דער ים מיט זיין מאַסיוון בולוואַר, אַלץ איז דאָ פאַר מיר א יום־טוב, א שטאָלצער יום־טוב.

פאַר א קינסטלער, פאַר א מאָלער, פאַר יעדן שרייבער אין ארץ ישראל אַן אוצר, א קוואַל, וווּ מען קאָן אייביק שעפּן, אייביק אויסגעפינען ווּנדערבאַרע טעמעס פון ייד, מענטש, לאַנד און לענדער. עס איז נענוג צוצוגיין צום ערשטן בעסטן יידן, אַלץ איינס אין שטאָט, צי אין קיבוץ, צום ערשטן צוגיין און פרעגן:

— ווי אַזוי ביסטו אהער געקומען?

און איר דערהערט מעשיות פון וועלכע עס ווערט קאַלט און וואַרעם. ארץ ישראל איז א דיקער פאַליאַנט, וואָס נעמט אַריין אין זיך די געשיכטע פון אונדזער ווילדן דור. די געשיכטע פון א סך דורות. רעדט מיט די מענטשן, האָט איר פאַר זיך אונדזערע אַלע פּיינען, אַלע מוזעאומס פון יסורים, אַלע קולטורן האָבן די מענטשן פאַרזוכט און אויך אַלע קולטור־לאָזיקייטן, וואָס מענטש־חיה טראַכט אויס פאַר זיין גלייכן. זיי, די אַלע יידן פון דאַנען, זענען פאַרשידנאַרטיק, אָבער איינס ווייסן זיי אַלע: די וועלט איז שלעכט, די וועלט האָט שלעכטע, פאַרגיפטעטע ציינער און ווער עס איז שוואַכער, פון דעם רייסט מען שטיקער, פון די דאָזיקע ווילדע

ציינער איז מען אהער אנטלאָפן. אָבער איך וויל דאָ רעדן פון דער זייט בלויז, דאָ ווײַבלט און שווײַבלט מיט אָריגינעלע טיפּן, טויזנטער לעבנס־געשיכטעס ווערן נישט פארצייכנט און אָפטמאָל פייניקט עס מיך, איך בין א שרײַבער, מיין לעבנס־ציל איז: זען, פילן, איבערלעבן און באַשרייבן. פארוואָס טו איך עס נישט?

איך בלייב שטיין א צעטומלטער און איך ענטפער זיך אליין נישט אויף דער פראגע, כאָטש דער ענטפער איז פאראן: כ'בין אנטלאָפן פון א ברענענדיק הויז, איך בין געלאָפן א געיאָגטער און געפּלאָגטער, נישט צו באַשרייבן די מי און די יסורים, וואָס דאָס לויפן האָט אָפּגעקאָסט. וויפל גרענעצן און וויפל שטערונגען, וויפל אָפּגרונטן האָט מען געהאט אין וועג און שפּעטער? ווען דאָס ריין־עגאָאיסטישע איז דערגרייכט גע־וואָרן, האָט מען דערזען, ווי וויסט און ווי ווײַ עס איז: מען האָט דערזען, אז מען זעט גאָרנישט, אז הארץ, געדאנק און בליק זענען פארסמט... איך זע נישט דער וועלטס דערגרייכונגען און איך זע נישט די יידישע דער־גרייכונגען. איך זע בלויז ד' פלאמען, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט רעת מיין אנטלויפן. איך האָב איבערגעלאָזט א ברענענדיה הויז און דאָרט אין יענעם אונטערגעצונדענעם הויז איז געווען פאר מיר דאָס טייערסטע, דאָס בלוטיק־נאָענטסטע. די פלאמען פון דאָרט פארברענען די רעשטלעך פון מיין נשמה...

די ערשטע וואָכן אין תל־אביב און די ערשטע חדשים האָב איך זיך צו אלץ און צו אלעמען דערנענטערט. איך האָב געוואָלט וואָס מער לאנדשאפט פון דאנען ארייננעמען אין דער נשמה. אָבער די נשמה איז איבערגעלאָדן מיט דעם נעכטן, מיט א סביבה, וואָס האָט פארנומען דיין גאנצן לעבנס־וועג. און מיט אמאָל דערוויס איך זיך, אז די דאָזיקע סביבה, אז די גאנצע מיליאָנען־מאסע, דער יידישער מענטשן־ים מיינער, מיט אלע זיינע שטרעבונגען, אלע־אלע זענען זיי איינגעשלאָסן געוואָרן אין די געטאָס, אין די שטיגן, ווי די חיות. דערנאָך קומען די גרויזאמקייטן, וואָס לייגן ארויף א שווארצן צודעק אויף דער זון פון דער וועלט און אויף דער נשמה פון יחיד. ניין און ניין! שוין נישט בלויז די געבענטע טריט, איצט ברענען שוין די רעשטלעך פון דער נשמה. עס האָט זיך גאָר־נישט געענדערט, איך האָב זיך נישט געראַטעוועט. איך בין ארויסגע־

שפּרונגען פון א ברענענדיק הויז מיט די פלאַמען אינאיינעם, זיי ברענען מיך, זיי גליען מיך, די פלאַמען, זיי הערן נישט אויף צו ברענען און נישטאָ אזא מיטל זיי צו פארלעשן...

איך בין אהער נישט געקומען מיט דער געבענטשטער רואיקייט פון א נאָרמאלער צייט, ווען אויג קאָן אלץ אויפנעמען, ווען נשמה קאָן באַאָבאכטן, פילן און מאכן טיפערע אויספירונגען. מיט נסים האָט מען זיך דורכגעפּעקלט איבער שווערע גרענעצן. עס איז מיר געלונגען דורכצוגיין א סך ביטערע קאָנטראָלן, א סך, גאָר א סך סכנות. עס איז מיר געלונגען צו ברענגען אהער א גרויסן קאָנטראַבאנד. נישט גאָלד און נישט בריליאנטן, אָדער וואלוטע האָב איך געשמוגלט אהער, נאָר די טרויעריקע אויגן פון טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן. אויגן איינגעפאלענע, מיט ווייטיק פארטיפטע — זיי האָבן זיך מיר איינגעזינגלט אין דער נשמה און קיינמאָל וועט קיינער שוין די דאָזיקע זיגלען נישט אָפּרייסן... אויגן, אויגן פון צערודערטע מענטשן, וועלכע האָבן אין איין שעה אלץ פארלוירן, אויגן, וועלכע האָבן געזוכט רעטונג פון טויט־געפאר, אויגן פון יאוש, פון וואנזין... אויגן — פארזונקענע שיפן...

# רעגיסטער פון נעמען

## א) פערזאָנען

אינדערמאַן, משה 23, 24, 25, 33.
איינהאָרן, אהרן, 10, 25.
אָריעכאָוו 185, 197, 198.
אש, שלום 10, 14, 172.
אַשעראָוויטש 173.

באַלאַשער 150.
בארלאם 234.
ביאַלאָגאַרסקי 198.
ביאליק 226.
בילסקי 191, 192.
בעק 44, 62.
בעקעלמאן 189, 190, 191, 205, 206, 207, 208.
בראַט 223.

גאָטליב, יהושע ד"ר 8, 10, 31, 36, 44, 45, 47, 64, 79.
גארפינקעל, אדוואָקאט, 150, 156.
גוראלסקי 225.
גלאזמאן, אורי צבי 210, 212, 213, 214.
גרינבוים, יצחק 10.

דובנאָוו־ערליך 222.
דזשיגאן 8.
דימיטראָווסקי, אדוואָקאט 10.

דאסמאן 187, 188, 191.
הילערמאן 225, 228.

וואלך 208.
וואָלקאָוויטש, ש. 45.
וואָלקאָוויטש, פרוי 27, 28.
וואָלף 219.
וואלפאָוויטש 210.

זאנאיסקי, מ. 94.
זארעצקי 205, 206, 207.
זוסמאן, שלמקע 220.
זינגער, בערנארד 8, 10, 39, 64, 182.

זשאָפער, 108.
זשאבאָטינסקי, זאב 10.

טאראסטשאנסקי 205, 206.
טונקעל, יוסף 149, 229.
טורקאָוו, מארק 149.
טרונק, י. 222.

יאושזאָן, ב. (יוסטמאַן) 10, 24, 31, 44, 45, 63, 64, 79.
יאקאָבסאָן 181.
יעבץ, זאב 219.

כילינאָוויטש, ב. 25.

ליגום, יצחק 108, 111, 154, 155, 158, 160, 171, 210, 212, 213, 214.
לעווענשטיין 25.
לעקאך 94.

מאטעס, ד"ר 150, 156.
מינץ 204.
מענדעלע מוכר ספרים 14.

נאַמבערג, ה. ד. 14, 41.
ניימאַן, י. מ. 10, 24, 64, 67.
נינא 197, 198, 200.

סודארסקי, ד"ר 173, 191, 210, 211
סטופניצקי, ש. י. 10, 21, 24, 29, 30, 61, 79.
סמעטאנא (ליטוו. פרעזידענט) 164, 166.
סעגאלסאָן 173.

עטינגאָן 94.
עפּעלבוים 229.
ערליך, ה. 10.

פּאָזנאנסקי 179.
פּראָפּוס, י. י. 8, 21.
פּרילוצקי, נח 10, 24, 47, 64.
פּרץ, י. ל. 14, 144.

פאלעצקאס (ליטוו. פרעזידענט) 166.
פיכמאַן, יעקב 229.
פישביין 84, 85, 86, 87, 94, 95, 97, 99, 100.
פלאקסער, מנחם 25, 26, 27, 28, 31.
פלינקער, דוד 24, 44, 63, 79.
פרישמאַן, דוד 229.

צאַנין, ב. 151, 162, 193.
צייטלין, אהרן 10.
צייטלין, אלחנן 21.
צייטלין, הלל 10.

קאציזנע, אלתר 21.
קארלינסקי, בועז 42.
קוסעוויצקי, מ., חזן, 211.
קיפּנים, מנחם 8.
קליינבוים, משה 10.

ראַבינזאָן, ד"ר 156.
ראווניצקי, י. ח. 226.
ראָזאָווסקי 152, 153, 156, 206, 208, 213, 222, 223, 224.
ראָזמארינאס 153, 168, 169.
רובינשטיין, ראובן 107, 109, 149, 156, 165, 166, 167, 170, 210, 212, 213.
רידז שמיגלי 44, 62.
רייזין, אברהם 14.
ריקלים, א. ל. 10.

שאָכעט 174, 175.
שאָכעטמאַן 171.
שוואלבע, נתן 7, 8, 35, 39, 67.
שומאכער 8.
שווארץ, פּנחס 184.
שיפּער, יצחק ד"ר 10.
שלום עליכם 14.
שעפּנער, ברוך 10, 64, 67, 79, 182, 184.
שערעשעווסקי, רפאל 179, 211.

## ב) שטעט


אדאנא, 235, 236, 237.
אָדעס, 214, 224, 225, 227, 228, 229.
אָטוואָצק, 41, 42, 120.
אלעפּא, 237.
אנקארא, 235.
אָסטראָג, 85, 93.
ארכאנגעלסק, 158.

באראנאָוויטש, 100.
בוענאָס איירעס, 134.
ביאַליסטאָק, 85, 133, 236.
ביירוט, 237.
בענדין, 94.
בריסעל, 149.
בערלין, 164.
בריסק, 85.

דאנציג, 198.
דווינסק, 172.
דעמבלין, 45, 46.

ווארשע, 7, 9, 12, 13, 18, 22 — 26, 28, 29, 32, 33, 35, 37, 40 — 45, 63, 64, 68, 72, 73, 80, 85, 90, 100 — 103, 109, 111, 113, 117, 120, 124, 127, 133, 139, 145, 147, 149, 151, 158, 219, 226, 236.
וואראכטע 158.
ווארנא, 229.
ווילנע, 100, 101, 105, 109, 111, 129, 150, 156, 157, 179, 190, 204, 208, 223.
ווילקאָווישקי, 172.
ווילקאָמיר, 172.
וויערזשבאָלאָווא, 172.
וולאדיוואָסטאָק, 186, 210, 216, 219, 225.

זאבלודאָווע, 236.
זאקאָפּאנע, 158.
זבאָנשין, 125, 126.
זדאָלבונאָווא, 79.
זשילין, 45.

חיפה, 238, 239.

טשיזשעווע, 13.
טשענסטאָכאָוו, 22.

יאנאָווע, 172.
ירושלים, 134, 234, 238.

לאָדזש, 12, 45, 46, 80, 85, 90, 94, 102, 109, 111, 112, 120, 124, 125, 126, 132, 133, 135, 147, 149, 158, 236.
לאָנדאָן, 12, 129.
לובלין, 12, 24, 40, 42, 46, 48, 58, 59, 60, 61, 62, 64, 79, 85, 87, 158, 226.
לוצק, 62, 87, 167.
לוקאָוו, 46, 47, 48, 49, 51, 56,

85, 87, 110, 226.
ליבאווע, 172.
לידע, 100.
לייפּציג, 22.
לעמבערג, 12, 62, 85, 133, 167.

מאַגעלניצע, 239.
מאָסקווע, 20, 95, 97, 190, 210, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 221, 222.
מאָקאָטאָוו, 9.
מיכאלין, 41.
מעדזעשין, 41.
מעזריטש, 168.

ניו־יאָרק, 134, 153.

סאָבאָלעוו, 42.
סאָקאָלניקי, 217.
סארני, 100.
סוואלק, 150.
סטאלינגראד, 208.

פּאניאַני, 163.
פּאָניעוויעזש, 172.
פּאריז, 12, 129, 160.
פּילאַווא, 42.
פּינסק, 64, 79.
פּראָג, 9, 29.
קאָבע, 193, 203, 210, 216, 220.

קאָוונע, 100 — 107, 110, 111, 112, 118, 121, 129 — 135, 140, 147, 149, 150 — 153, 156 — 169, 171, 172, 173, 177, 178, 180, 182, 183, 185, 189, 190, 191, 196, 202, 204, 205, 206, 208, 209, 210, 211, 212, 214, 216, 226.
קאָוועל, 87, 136.
קאזימיעזש, 165, 236.
קאָנסטאנטינאָפּאָל, 224, 229, 231, 233, 234, 235, 236.
קוטנע, 13.
קעלץ, 94.
קראָקע, 12, 185.

ראדזין, 56.
ראָווגע, 77 — 87, 90, 93, 96, 99, 100, 121, 178, 226.
ריגע, 130, 182.
ריעזשיצע, 172.

שאווע, 172.
שוועדער, 41.
שטאָקהאָלם, 130.
שיקאגא, 168.

תל אביב, 151, 181, 206, 225, 231, 239, 240, 241.

### פרעסע שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

**פּנחס שוואַרץ** שרייבט א. נ. „א פאַרלאַג, וואָס דאַרף אונטערשטיצט ווערן פון אַלעמען", וועגן די ערשטע צען בענד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" („קולטור און דערציאונג", ניו־יאָרק, אַפּריל 1947):

1

דער יידישער ישוב אין אַרגענטינע האָט די לעצטע יאָרן באַקומען פליגל. דעם אויבנאָן אין אַרגענטינער יידישן לעבן פאַרנעמען איצטער מיטליאָריקע מענטשן, וואָס האָבן באַקומען א מאָדערנע דערציאונג אין די יידישע פּאַרטייען און אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות. נאָכן חורבן פון פּוילישן יידנטום האָבן זיי די ערשטע גענומען רעאַליזירן דעם סלאָגאַן, אַז מיטן אומקום פון די פּוילישע יידן טאָר יידישקייט און יידישע קולטור נישט פאַרשניטן ווערן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

ווייניק רעדט מען וועגן דעם ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן? פעלט ביי אונדז די מאַטעריעלע באַזע פאַר א ברייטגעפּלאַנטער באַנייאונג פון יידישער קולטור־פאַרזעצונג נאָכן חורבן?

מיר האָבן אַלץ, נאָר ווילן איז נישטאָ, גלויבן איז נישטאָ. בלייבן מיר טאַקע ביים רעדן, כאָטש מיר זענען א ישוב פון מיליאָנען. אָבער דער קליינער אַרגענטינער יידישער ישוב רעדט ווייניק און טוט לעצטנס זייער פיל. שעם זיך, שעם זיך, צוויימיליאָניקע יידישע מדינה ניו־יאָרק!

2

אַרגענטינע איז באַקאַנט מיט איר גוט־צענטראַליזירטער „חברה קדישא", וואָס נעמט אַלץ מער אָן די פאָרעם פון א יידישער קהילה.

אַרגענטינע איז באַקאַנט מיט יידיש־וועלטלעכע שולן אין רחבות־דיקע בנינים, מיט א פאַרצווייגטער יידישער פּרעסע, מיט א לעבעדיקער אָפּטיילונג פון „ייוואָ" — מיט אָן א שיעור גוטע און דערפרייענדיקע זאַכן.

איצט האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבנאָן דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע.

עס איז גראָד געוואָרן א יאָר, ווי דער דאָזיקער פאַרבאַנד האָט נישט אויף קאַטאָוועס פאַרלייגט אָן אַרבעט, וואָס איז ווירקלעך פון היסטאָרישן באַטייט.

די 10 ביכער, וואָס דער דאָזיקער פאַרבאַנד האָט ביז איצטער אַרויסגעגעבן, זענען א סאָלידער פונדאַמענט פאַר א גרויסער אונטערנעמונג, וואָס דאַרף געבענטשט און אונטערשטיצט ווערן דורך יידן אין אַלע עקן וועלט.

עס איז נישט קיין סתם־ביכער. דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע קלייבט זיך נישט צו ווערן סתם א פאַרלעגער. דער אַלגעמיינער נאָמען, אונטער וועלכן די דערמאָנטע 10 ביכער זענען דערשינען, קלערט קלאָר אויף דעם ציל פון ניי־געגרינדעטן פאַרלאַג. דער נאָמען פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק איז: „דאָס פּוילישע יידנטום". דאָס זאָגט אַלץ. עס איז א דענקמאָל, וואָס אַרגענ־

טינע קלייבט זיך צו שטעלן דעם פארשניטענעם פוילישיידישן ישוב.

## 3

די נשמה פון דער אונטערנעמונג איז דער פּאָפּולערער וואַרשעווער יידישער זשורנאַליסט מאַרק טור־קאָוו, וועלכער וווינט לעצטנס אין אַרגענטינע. געצייכטע מענטשן ארום אים העלפן אים ארויס אַקטיוו מיט מעשים (אין דער ערשטער ריי דאַרף דאָ פאַרצייכנט ווערן דער נאָמען פון פאַרלאַגס־פאַרוואַלטער אברהם מיטלבערג).

אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס דער ערשטער פאַל אין יידישן פאַרלאַגס־וועזן, ווען א פאַר־לאַג באַווייזט אַזוי צו אָרגאַניזירן זיין אַרבעט, אַז עס זאָל כמעט יעדן חודש דערשיינען א בוך — א בוך אין פולן זין פון וואָרט.

עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז וויפל האַרץ און נשמה מאַרק טור־קאָוו און זיינע נאָענטסטע מיטהעל־פערס זאָלן נישט האָבן אַריינגע־לייגט אין דער זאַך, וואָלט זיי זייער אונטערנעמונג פונדעסטוועגן נישט געקענט געלינגען, אויב עס וואָלט נישט געשטאַנען הינטער זיי א ברייטע מאַסע פון אָפּנעמערס פון די ביכער. טורקאָווס פאַרדינסט איז, וואָס אים איז געלונגען אויפצורו־דערן די דאָזיקע מאַסע און זי צו מאָביליזירן, זי צו מאַכן אומרו־איק, דורכדרינגען איר מיטן הייליקן באַוווּסטזיין פון פליכט.

אין דער אונטערשטער שורה האָבן מיר דעם דערמאָנטן צענדלינג דערשינענע ביכער און א צווייטן צענדלינג ביכער, וואָס זענען שוין אין דרוק, אין דער צוגרייטונג צום דרוק אָדער אינעם שרייבן.

עס וועלן זיכער קומען היסטאָרי־קער און שאַרפזיניקע אַנאַליטיקערס, וואָס וועלן וואַרשיינלעך אויסגעפי־נען אין די ביז־איצט דערשינענע ביכלעך און ביכער פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום” נישט איין פעלער, נישט איין אומפּינקטלעכ־קייט, נישט איין אומגעלונגענע דע־פיניציע, דורכגעלאָזענע פאַקטן, נע־מען און דאַטעס.

וואָס דאַרף מען גיין ווייט זוכן? איך אליין האָב פאַרנאָטירט אָן א שיעור באַמערקונגען, וואָס איך האָב צו מאַכן צו געוויסע ביכער פון די ערשטע צען, וואָס זענען ביז איצטער דערשינען.

ווי גערעכט די קריטיקערס זאָלן נישט זיין אין זייערע אַלע באַמער־קונגען, האָבן מיר אָבער פאַר זיך אַן אויפטו פון אַזא גרויסן פאַרנעם, אַז כדי נישט שאַטן צו ברענגען דער זאַך, דאַרף יעדעס וואָרט פון קרי־טיק באַזונדערס או במערקזאַם פאָר־מולירט ווערן, געצוימט ווערן און אַרויסגעזאָגט ווערן מיט גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דאָס איז נישט קיין רוף צו פאַר־הוילן עפּעס אָדער עפּעס צו פאַר־זען. דאָס איז בלויז א דערמאָנונג, אַז עס איז בעסער צו זיין א הלל איידער א שמאי. דאָס איז בלויז א דערמאָנונג, אַז אונדזער גייסטיק לעבן און אונדזער נאַציאָנאַלע קול־טור נוויטיקט זיך דיינט מער אין שטימען וואָס דערמוטיקן, ווי אין שטימען וואָס שטראָפן.

ווער עס וועט מיט דער מאָס צוגיין צו די ערשטע 10 ביכער פון אַרגענטינער פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום”, וועט זיך שפּעטער קענען זאָגן, אַז אויך ער האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו א ווירדיקן בנין, וואָס האַלט איצט אין וואַקסן.

## 4

עס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט דורכפירן א קלאַסיפיקאַציע פון די דערשינענע ערשטע 10 ביכער און פון די אַנדערע, וואָס דערשיינען ווייטער.

שווער זיי איינצוטיילן אין מי־נים. און אויב שוין יאָ מאַכן א פרווו פון א קלאַסיפיקאַציע, מוז

מען קומען צום אויספיר, אַז די פאַרלעגערס גייען אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען: 1 — געשיכטלעכע ווערק און מאָנאָגראַפיעס פון שטעט און שטעטלעך; 2 — מעמוארן־ליטעראַטור וועגן פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות; 3 — מעמוארן פון לעבנגעבליבענע יידן וועגן די געטאָס, אויסשעכטונגען און קאָנצענטראַציע־לאַגערן; 4 — יידיש לעבן אין פּוילן נאָכן חורבן.

פון דער לעצטער סעריע זענען ביז איצטער דערשינען דריי ביכער: רייזע־באַשרייבונגען פון ד"ר ה. שאָשקעס („פּוילן 1946", אָקטאָבער 1946, 189 זייטן); רייזע־באַשרייבונגען פון פירער פון די לינקע פּועלי־ציון זרובבל („בארג חורבן", אויגוסט 1946, 200 זייטן) און א בוך פעליעטאָנען, סצענקעס און מאָנאָלאָגן פון מ. נודעלמאַן וועגן לעבן פון די שארית־הפּליטה־יידן אין פּוילן, אין די דייטשישע לאַגערן און עמיגראַציע ("געלעכטער דורך טרערן", יאַנואַר 1947, 238 זייטן).

צום געביט פון אַלגעמיינער מעמוארן־ליטעראַטור דאַרף מען פאַררעכענען די ביכער פון ז. סעגאַלאָוויטש „טלאָמאַצקע 13" (דעצעמבער 1946, 255 זייטן), און פון אלחנן צייטלין „אין א ליטעראַרישער שטוב" (אָקטאָבער 1946, 226 זייטן).

דריי פון די ביז־איצט דערשינענע ביכער געהערן צום מין מעמוארן פון יידן וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אין ערשטן פון זיי — אגב איז דאָס געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן — דערציילט א מיידל, מלכה אָווּשיאַני, וועגן אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איר שטעטל ראַקעוו, אין די אַרומיקע שטעטלעך און אין עטלעכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דאָס בוך הייסט „מלכה אָווּשיאַני דערציילט".

מאַרק טורקאָוו האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס מלכה אָווּשיאַני האָט דערציילט. דאָס בוך האָלט 172 זייטן. עס איז שוין אויספאַרקויפט (דערשינען אין מערץ 1946).

דאָס צווייטע בוך פון דעם מין האָט צו טון מיט טרעבלינקע. דאָס איז טאַקע דער נאָמען פון בוך. עס איז דערשינען אַלס צווייטע אויסגאַבע פון דערמאָנטן אַרגענטינער פאַרלאַג (אַפּריל 1946). עס באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל איז אַן איבערזעצונג פון רוסיש. עס איז א סעריע רייזע־איינדריקן פון באַקאַנטן סאָוועטישן יידישן שרייבער וו. גראָסמאַן, וועלכער האָט באַזוכט טרעבלינקע באַלד נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט פאַרטריבן פון דאָרטן די היטלעריסטן. דער צווייטער טייל באַשטייט פון די דראַמאַטישע דערציילונגען פון וואַרשעווער סטאָלער יענקל ווערניק, וועלכער האָט דורכגעהאַלטן דעם לאַגער, זיך באַטייליקט אין אַן אויפשטאַנד פון די יידישע אַרעסטאַנטן און צום סוף אַנטלאָפן פון דאָרטן. אויך דאָס ביכל (124 זייטן) איז שוין אויספאַרקויפט.

דאָס דריטע בוך פון דעם מין איז געשריבן פון ישראל טאַבאַקסבלאַט. עס הייסט „חורבן לאָדזש" (דערשינען אין אויגוסט 1946, 203 זייטן). עס איז א באַשרייבונג פון 6 שוידערלעכע יאָרן אין לאָדזשער געטאָ און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

פון דער סעריע מאָנאָגראַפיעס איז דערווייל דערשינען איין בוך. עס הייסט „מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו", געשריבן פון א פּועלי־ציוניסטישן טוער פּרץ גראַנאַטשטיין, וועלכער וווינט איצטער אין אַרגענטינע (דערשינען אין יוני 1946), 188 זייטן).

עס איז אונדז באַוווּסט וועגן פאַרשלאַגן, וואָס מאַרק טורקאָוו האָט געמאַכט פאַרשידענע יידישע שרייבער פון פּוילן, וואָס געפינען זיך איצטער אין ניו־יאָרק און אין

שאַנכאַי — פאַרשלאָגן צו שרייבן ביכער און אָפּהאַנדלונגען וועגן די פאַרשידנסטע געביטן פון יידישן לעבן אין פּוילן פאַרן חורבן.

לאָמיר צו דעם אַלעם צוגעבן דאָס בוך וועגן פּרצן — אַ זאַמלונג פון מעמוארן און קריטישע אַרטיקלען פון באַקאַנטן יידישן שריפטשטעלער ה׳ ד. נאָמבערג, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1927. דאָס בוך איז דערשינען סוף מערץ 1946; עס איז געווען דאָס דריטע בוך, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן (עס איז שוין אויספאַרקויפט).

אַרום און אַרום באַקומט זיך אַ סאָלידער, אַ פאַרשידנאַרטיקער אָנהייב פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן אויפטו.

5

יעדעם פון די אויסגערעכנטע ביכער פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. עס ווילט זיך ברענגען ציטאַטן, גרעסערע אויסצוגן. לייַדער, די ראַמען פון איין אַרטיקל זענען צו ענג פאַר אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג איבער יעדן בוך באַזונדער.

דאָס קאָסטבאַרסטע, דאָס וואָגיקסטע צווישן די אַלע אויסגאַבן זענען די דאָקומענטאַלע ווערק — די מעמוארן פון מלכה אָוושיאַני, ישראל טאַבאַקסבלאַט און יענקל ווערניק.

עס וואָלט געווען פאַלש, ווען מען זאָל צוגיין צו די דאָזיקע דריי ביכער ווי צו ליטעראַרישע אויסגאַבעס. עס וואָלט אויך געווען פאַלש, ווען מען זאָל וועלן זען אין די דאָזיקע ביכער פאַרענדיקטע היסטאָרישע ווערק.

די דריי ביכער זענען רויע ציגל און נישט־געהובלטע ברעטער — זיי זענען מאַטעריאַל, זיי זענען רוישטאָף פאַרן קינפטיקן היסטאָריקער. ווי נישט פולקאָם עס איז די אָדער יענע באַשרייבונג פון די יידישע ליידן אין דער אָדער יענער שטאָט, אין דעם אָדער יענעם פירניקונגס־לאַגער, וועט זי צוזאַמען מיט נאָך ענלעכע אויסגאַבעס, וואָס וועלן זיכער נאָך דערשיינען, זיך קעגנזייטיק דערגאַנצן און געבן דעם קינפטיקן היסטאָריקער ד אָ ס פ ו ל ע ב י ל ד.

יענקל ווערניקס מעמוארן זענען שוין געווען אָפּגעדרוקט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן בונדישן פאַרלאַג „אונדזער צייט" נאָך אין יאָר 1944, באַלד נאָך דעם ווי דער אונטערערדישער צ. ק. פון „בונד" אין פּוילן האָט איבערגעשיקט קיין אַמעריקע ווערניקס טאָגבוך, וועלכן ער האָט געשריבן אין אַ וואַרשעווער באַהעלטעניש נאָך דעם, ווי ער איז אַנטלאָפן פון טרעבלינקע אין רעזולטאַט פון העלדישן אויפשטאַנד וואָס ער און נאָך הונדערטער אַנדערע יידישע טרעבלינקע־קדושים האָבן אַדורכגעפירט.

דער אַרגענטינער פאַרלאַג האָט גוט געטון, וואָס ער האָט דאָס דאָזיקע טאָגבוך אַרויסגעגעבן נאָכאַמאָל. יענקל ווערניקס „אַ יאָר אין טרעבלינקע" איז אַ גרויסער היסטאָרישער דאָקומענט — אַ מגילה פון יידישע ליידן און יידישן קאַמף. אַזאַ דאָקומענט דאַרף פאַרשפּרייט ווערן אין די הונדערטער, טויזנטער. עס איז גוט וואָס דער דאָזיקער דאָקומענט איז דורך דעם פאַרלאַג „אונדזער צייט" אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף ענגליש און דורך דער געז. „קולטור איז הילף" אין מעקסיקע אויף שפּאַניש.

„חורבן לאָדזש" איז אַן אויפטרייסלענדיק בוך. דאָס, וואָס עס איז — ווי ווערניקס טאָגבוך — געשריבן דורך אַ מענטשן, וועלכער האָט אַליין מיטגעמאַכט, גיט צו דעם בוך אַן אויסערגעוויינלעכע וואָג. ס׳איז דער ערשטער אויספירלעכער באַריכט פון דעם געטאָ־לעבן פון הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענעם טראַגישן יידישן ישוב אין לאָדזש און אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אוודאי איז עס נישט קיין פּילער באריכט. קיינער קען נישט ארויס פון זיין הויט. אליין א ציוניסטישער טוער, ווידמעט דער מחבר דעם גרעסטן טייל פון זיין בוך דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע גרופּירונגען אין געטאָ. אָבער די דאָזיקע איינזייטיקייט פונעם בוך ווערט קאָמפּענסירט מיט דער געוויסנהאַפטיקער באארבעטונג פון דעם זייער רייכן דאָקומענטן־מאטעריאל און מיט דער אויספירלעכער באלויכטונג פון ווירטשאפטלעכן לעבן אין געטאָ. לאָמיר האָפן, אז ישראל טאַבאקסבלאטס בוך וועגן לאָדזשער געטאָ איז ערשט אַן אָנהייב. זאָלן קומען די אנדערע אנטרונענע לאָדזשער געטאָ־יידן און דערגאנצן דאָס בילד מיט זייערע מעמוארן. זאָלן זיך נעמען צו דער פּעדער די יידישע ארבעטער־טוערס, וואָס געפינען זיך איצטער אין לאָדזש און אין דער עמיגראציע. אָט האָבן מיר אָקאָרשט געזען אַן אויסערגעווענלעך־ווערטפולע אָפּהאנדלונג פון לאָדזשער בונדישן טוער ג. פּאָגעל וועגן דעם היסטאָרישן סטאָלערשטרייק אין לאָדזש אין יאנואר 1941 (זע די נומערן 10 און 11 פון לאָדזשער „דאָס נייע לעבן" פון 3. און 6. פעברואר 1947). עטלעכע אָנגעזעענע יידישע ארבעטער־טוערס, וואָס האָבן איבערגעלעבט די לאָדזשער געטאָ, געפינען זיך איצטער אין עמיגראציע. זאָלן זיי אָנשרייבן אלץ, וואָס זיי ווייסן און געדענקען. צוזאמען מיטן ווערק פון ישראל טאַבאַקסבלאַט וועט עס שאפן דאָס פולע בילד פונעם יידישן לעבן אין דער צווייטער גרעסטער יידן־געטאָ אונטער היטלערן.

צו ישראל טאַבאַקסבלאטס רייך־דאָקומענטירטן בוך וועט אויסקומען נאָך נישט איין מאָל זיך אומצוקערן. עס האָט צווישן אנדערן די מעלה, אז עס איז געשריבן אָן פּייַנגבלעטער, אָן באפּוצונגען. באזונדערס חרפּהדיק איז דאָס בילד פון יידישער קאָלאַבאָראציע מיט דער דייטשישער מאכט. דער לאָדזשער יודנראט, די לאָדזשער יידישע פּאָליציי, די מוסרים, די פאררעטערס — אלץ איז ארויסגעבראכט אינעם דאָזיקן בוך אומברחמנותדיק־דייטלעך.

אפשר וועלן געוויסע יידישע לאקריץ־פּאטריאָטן ווידער האָבן טענות, אז „מיר באשמוצן זיך אליין אין די אויגן פון דער וועלט". זיי וועלן אָבער האָבן א טעות אויב זיי מיינען, אז ווען מיר זאָלן זיך אפילו אנטשליסן צו פארשוויגן געוויסע טרויעריקע עפּיזאָדן פון דער נעשיכטע פון די געטאָס און פאָרשטעלן די גאנצע יידישע געטאָ־עדה אלס א מאסע פון 100 פּראָצענט צדיקים און מארטירערס, וועט אזא געשיכטלעכע פעלשונג פּראקטיש זיך לאָזן דורכפירן. עס זענען פאראן דייטשע ארכיוון, וואָס ווערן איצטער געעפנט. די דאָזיקע ארכיוון רעדן נישט נאָר וועגן יידישער העלדישקייט און יידישע ליידן. זיי דערציילן אויך וועגן פארקויפטע יידישע נשמות און יידישע פאררעטערס. איז דען דעריבער נישט בעסער ווען אייגענע געטאָ־יידן דעקן אויף די וווּנד און גיבן איבער די פאקטן אזוי ווי זיי זענען געוועזן?

א פאָלק, וואָס האָט ארויסגעגעבן די העלדן פון ווארשעווער געטאָ־קאמף, די העלדן פון די אויפשטאנדן אין א ריי לאגערן, די יידישע פּארטיזאנער פון די וועלדער און די געהיימע ווידערשטאנד־אָרגאניזאציעס אין אלע שטעט און שטעטלעך, האָט זיך נישט וואָס צו שעמען, אויב די וועלט וועט וויסן, אז מיר האָבן אויך געהאט א געוויסע צאָל — צום גליק נישט קיין איבעריק־גרויסע — אייגענע פאררעטערס.

## 6

רירנדיק איז דאָס ביכל וועגן די איבערלעבונגען פון דעם יידישן מיידל מלכה אָוושיאַני פון שטעטעלע ראקעוו (קעלצער געגנט).

אין 1939 איז מלכה אָוושיאַני אַלט געווען 13 יאָר. איר פּאָטער איז דאַן געווען אין אַרגענטינע. זי מיט איר מוטער און ברודער זענען געבליבן שטעקן אין היטלערס קלעם. פון אירע פּשוטע, רירנדיקע דערציילונגען באַקומט זיך אַ גרויליק בילד פון אומקום פון גאַנצע יידישע קהילות: ראַקעוו, קעלץ, כמיעלניק, לובלין.

עטלעכע יאָר האָט מלכה געאַרבעט אין דייטשישע אַמוניציע־פאַבריקן. זי האָט שפּעטער עטלעכע מאָל געהאַט אַ „ראַנדעוווּ" מיטן מלאך־המות אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָשוויענטשים און ראַווענסברוק.

איר שלינגט זייטל ביי זייטל און איר פילט זיך שולדיק לגבי דער דאָזיקער מיידל און לגבי די מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן, וואָס איר האָט אַזוי רואיק דאָ געלעבט, געגאַנגען נאָרמאַל יעדן טאָג צו אייער אַרבעט, געגעסן, געשלאָפן, אפילו פאַרבראַכט אויף שמחות, ווען דער מערדער האָט זיי דאָרטן טייל מאָל איינציקווייז און טייל מאָל מאַסנווייז געפירט צו דער עקדה.

מיט אַ מאָל, אין מיטן לייענען, הייבט אָן דאָס האַרץ פריילעכער צו קלאַפּן. אין דער קעל ווערט אייך זאַלציק. עפּעס ווי אַ שטיק אייז וואָלט זיך צעגאַנגען אין אייך. עס פאַרפלייצט אייך. עפּעס פאַרקנוילט זיך ביי אייך אין האַלדז, ווען איר קומט צו אין דער צווייטער העלפט פונעם בוך צו די קאַפּיטלעך, וואָס דערציילן וועגן מענטשלעכער גוטסקייט, וועגן מענטשלעכער האַרציקייט, וועגן אָפּפערוויליקער רעטונגס־אַרבעט, וועגן רירנדיקן מענטשלעכן מיטגעפיל—איר פילט זיך פלוצלינג דערהויבן.

מיר ווייסן שוין פיל וועגן דער מענטשלעכקייט, וואָס די שוועדישע רעגירונג און דאָס שוועדישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן צו היטלערס קרבנות, ווי נאָר עס האָט זיך געמאַכט די ערשטע מעגלעכקייט צו ראַטעווען מענטשן פון די היטלער־לאַגערן.

אָבער דאָס אַלץ, וואָס מיר ווייסן פון דער כראָניק, ווערט בלאַס און אומבאַדייטנדיק, ווען מיר לייענען די לעבעדיקע, די צאַפּלדיקע בילדער, וואָס ווערן געשילדערט אין מלכה אָוושיאַנים דערציילונג.

די קאַפּיטלעך באַרוישן ווי דער טייערסטער וויין. עס איז אַזוי רירנדיק, אַזוי האַרציק. ווי מאָדנע דאָס איז: די מערדערס אינעם לאַגער זענען מענטשן און די פאַרשטייערס פון שוועדישן רויטן קרייץ, וואָס זענען געקומען נעמען די אָרימע היטלער־קרבנות צו גאַסט קיין שוועדן זענען אויך נישט מער ווי מענטשן?

די פרויען אין לאַגער ראַווענסברוק האָבן זיי טאַקע גערופן „די מלאכים".

שטעלט אייך פאָר:

**אַ צוויי וואָכן פאַר היטלערס סוף,** קומען אַראָפּ אומבאַקאַנטע מענטשן פון שוועדן און זעצן אַריין די פרויען אין די פיינסטע באָסעס און פירן זיי אַוועק קיין שוועדן. אויפן וועג, וועלכער פירט דורך דענעמאַרק, וואַרטן אויף זיי אין יעדער שטאָט מאַסן מענטשן מיט בלומען, מען גלעט זיי, מען צערטלט זיי, מען דעקט זיי צו ביינאַכט, ווען זיי שלאָפן, מען פירט זיי אין די גרעסטע מאַגאַזינען קויפן, וואָס זיי ווילן, און זיי —די באַפרייטע פרויען— גייען ווי שאָטנס אין זייערע לאַגער־זעק און לאַגער־סאַנדאַלן איבער די גאַסן פון ליכטיקע שטעט, איבער העל־באַלויכטענע טראָטואַרן, צווישן ריינע און גוט־באַקליידטע מענטשן, צווישן כוואַליעס פון מענטשלעכער גוטסקייט, וואָס וואַרעמט זיי, און — טרעפט וואָס איז זייער רעאַקציע אויף דעם אַלעם?

— זיי וויינען!

מען וואַרפט אויף זיי בלומען און — זיי וויינען. מען גיט זיי פון די בעסטע שפּייזן און מען גלעט זיי

איבער די קעפּ און — זיי וויינען.
ביינאַכט, ווען זיי ליגן אין ציכטי־
קע, ווייסע בעטן, גייען שטיל ארום
צווישן זיי שוועדישן פרויען און
דעקן זיי צו מיט צערטלעכקייט. זיי,
די ארויסגעקומענע פון די טויט־
לאַגערן, זעען דאָס, זיי פילן דאָס
און — זיי וויינען.

נישט רשעות, נאָר גוטסקייט
האָט זיי געמאכט וויינען, האָט צו־
ריק ווייך געמאכט זייערע פאַרהאַר־
טעוועטע הערצער און געעפנט די
פאַרטריקנטע קוואלן פון טרערן.
און —

שעמט אייך נישט! — איר
לייענט און וויינט מיט זיי מיט. עס
זענען טרערן פון גליק און פרייד
און גלויבן. איר פילט ווידער, אז
די וועלט איז באַוווינט נישט נאָר
פון חיות, נאָר אויך פון מענטשן.
איר פילט, אז דער מענטש —נישט
די מענטשלעכע חיה, נאָר טאַקע
דער מענטש —איז גוט. איר באַ־
קומט צוריק אריין אין אייער הארצן
דעם גלויבן דערין, אז די וועלט קען
נאָך זיין גוט. איר גלויבט: יאָ, די
וועלט ו ו ע ט נ אָ ד ז יי ן
ג ו ט!

און אויב איר זענט א סאָציאַ־
ליסט, פילט איר זיך באַזונדערס
שטאָלץ.

ווייל די רעגירונג און דאָס פאָלק
—די שוועדישע רעגירונג און דאָס
שוועדישע פאָלק— וואָס האָבן מיט
זייער פרייוויליקער מענטשלעכקייט
צו די היטלער־קרבנות אייך צוריק־
געגעבן אייער גלויבן אין א בעסע־
רער וועלט — זענען א פאָלק און א
רעגירונג, וואָס זענען באַגייסטערט
און באַשטראַלט מיט סאָציאַליסטי־
שע אידעען.

## 7

דאָס ביכל פון פּרץ גראַנאַטשטיין
ליידט —ווי ישראל טאַבאַקסבלאַטס
בוך וועגן לאָדזש— פון א געוויסער
איינזייטיקייט. אָבער עס איז גע־
שריבן מיט אזוי פיל רירנדיקער
הארציקייט און מיט אזוי פיל ליב־
שאַפט, אז איר זענט מוחל דעם
מחבר זיין איינזייטיקייט און איר
פילט צו אים א דאַנקבאַרקייט פאַר
די בילדער און טיפּן, וואָס ער
שטעלט פאַר אייך אוועק — ביל־
דער און טיפּן פון זיין שטעטל,
וועלכע, ווי אָריגינעל זיי זאָלן נישט
זיין, דערמאָנען אזוי שטאַרק אין
ענלעכע בילדער און אין ענלעכע
טיפּן אין הונדערטער אַנדערע
שטעטלעך, וואָס זענען אונטערגע־
גאַנגען אזוי ווי סאָקאָלאָוו. איר
לייענט גראַנאַטשטיינס ביכל און
איר פילט ווי עפּעס רייסט זיך אין
אייך אָפּ. צום הונדערטסטן, צום
טויזנטסטן מאָל שפּיזט אייך אדורך
די ווייטאָגלעכע פראַגע: איז עס טאַ־
קע מעגלעך, אז דאָס אַלץ זאָל האָבן
אומגעקומען?

גראַנאַטשטיין האָט ליטעראַרי־
שע פעאיקייטן. דאָ און דאָרט רייסט
זיך אדורך א שוואַכער זאַץ, א
נישט־געלונגענע פראַזע. אָבער דאָס
זענען אויסנאַמען. דאָס גאַנצע בוך
איז געשריבן מיט בפירושן ליטע־
ראַרישן טאַלאַנט. יעדע פּאָר זייט־
לעך בליצט אויף א קרעפּטיקע נאַ־
טור־באַשרייבונג, א זאַפטיק־באַ־
שריבענע סצענקע, אַן אָריגינעלער,
ליטעראַרישער פאַרגלייך.

פאַראַן קאַפּיטלעך, וואָס דער־
הייבן זיך צו דער מדרגה פון ז.
שניאורס „שקלאָווער יידן”. די
צאָלרייכע לאָקאַליזמען, מיט וועלכע
גראַנאַטשטיין באַנוצט זיך, גיבן צו
קאָלאָריט. טייל מאָל כאַפּט אפילו
דער מחבר איבער די מאָס (לאָמיר
נעמען פאַר א ביישפּיל אזא אויס־
דרוק ווי „סוואָנט” אויפן זייטל
107); טייל מאָל באַנוצט זיך דער
מחבר מיט פאַרגרייזטע אויסדרוקן
(צום ביישפּיל, דאָס וואָרט „נינ־
פּעט” אויפן זייטל 36); טייל מאָל
ווייזט דער מחבר ארויס א שוואַכ־
קייט צו א באַזונדערן מין זינלאָזע
טאַפּטאָלאָגיעס („ י ו נ ג ט ל ע כ ע
יינגלעך” אויף זייט 36, „דער רו־
איקסטער שטילער” אויף זייט 54

א"א). אָבער דאָס גאנצע בוך שימערירט מיט יונגטלעכן חן — חן פון די דערוואכטע יידיש־פּוילישע שטעטלעך. אפילו די קאָמישע סצענעס און בילדער רופן ארויס אין אייך פיל ווארעמקייט. דו ביסט דאנקבאר דעם מחבר פארן דענקמאָל, וואָס ער האָט געשטעלט זיין שטעטל. פארמאכסט דאָס ביכל מיטן הייסן ווּנטש, אז גראנאטשטיינס מאָנאָגראפיע זאָל זיין א סטימול פאר אנדערע. זאָל מען מיט וואָרט און בילד צוריק אויפלעבן אין אונדזערע הערצער דאָס ליכטיקע יידיש־פּוילישע שטעטל, וואָס רוצחים האָבן פארטיליקט!

8

די ביכער פון אלחנן צייטלין און פון ז. סעגאלאָוויטש אנטהאלטן באזונדערס־ווערטפולן מאטעריאל פאר דער קולטור־געשיכטע פון יידיש־פּוילישן ישוב.

אלחנן צייטלין אליין איז אומגעקומען אין געטאָ. זיינע זכרונות וועגן זיין טאטנס, הלל צייטלינס, ליטערארישער שטוב האָט ער אָנגעשריבן און ארויסגעגעבן פארן קריג אין פּוילן. איצט האָט עס טורקאָוו איבערגעדרוקט אין ארגענטינע צוזאמען מיט א זאמלונג פון אלחנן צייטלינס יוגנט־לידער און מיט א וויימוטיקן נאָכוואָרט פון דעם באקאנטן יידישן שריפטשטעלער אהרן צייטלין (אלחנן צייטלינס א ברודער). די פאָררעדע צום בוך האָט געשריבן ש. ניגער.

ז. סעגאלאָוויטשעס בוך באהאנדלט די זעלבע סביבה, וואָס צייטלינס בוך — די יידישע ליטערארישע סביבה אין ווארשע. אָבער צייטלינס בוך גיט א בילד פון דער יידישער ליטערארישער פאמיליע ב י ז די צוואנציקער יאָרן און סעגאלאָוויטש מאָלט די יידישע ליטעראטור און די יידישע ליטעראטן אין ווארשע אין די צוואנציקער און דרייסיקער יאָרן.

נאָך איין אונטערשיד איז פאראן צווישן די דאָזיקע צוויי ביכער: צייטלינס בוך איז געשאפן געוואָרן, ווען דער גרעסטער טייל העלדן פון זיין ליטערארישער סביבה האָבן נאָך געלעבט, בעת סעגאלאָוויטשעס בוך איז שוין בלויז א וויטאָגלעכער „קדיש" נאָך א פארשניטענער וועלט.

פּונקט ווי זיינע לעצטע פּאָעמעס וועגן פּוילן, אזוי איז דאָס בוך „טלאָמאצקע 13" געשריבן מיט א סך געפיל, מיט א סך ווייטיק, מיט פייערלעכן, פּאטעטישן טרויער.

סעגאלאָוויטש סימבאָליזירט מיט זיך די לעצטע יאָרן די יידישע שטים, וואָס וויינט אויף פּוסטע פעלדער — וויינט און באוויינט אירע פארשניטענע קינדער. נאכט איז ארום אין יידישן לעבן און סעגאלאָוויטשעס שטים קלאָגט הארצרייסנדיק אין דער פינסטער. עס איז א מין מאָדערנער „רחל מבכה על בניה". אזוי קלינגט אָפּ סעגאלאָוויטשעס שטים אין זיינע פּאָעמעס און נאָך מערער פילט איר דאָס, ווען איר לייענט זיין „קדיש"־בוך נאָכן פארשניטענעם ליטערארישן דור אין פּוילן — סעגאלאָוויטשעס בלוט און פלייש, זיינע נאָענטסטע חברים, זיין ענגסטע סביבה.

דאָס בוך וואָלט זייער פיל געוווּנען, ווען געוויסע קאפּיטלעך אין אים וואָלטן אין גאנצן אויסגעמיטן אָדער שטארק קאָנדענסירט געוואָרן. עס איז בכלל א געפערלעכע זאך, ווען מען לאָזט זיך אריין אין אָפּהאנדלונגען און אין מעמוארן וועגן לעבעדיקע מענטשן, בפרט נאָך וועגן אזעלכע סענסיטיווע מענטשן ווי עס זענען ליטעראטן . . .

נישט געקוקט אָבער אויפן דאָזיקן פעלער, איז סעגאלאָוויטשעס בוך אן אויסערגעוועגלעך־וויכטיקער ביישטייער צו דער קינפטיקער ביאָגראפיע־ליטעראטור פון צענדליקער אומגעקומענע יידישע שרייבערס.

פאר מענטשן, וואָס האָבן גע־לעבט אין דער דאָזיקער סביבה, איז סעגאלאָוויטשעס בוך א פּיינלעכע איבערלעבונג — עס איז א קאָש־מאַרפולער „ראנדעווו״ מיט צענד־ליקער פריינט, חברים און קאָלעגן; עס איז א שוידערלעכער טויטן־מארש פון צענדליקער מענטשן, מיט וועלכע האָסט צוזאמען געלעבט, טייל מאָל קעגן זיי געקעמפט, אָבער תמיד געווען מיט זיי צוזאמען.

די באדייטונג פון סעגאלאָוויטשעס בוך, ווי פון דער גאנצער ביבליאָטעק, וואָס מארק טורקאָוו גיט איצטער ארויס אין ארגענטינע מיט אזוי פיל מסירת־נפש, באשטייט טאקע קודם־כל דערין, וואָס זיי האלטן וואך אונדזערע חושים און לאָזן נישט פארגעסן.

ווייל — לעבן אין שאָטן פון די אומגעקומענע איז דער גורל פון אונדז אלעמען, וואָס האָבן געהאט דאָס צווייפלהאפטע מזל צו בלייבן לעבן אין א פאריתומטער וועלט.

---

וועגן אלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ זיך ווענדן:

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
28סטן אויגוסט 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ א ן" — פאסטעור 333
טעלעפאָן 7752-47 - בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 28 de Agosto de 1947 en los
Talleres Gráficos HEUMAN,
Pasteur 333. Tel. 47-7752 - Bs. As.